STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09290

DI TSAYT FUN FARSHTAND

Thomas Paine

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

טאָמאַס פּעין

די צייט פון פאַרשטאַנד

(„די עפּאָכע פון ראַציאָנאַליזם")

אַ שטודיע וועגען דעם אמת און ליגען פון רעליגיע.

אידיש פון נ. פּערעלמאַן.

ארויסגעגעבען פון
Farlag: MAX JANKOVITZ
179 E. Broadway New York

צו מיינע מיטבירגער פון די פאראייניגטע שטאטען פון אמעריקע.

איך גיב איבער אין אייער פריינדליכען רשות דאס פאלגענדיגע ווערק, אין וועלכען איך זאג ארויס מיינע מיינונגען איבער רעליגיע. איך האף, אז איהר וועט זיין גערעכט צו מיר און געדענקען, אז איך האב אלע מאל מיט אלע מיינע כחות פארטיידיגט דאס רעכט פון יעדען מענשען אויף זיין אייגענער מיינונג, מעג זי ווי אנדערש זיין פון מיינער. דער, וואס לייקענט אפ אט־דאס רעכט פאר אן אנדערען, פארשקלאפט זיך אליין צו זיין א י צ ט י ג ע ר מיינונג, ווייל ער נעמט פון זיך אליין אוועק דאס רעכט זי ווען־עס־איז צו בייטען.

דער שכל איז דאס שטארקסטע קאמפס־מיטעל קעגען יעדען מין טעות. איך האב זיך קיינמאל נישט באנוצט מיט קיין אנדערע מיטלען און האף אויך ווייטער אזוי צו האנדלען.

טאמאס פעין,

לוקסענבורג (פאריז), יאנואר 27, 1794

ערשטער טייל

פאר די לעצטע עטליכע יאהר האב איך געהאט בדעה צו פארעפענטליכען מיינע געדאנקען וועגען רעליגיע. איך וויים גאנץ גוט די שווערקייטען, מיט וועלכע דער דאזיגער ענין איז פאר־בונדען, און איך האב עס דעריבער אפגעליינט אויף א שפעטערער צייט פון מיין לעבען. איך האב געהאט אין זינען, אז דאס זאל שוין זיין מיין לעצטע לייסטונג צו מיינע מיטבירגער פון אלע פעל־קער, און האב באשלאסען צו געבען זי ערשט דעמאלט, ווען די ערליכקייט פון די מאטיוון, וואס האבען מיך באוועגט אונטער־צונעמען אזא זאך, וועט נישט קאנען געשטעלט ווערען אונטער א צווייפעל אפילו פון יענע מענשען, וואס וועלען אפשר נישט געבען זייער הסכמה אויף מיין ווערק.

דער צופאל, וואס פראנקרייך האט איצט אפגעשאפט איהר גאנצען פריסטער־קלאס און אלצדינג, וואס האט נאר צו טון מיט ארויפגעצוואונגענע רעליגיעזע סיסטעמען און ארויפגעצוואונגענע עיקרים פון גלויבען. — אט־דער צופאל האט נישט נאר געבראכט מיך געהענטער צו דער אויספירונג פון מיין פלאן, נאר אויך גע־פירט דערצו, אז דאס פארעפענטליכען א ווערק פון אט־דעם מין זאל ווערען א דרינגענדיגע נויטיגקייט, ווייל אין דעם אלגעמיינעם פאנאנדערפאל פון אבערגלויבען, פאלשע רעגירונגס־סיסטעמען און פאלשער טעאלאגיע וואלטען מיר געקאנט גאר אינגאנצען פארגע־סען די מאראל, די מענשען־ליבע און די אמת׳דיגע טעאלאגיע.

אזוי ווי איינינע פון מיינע קאלעגען און אנדערע צווישען מיי־נע מיטבירגער פון פראנקרייך האבען פארעפענטליכט זייער איי־גענווילינען און אינדיווידועלען „א נ י מ א מ י ן", וועל איך נאכטון זייער ביישפיל און פארעפענטליכען מיינעם; און איך

וועל דאס טון מיט דער גאנצער אויפריכטיגקייט און אפענהארציג־קייט, וואס א מענש פארמאגט נאר בנוגע צו זיך אליין.

איך גלויב אין דעם איין־איינציגען גאט; און איך האף אויף גליק נאכ'ן לעבען.

איך גלויב אין דער גלייכהייט פון מענשען; און איך גלויב, אז די רעליגיעזע פליכטען באשטייען אין טון גערעכטיגקייט, אין זיין פול מיט רחמנות און אין שטרעבען צו מאכען אונזערע מיט־מענשען גליקליך.

אבער כדי מען זאל נישט מיינען, אז איך גלויב נאך אין פיל אנדערע זאכען, א חוץ אט־די, וועל איך אין לויף פון מיין ווערק קלאר מאכען, אין וועלכע זאכען איך גלויב נ י ש ט און פאר־וואס איך גלויב נישט אין זיי.

איך גלויב נישט אין די עיקרים ניט פון דער אידישער רע־ליגיע, ניט פון דער רוימישער, גריכישער, טערקישער, פראטעס־טאנטישער אדער וואסער־עס־איז אנדער קירך, פון וועלכער איך ווייס נאר. מיין שכל איז פאר מיר מיין קירך.

אלע נאציאנאלע קירכען־אינסטיטוציעס, צי דאס זיינען אי־דישע, קריסטליכע אדער טערקישע, זעהען מיר אוים צו זיין נישט מעהר, ווי מענשליכע ערפינדונגען, געמאכט מיט'ן ציל צו פאר־שקלאפען די מענשהייט, צו האלטען זי אין פחד און צו מאנא־פאליזירען מאכט און הכנסות.

מיט אט־דער דערקלערונג וויל איך נישט פארמשפט'ן די מענשען, וואס גלויבען אנדערש; זיי האבען פונקט אזוי א רעכט אויף זייער גלויבען, ווי איך — אויף מיינעם. אבער פאר'ן גליק פון דעם מענשען איז נויטיג, אז ער זאל פארבלייבען אין זיין האר־צען געטריי צו זיך אליין. אומגלויביגקייט באשטייט נישט אין גלויבען אדער נישט־גלויבען, נאר אין עפענטליך אנערקענען א זאך, וואס באמת האט מען אין איהר נישט קיין אמונה.

עס איז אוממעגליך אויסצורעכענען דעם מאראלישען שאדען, וואס אזא מין פאלש־זיין צו זיך אליין האט געבראכט דער געזעל־שאפט. ווען א מענש האט אויף אזוי ווייט פארדארבען און פראס־טיטואירט די אומשולד פון זיין נשמה, אז ער קאן געבען זיין פרא־

פעסיאנעלע הסכמה אויף זאכען. אין וועלכע ער גלויבט נישט, גרייט ער זיך אליין דערמיט צו צו באגיין יעדען אנדער מין פאר־ברעכען. ער נעמט צוליב פרנסה אן דעם אמט פון א גייסטליכען. און כדי מען זאל איהם צולאזען צו דעם דאזיגען אמט, איז ער גלייך אין אנהויב זיך מתיר צו שווערען פאלש. קאן מען דען זיך גאר פארשטעלען א מאראליש־שעדליכערע זאך, ווי דאס?

באלד נאך דעם, ווי איך האב פארעפענטליכט אין אמעריקע מיין פאמפלעט „ד ע ר פ ש ו ט ' ע ר ש כ ל", האב איך איינגעזעהען די גרייליכע מעגליכקייט פון א רעליגיעזער רעוואלוציע, וואס זאל פאלגען נאך דער פאליטישער רעוואלוציע. צו פארדאנקען דעם אומערליכען בונד צווישען דעם שטאט און דער קירך, איז שטרענג פארבאטען, אונטער דער מורא פון כל'ערליי שטראפען, צו האבען גאר א ויכוח איבער די עקזיסטירענדיגע רע־ליגיעס און איבער די עיקרים פון גלויבען; און אויף אזא אופן קאנען אט־די אלע ענינים גאר אנדערש נישט ארויסגעבראכט ווע־רען אין זייער אמת'דיגען ליכט, סיידען נאר עס זאל פארקומען אן ענדערונג אין דער רעגירונגס־סיסטעם; און אויב אזא ענדערונג זאל באמת פארקומען, וועט תיכף נאך דעם פאלגען א רעוואלוציע אין דער רעליגיע. עס וועלען אויפגעדעקט ווערען די מענשליכע ליגענס און די שווינדלעריי פון די גייסטליכע; און דער מענש וועט זיך ווידער אומקערען צום ריינעם, נישט־געמישטען און נישט־געפעלשטען גלויבען אין דעם איין־איינציגען גאט.

יעדע נאציאנאלע קירך אדער רעליגיע האט זיך באפעסטיגט דורך דעם, וואס זי האט פרעטענדירט צו האבען עפיס א באזונדערע שליחות, וואס גאט האט מיטגעטיילט צו געוויסע מענשען. די אי־דען האבען זייער משה'ן; די קריסטען האבען זייער ישו הנוצרי, זייערע אפאסטאלען און הייליגע; און די טערקען האבען זייער מחמד'ען. פונקט ווי דער וועג צו גאט וואלט נישט געווען אפען פאר אלעמען גלייך.

די דאזיגע אלע קירכען ווייזען געוויסע ביכער, וועלכע זיי רופען אן א נ ט פ ל ע ק ו נ ג, אדער דאס ווארט פון גאט. די אידען זאגען, אז זייער ווארט פון גאט איז געגעבען געווארען פון

גאָט צו משה'ן, פּנים אל פּנים; די קריסטען זאָגען, אַז זייער וואָרט פון גאָט איז געקומען דורך רוח הקודש; און די טערקען זאָגען, אַז זייער וואָרט פון גאָט (דער ק אָ ר אַ ן) איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרען פון הימעל דורך אַ מלאך. יעדע איינע פון די דאָזיגע קירכען באַשולדיגט די איבעריגע אין אומגלויביגקייט; און וואָס עס איז שייך צו מיר, גלויב איך נישט אין קיינער פון זיי.

אַזוי ווי עס איז נויטיג צו פאַרבינדען ווערטער מיט זייערע אמת'ע באַגריפען, וועל איך דאָ מאַכען איינינע באַמערקונגען איבער דעם וואָרט אַ נ ט פּ ל ע ק ו נ ג, איידער איך וועל אָנגיין ווייטער מיט מיין ענין.

דאָס וואָרט אַ נ ט פּ ל ע ק ו נ ג, ווען אָנגעווענדט צו רעליגיע, הייסט עפּיס אַזוינס, וואָס גאָט טיילט מיט אַ ו מ מ י־ ט ע ל ב אַ ר דעם מענשען.

קיינער וועט נישט לייקענען אין דער מאַכט פון דעם אַלמעכטיגען צו מאַכען אַזאַ מיטטיילונג, אויב ער וויל עס נאָר טון. ווען מיר וועלען אָבער צולאָזען, בדרך משל, אַז עטוואָס איז אַנטפּלעקט געוואָרען נאָר פאַר אַ געוויסען מענשען און ווייטער פאַר קיינעם נישט, וועט דאָס זיין אַן אַנטפּלעקונג נאָר פאַר אָט־דעם מענשען. אויב ער דערציילט עס צו אַ צווייטען, און אַ צווייטער צו אַ דריטען, אַ דריטער צו אַ פערטען און אַזוי ווייטער, איז עס נישט קיין אַנטפּלעקונג פאַר אַלעמען. עס איז אַן אַנטפּלעקונג נאָר פאַר דעם ערשטען, פאַר די איבעריגע אָבער איז עס נישט מעהר, ווי אַ זאַך, וואָס זיי האָבען געהערט זאָגען, און זיי מוזען נישט דווקא גלויבען אין דעם.

עס איז אַ ווידערשפּרוך אין ווערטער און באַגריפען צו רופען אַ נ ט פּ ל ע ק ו נ ג אַזוינס, וואָס קומט צו אונז פון דער צווייטער האַנט, אין וואָרט אָדער אין שריפט. דאָס וואָרט אַנטפּלעקונג קאָן נישט אַנדערש אָנגעווענדט ווערען, ווי נאָר פאַר דער ערשטער מיטטיילונג, — נאָך דעם איז עס נישט מעהר ווי אַ מעשה, וואָס אימיצער גיט אָן, ווי אַן אַנטפּלעקונג צו איהם; און מעג זיך יענער פילען געצוואונגען צו גלויבען אין דעם, קאָן אָבער דאָסזעלביגע נישט פאַרקומען אויך מיט מיר; פאַר מיר איז דאָס נישט קיין

אנטפלעקונג; מיר בלייבט נאר איבער צו גלויבען יענעם אויפ'ן ווארט.

ווען משה האט געזאגט צו די קינדער פון ישראל, אז ער האט באקומען די לוחות פון גאט'ס הענט, האבען זיי איהם נישט געמוזט גלויבען, ווייל זיי האבען אחוץ זייערע אייגענע ווערטער קיין אנדער באווייז נישט געהאט; און איך, פון מיין זייט, האב אויך נישט קיין אנדער באווייז, ווי נאר די ווערטער פון א געוויסען היסטאריקער, וואס דערציילט מיר וועגען דעם. די עשרת הדברות טראגען נישט אין זיך גופא קיין באווייז פון זייער געטליכקייט; זיי אנטהאלטען אייניגע גוטע מאראלישע פארשריפטען, וואס יעדער געזעצגעבער וואלט זיי געקאנט שאפען אליין, אן דער אריינמישונג פון אן איבערנאטירליכער קראפט.*)

ווען מען זאגט מיר, אז דער ק א ר א ן איז געשריבען געווארען אויפ'ן הימעל און אראפגעבראכט געווארען דורך א מלאך צו מחמד'ן, איז דאס פאר מיר אויך נישט מעהר, ווי נאר א מעשה, וואס איך האב געהערט דערציילען, און נישט פיל איבערצייגענדיגער ווי דאס פריהערדיגע. איך אליין האב דעם מלאך נישט געזעהען און האב דעריבער א רעכט נישט צו גלויבען אין דעם, וואס מען דערציילט מיר.

ווען מען דערציילט מיר נאך, אז א פרוי, וועלכע מען האט גערופען די יונג־פרוי מרים, האט געלאזט וויסען, אז זי איז מעוברת געווארען אן דעם צוזאמענלעבען מיט א מאן, אז איהר חתן יוסף האט אליין געזאגט, אז א מלאך האט עס איהם פארטרויט, האב איך א רעכט צו גלויבען אין דעם אדער נישט; ווייל פאר אזא מין זאך פאדערט זיך א פיל־שטארקערער באווייז, ווי בלויז דאס, וואס מרים און יוסף האבען געזאגט; מיר האבען אבער אפילו דאס אויך נישט — ניט ער און ניט זי האבען עס אליין אנגעשריבען; דאס

*) עס איז אבער נויטיג אויסצושליסען דערפון די דערקלערונג, וואס זאגט, אז גאט רעכענט צו די זינד פון די עלטערען צו די קינדער; דאס איז סותר יעדען פרינציפ פון מאראלישען יושר.

גיבען אונז אנדערע איבער, אז **זיי האבען אזוי געזאגט** — עס איז א מעשה פון געזאגט און גערעדט, און איך האב לחלוטין נישט קיין חשק צו גלויבען אין אזוינע באווייזען.

עס איז אבער נישט קיין שווערע זאך צו ווייזען, ווארום מענשען האבען געגלויבט אין דער מעשה, אז ישו הנוצרי איז געווען גאט'ס זון. ישו איז געבוירען געווארען אין א צייט, ווען די היידנישע מיטאלאגיע איז נאך געווען אנגענומען אין דער וועלט, און זי האט עס צוגעגרייט די מענשען צו גלויבען אין אזא מעשה. כמעט אלע גרויסע לייט, וואס האבען געלעבט אין דער צייט פון דער היידנישער מיטאלאגיע, זיינען פאררעכענט געווען פאר די זין פון אייניגע פון די דעמאלטדיגע געטער. אין יענער צייט איז דאס נישט געווען קיין אויסערגעוויינטליכע זאך צו גלויבען אויף א מענשען, אז ער איז געווען דער זון פון הימעל; אז געטער האבען פארקערט מיט פרויען איז דאן געווען א גאנץ אנגענומענע מיינונג. יופיטער האט, לויט די לעגענדען, פארקערט מיט הונדערטער פרויען: דאס איז גארנישט באטראכט געווארען פאר מיאוס אדער אויסערגעוויינטליך; עס איז געווען א גאנץ פשוט'ע זאך און האט פולשטענדיג געשטימט מיט די מיינונגען, וואס האבען דאן געהערשט ביי די אזוי־גערופענע היידנער אדער מיטאלאגיסטען, און טאקע נאר זיי אליין האבען אין דעם געגלויבט. די אידען האבען זיך שטרענג געהאלטען ביי זייער גלויבען אין דעם איין־איינציגען גאט; זיי האבען פון אייביג אן צוריקגעוויזען די געצענדינערישע מיטאלאגיע און קיינמאל נישט געגלויבט אין דער מעשה וועגען ישו הנוצרי.

עס איז אינטערעסאנט צו זעהן, ווי אזוי די טעאריע פון דער אזוי־גערופענער קריסטליכער קירך איז ארויסגעקומען פון דעם עק פון דער היידנישער מיטאלאגיע. קודם כל האט מען געלאזט דעם אנגענומענעם גרינדער פון דער קריסטליכער קירך צו זיין א קינד פון הימעל, וואס דאס הייסט פשוט צוצוגעבען א קערפערליכע געשטאלט צו דעם געטליכען. נאך דעם האט געפאלגט די דריי־איינigקייט, וואס דאס איז נישט מעהר, ווי א פארמינערונג פון דער פריהערדיגער פיל־צאליגקייט, פון די פריהערדיגע צוואנציג

אדער דרייסיג טויזענט געטער: מרים'ס סטאטוע האט פארנומען דעם פלאץ פון דער סטאטוע פון דיאנא פון עפעזוס; די פארגע־טערונג פון העלדען איז פארביטען געווארען אויף דער קאנאניזירונג פון הייליגע; די מיטאלאגיסטען האבען פאר יעדער זאך געהאט גע־טער; די קריסטליכע מיטאלאגיסטען האבען פאר יעדער זאך גע־האט הייליגע; די קירך איז געווארען איבערגעפילט מיט הייליגע פונקט אזוי ווי דער פאנטעאן איז געווען איבערגעפילט מיט גע־טער, און רוים איז געווען דער פלאץ פאר ביידע. די קריסטליכע שטה שיידט זיך ווענינ וואס אפ פון דער געצענדינעריי פון די פארצייטיגע מיטאלאגיסטען, וואס האט גוט געדינט די אינטערע־סען פון מאכט און הכנסה; און עס בלייבט נאך אלץ איבער פאר'ן שכל און פאר דער פילאזאפיע צו פארניכטען אט־די צוויי־פּנים'־דיגקייט.

קיין זאך, וואס איז דא געזאגט געווארען, קאן אבער אויף קיין פאל נישט געזאגט ווערען, אפילו נאר מיט א שאטען פון מיס־אכטונג, וועגען דעם אמת'דיגען כאראקטער פון ישו הנוצרי. ער איז געווען א מענש פון גוטע מדות און א גוט הארץ. די מאראל, וואס ער האט געפרעדיגט און פראקטיצירט, איז געווען פול מיט ליבע צו מענשען; און הגם קאנפוציוס און איינינע גריכישע פי־לאזאפען — פאר איהם, און די קוויקערס — נאך איהם, ווי אויך פיל גוטע מענשען פון אלע צייטען, האבען געפרעדיגט ענ־ליכע מאראלישע סיסטעמען, קומט אבער קיינע פון זיי נישט צו זיינער.

ישו הנוצרי האט אליין גארנישט אנגעשריבען וועגען זיך, וועגען זיין געבוירען, וועגען זיינע עלטערען, אדער וועגען וואסער־עס־איז אנדער זאך; קיין שורה פון דעם אלעם, וואס מען רופט ב ר י ת ח ד ש ה, איז נישט אנגעשריבען געווארען פון איהם אליין. זיין לעבענס־באשרייבונג איז דורכאויס די ארבייט פון אנדערע מענשען; און וואס עס איז שייך צו דער מעשה וועגען זיין אויפשטיין תחית המתים און זיין ארויפגיין אויפ'ן הימעל, איז דאס געווען א נויטיגער צוגאב צו דער מעשה וועגען זיין געבוירען ווע־רען. געבראכט איהם אויף דער וועלט אויף אן איבערנאטירליכען

אופן, זיינען די היסטאריקער זיינע געצוואונגען געווען אויפ׳ן זעל־
בינען אופן אוועקצונעמען איהם פון דער וועלט, אז ניט וואלט דער
ערשטער טייל פון אט דער מעשה געמוזט פאנאנדערפאלען.

דער אומגעלומפערט־צוגעטראכטער סוף פון דער מעשה אי־
בערטרעפט אלצדינג, וואס עס איז פאר דעם דערציילט געווארען.
דאס, וואס עס ווערט דערציילט וועגען מרים׳ס איבערנאטירליכער
באפרוכטונג, האט נישט געקאנט עפענטליך באשטעטיגט ווערען;
און די פארפאסער פון אט־דער געשיכטע האבען דעריבער געהאט
די גוטע געלעגענהייט, וואס איהר אויסגעטראכטקייט האט נישט
געקאנט אויפגעדעקט ווערען, הגם מען איז דערביי אויך נישט
מחויב געווען זיי צו גלויבען. מען האט פון זיי נישט געקאנט
פארלאנגען קיין ראיות, ווייל דאס איז נישט געווען קיין זאך, וואס
האט דערלאזט ראיות, און אפילו די פערזאן גופא, וועגען וועלכער
די מעשה איז דערציילט געווארען, וואלט עס אויך נישט געקאנט
דערוויזען.

אבער דאס לעבעדיג־ווערען פון א טויטען מענשען אין קבר
און זיין אויפהויבען זיך אין דער לופטען איז שוין גאר אן אנדער
זאך; להיפוך צו דער נישט־געזעהענער באפרוכטונג פון א פרויען־
טראכט, קאן דאס גראד באוויזען ווערען. אנגענומען, אז דאס
לעבעדיג־ווערען און דאס אויפהויבען זיך אין דער לופטען איז אויף
אן אמת פארגעקומען, וואלט עס דאך געקאנט געזעהען ווערען
וועניגסטענס פון אלע מענשען אין ירושלים, פונקט ווי דאס אויפ־
הויבען זיך פון א לופט־באלאן אדער ווי די זון אין מיטעןביי־
טאג. א זאך, וואס יעדער איינער איז אין איהר מחויב צו גלויבען
פאדערט, אז זי זאל קלאר און דייטליך באוויזען ווערען פאר אלע־
מען גלייך; און אזוי ווי דער איינציג־מעגליכער באוויז פון אט־
דעם לעצטען פאל, דער איינציגער באוויז, וואס וואלט געקאנט
באשטעטיגען אויך דעם ערשטען טייל פון דער מעשה, איז נאר
דאס עדות־זאגען דערויף פון א סך מענשען, לאזט זיך פון דער
גאנצער געשיכטע גארנישט אויס, ווייל אזא באוויז איז אונז קיינ־
מאל נישט געגעבען געווארען. אנשטאט דעם, שטעלט מען אונז
גאר פאר א קליינע צאל מענשען, נישט מעהר ,ווי אכט אדער

יין, וואס פארטרעטען אלעמען; זיי דערקלערען פאר דער גאנצער וועלט, אז זיי האבען דאס אליין געזעהען, און די וועלט דארף זיי גלויבען. עס זעהט אבער אויס, אז טאמאס האט נישט געגלויבט אין ישו'ס אויפשטיין פון קבר, און, ווי מען דערציילט, האט ער באין אופן נישט געוואלט גלויבען אין דעם, נישט האבענדיג צוגעזעהן עס מיט זיינע אייגענע אויגען און אנגעטאפט דעם לעבעדיג־געווארענעם מיט זיינע אייגענע הענט. און פונקט אזוי וועל איך נישט גלויבען, און איך האב דערויף פונקט אזא גוטען גרונד, ווי טאמאס און ווי יעדער אנדער מענש.

דער גאנצער ענין לאזט זיך נישט פארהוילען. די מעשה, וואס עס איז שייך צו איהר איבערנאטירליכען טייל, טראגט אויף זיך אלע קלארע סמנים פון שווינדעל און באטרוג. ווער די פארפאסערס איהרע זיינען געווען איז פאר אונז פונקט אזוי אוממעגליך צו וויסען, ווי עס איז אוממעגליך פאר אונז צו זיין זיכער, אז די ביכער, אין וועלכע די מעשה ווערט איבערגעגעבען, זיינען באמת געשריבען געווארען פון יענע מענשען, וועמענס נעמען זיי טראגען; דער בעסטער לעבעדיגער באוויז פון אט־דער אנגעלעגענהייט, וואס מיר האבען איצט, זיינען די אידען. זיי שטאמען דירעקט אפ פון יענעם פאלק, וואס האט געלעבט אין דער צייט, ווען אט־דאס לעבעדיג־ווערען און דאס אויפשטייגען צום הימעל איז, ווי מען דערציילט אונז, פארגעקומען. און זיי זאגען, אז דאס איז נישט אמת. עס איז מיר שוין לאנג פארגעקומען עפיס גאר נישט־שכל'דיג צו ברייגגען די אידען, ווי א ראיה פון דער אמת'דיגקייט פון אט־דער מעשה. עס איז פונקט דאס אייגענע, ווי ווען א מענש וואלט געזאגט: כדי צו באווייזען דעם אמת פון דעם, וואס איך האב געזאגט, וועל איך ברייגגען מענשען, וואס זאגען, אז דאס איז פאלש.

אז אזא מענש, ווי ישו הנוצרי, האט באמת געלעבט און אז ער איז געקרייציגט געווארען, ווי דאס איז אין יענער צייט געווען דער שטייגער פון היגריכטונג, איז א פאקט, וואס די געשיכטע האט פעסטגעשטעלט אין די גרענעצען פון װאַרשײנליכקייט. ער

האט געפּרעדיגט די פיינסטע מאָראַל און די גלייכהייט פון מענ־שען; ער האט אבער אויך געפּרעדיגט קעגען דער אומערליכקייט און גייציגקייט פון די אידישע פּריסטער, און דאס האט ארויס־גערופען אנטקעגען איהם זייער האס און צארן. זיי האבען איהם באשולדיגט אין העצען און אין פארשווערונג קעגען דער רוימישער מלוכה, צו וועלכער די אידען זיינען אין יענער צייט געווען אונ־טערטעניג; און עס איז גאנץ מעגליך, אז די רוימישע רעגירונג האט, פונקט ווי די אידישע פּריסטער, זיך אויך געשראָקען פאר די רעזולטאטען פון זיין לערע; עס איז אויך נישט אויסגעשלאָסען, אז ישו הנוצרי האט געהאט אין זיין געדאנק צו באפרייען דאס אידישע פאלק פון דעם רוימישען יאָך. אבער ווי דאס זאל נישט זיין, האט דער ערליכער רעפארמער און רעוואָלוציאָנער צווישען די ביידע דערוויילע פארלארען זיין לעבען.

אויף אט־די איינפאכע פאקטען, אינאיינעם מיט נאך א פאל, וועגען וועלכען איך וועל באלד רעדען, האבען עס די קריסטליכע מיטאלאגיסטען, וואס רופען זיך אליין די קריסטליכע קירך, אויפ־געבויט זייער פאבעל, וואס איבערטרעפט מיט איהרע גוזמאות און אומזיניגקייט אלצדינג, וואס מען קאן נאר געפינען אין דער מיטא־לאגיע פון די אוראלטע פעלקער.

די אוראלטע מיטאלאגיסטען דערציילען אונז, אז די ראסע פון ריזען האט דערקלערט יופּיטער'ן מלחמה, און איינער פון זיי האט מיט איין מאל א שליידער געטון אויף איהם גאנצע הונ־דערט פעלזענבערג; יופּיטער האט איהם באזיגט מיט זיין דונערען און פארשפארט אונטער'ן בארג עטנא, — און יעדען מאל, ווען דער ריז טוט זיך דארט א ריר, הויבט דער בארג אן שיסען מיט פייער.

עס איז דא לייכט צו זעהן, אז דאס, וואס דער בארג איז א וואולקאן, האט סוגערירט דעם געדאנק וועגען דער פאבעל, און די פאבעל איז געמאכט געווארען אזוי, אז זי זאל זיך פאסען צו דעם און זיך דערמיט ענדיגען.

די קריסטליכע מיטאלאגיסטען דערציילען אונז, אז זייער שטן האט דערקלערט מלחמה דעם אלמעכטיגען, וועלכער האט איהם

באזינגט און פארשפארט נים אונטער א בארג, נאר אין שאול תחתיה אריין. עס איז דא לייכט צו זעהן, אז די ערשטע פאבעל האט סוגערירט דעם געדאנק וועגען דער צווייטער; ווייל די פאבעל וועגען יופיטער'ן און די ריזען איז דערציילט געווארען מיט פיל הונדערטער יאהרען פאר דער פאבעל וועגען דעם שטן.

ביז אהער איז די נפקא־מינה צווישען די אוראלטע און די קריסטליכע מיטאלאגיסטען זעהר א קליינע. אבער די לעצטע זיינען נאך אוועק פיל ווייטער אין זייערע אויסטראכטונגען. זיי האבען פארבונדען דעם פאבעלהאפטען טייל פון דער מעשה וועגען ישו הנוצרי מיט דער פאבעל, וואס שטאמט פון דעם בארג עטנא; און כדי אלע טיילען פון דער מעשה זאלען שטימען צווישען זיך, האבען זיי גענומען זיך צו הילף די אידישע לעגענדען; ווייל די קריסטליכע מיטאלאגיע איז צוזאמענגעשטעלט געווארען טיילווייז פון דער אוראלטער מיטאלאגיע און טיילווייז פון די אידישע לע־גענדען.

פארשפארט דעם שטן אין שאול תחתיה אריין, זיינען די קריסטליכע מיטאלאגיסטען שפעטער געווען געצוואונגען איהם ארויסצולאזען, כדי צו קאנען ווייטער פארטזעצען זייער פאבעל. ער ווערט דעמאלט אריינגעפירט אין גן עדן, אין דער פארם פון א שלאנג, און אזוי ארום פארפירט ער אז אינטימען געשפרעך מיט חוה'ן, וועלכע ווערט גארנישט איבערראשט צו הערען א שלאנג רעדען; דער סוף פון דעם געשפרעך איז, אז ער רעדט זי איין צו עסען אן עפעל, און דאס עסען דעם עפעל ברייננט א קללה אויף אלע מענשען.

נאכדעם, ווי די קירכען־מיטאלאגיסטען האבען אויף אזא אופן געלאזט דעם שטן טריאומפירען איבער דער גאנצער יצירה, וואלט מען, דאכט זיך, געקאנט דערווארטען, אז זיי זאלען אזוי גוט זיין און איהם שיקען צוריק אין שאול תחתיה אריין; אדער, אויב זיי האבען דאס נישט געטון, ארויפשטעלען אויף איהם א בארג (ווייל זיי זאגען, אז זייער גלויבען קאן רירען א בארג פון ארט), אדער ארונטערלייגען איהם א ו נ ט ע ר א בארג, ווי די פריהערדיגע מיטאלאגיסטען האבען דאס געטון, כדי נישט צו דערלאזען איהם

ארייגקומען נאכאמאל צווישען פרויען און אנטון נאך מעהר שא־
דען. אבער אנשטאט דעם, האבען זיי איהם גאר ארויסגעלאזט
אויף דער פריי, נישט צווינגענדיג איהם אפילו צו געבען זיין
ווארט. דער סוד דערפון באשטייט אין דעם, אז זיי האבען זיך
אן איהם גארנישט געקאנט באגיין, און נאכדעם, ווי זיי האבען
זיך מטריח געווען צו באשאפען איהם, האבען זיי איהם אונטער־
געקויפט צו פארבלייבען מיט זיי. זיי האבען איהם אין פאראוים
צוגעזאגט א ל ע אידען, א ל ע טערקען, מיט א צוגאב נאך
פון נײן־צענטעל פון דער וועלט און מיט מחמד'ן בתוכם. קאן
דען אימיצער נאך דעם גאר צווייפלען אין דער פרייגעביגקייט פון
דער קריסטליכער מיטאלאגיע?

ארויסגערופען אן אויפשטאנד און א מלחמה אויפ'ן הימעל.
וואו קיינער פוןביידע צדדים האט נישט געקאנט געהרג'עט אדער
פארוואונדעט ווערען, ארייגגעווארפען דעם שטן אין שאול תחתית
אריין, צוריק ארויסגעלאזט איהם פון דארטען, געלאזט איהם טרי־
אומפירען איבער'ן גאנצען באשאף און געבראכט א קללה אויף
דער גאנצער מענשהייט דורך עסען אן עפעל. האבען די דאזיגע
קריסטליכע מיטאלאגיסטען אזוי ארום צוזאמענגעפירט ביידע עקען
פון זייער פאבעל. זיי שטעלען פאר אט־דעם גוטהארציגען און
ערליכען מענשען, ישו הנוצרי, צוגלייך אי פאר גאט און אי פאר
א מענשען ,און אויך פאר דעם זון פון גאט, וואס איז געבוירען
געווארען אויף א געטליכען אופן, כדי געבראכט צו ווערען פאר
א קרבן, ווייל חוה, זאגען זיי, האט אין איהר גלוסטונג געגעסען
אן עפעל.

באזייטיגענדיג פון אט־דער מעשה יעדע זאך, וואס קאן ארויס־
רופען געלעכטער מיט איהר אומזיניגקייט אדער א געפיל פון אפ־
שייליכקיים מיט איהר פראפאגאציע, און באגיגענדיג זיך נאר מיט
דער אויספארשונג פון איהרע טיילען, וועט אויך אוממעגליך זיין
פארצושטעלען זיך נאך א מעשה, וואס זאל אזוי קליין־מאכען דעם
אלמעכטיגען, אזוי ווייניג שטימען מיט זיין חכמה און אזוי סותר
זיין זיין מאכט, ווי אט־די מעשה טוט עס.

כדי צו האבען א פונדאמענט, אויף וועלכען זיי זאלען קאנען

אויפבויען די גאַנצע געשיכטע, זיינען די אויסטראַכטער געווען געצוואונגען צו געבען דעם ווייזען, וואָס זיי רופען איהם אַן שטן. פּונקט אזא גרויסע און אפשר נאָך א גרעסערע מאכט, ווי זיי האָבען צוגערעכענט צום אַלמעכטיגען אליין. זיי האָבען איהם נישט נאָר געגעבען די מאַכט צו באַפּרייען זיך נאָך דעם, וואָס זיי רופען אַן זיין פאַלען, פון דער שאול תחתיה, נאָר זיי האָבען שפּעטער געלאָזט זיין מאַכט שטייגען ביז דער אומענדליכקייט. פאַר זיין פאַלען שטעלען זיי איהם בלויז פאָר, ווי אַ מלאך מיט א באַשרענקטער עקזיסטענץ, ווי זיי שטעלען פאָר אַלע איבעריגע מלאכים. נאָך זיין פאַלען ווערט ער, לויט ווי זיי דערציילען, אַל־אַנוועזענדיג. ער עקזיסטירט גלייכצייטיג אומעטום. ער פאַרנעמט דעם גאַנצען אומענד פון רוים.

נישט באַנוגענט מיט דער פאַרגעטערונג פון דעם שטן, לאָזען זיי איהם נאָך, אין דער פאָרם פון אַ חיה, בייקומען מיט שלויאיגקייט די גאַנצע מאַכט און חכמה פון דעם אַלמעכטיגען. זיי שטעלען איהם פאָר, ווי ער וואָלט געבראַכט דעם אַלמעכטיגען צו אזא מצב, אז ער האָט געמוזט טון איינס פון דיביידע, אָדער איבערגעבען די גאַנצע יצירה צו דער מאַכט און אויבערהערשאַפט פון שטן, אָדער אראָפּקומען, צוליב איהר אויסלעזונג, אויף דער ערד און זיך ווייזען אויף א קרייץ אין דער געשטאַלט פון א מענשען.

וואָלטען די פאַרפאַסער פון אָט־דער מעשה דערציילט זי אויף דעם פאַרקערטען אופן, ד.ה., וואָלטען זיי פאַרגעשטעלט דעם אַלמעכטיגען, ווי ער וואָלט געצוואונגען דעם שטן צו ווייזען זיך אויף א קרייץ אין דער פאָרם פון א שלאַנג, באַשטראָפענדיג איהם דערמיט פאַר זיין נייער זינד, וואָלט די מעשה געווען נישט אזוי אומזיניג און ווידערשפּרעכיג. אָבער אַנשטאָט דעם, לאָזען זיי נאָר דעם בעל עברה טריאומפירען און דעם אַלמעכטיגען פאַלען.

איך צווייפעל גאָרנישט, אז א סך גוטע מענשען האָבען געגלויבט אין דער משונה'דיגער פאַבעל און האָבען מיט אַט דעם גלויבען געלעבט זעהר גוט, — לייכטגלויביגקייט איז נישט קיין פאַרברעכען. קודם כל האָט מען זיי געלערנט צו גלויבען אין דעם, און זיי וואָלטען פּונקט אזוי געגלויבט אין יעדער אַנדער זאַך. עס

זיינען אויך פאראן פיל מענשען, וואס פאלען אריין אין אזא התפעלות איבער דעם, וואס גאט האט, ווי זיי שטעלען זיך עס פאר, אין זיין אומענדליכער ליבע צום מענשען געבראכט א קרבן. אז די געוואלטיגקייט פון אט־דעם געדאנק פארביט זיי און שרעקט זיי אפ פון אויספארשען גאר די אומזיניגקייט און פראפארציע פון דער מעשה. וואס אומנאטירליכער א זאך איז, אלץ גיכער קאן זי ווערען דער אביעקט פון פחד און פארערונג.

אבער אויב מיר פארלאנגען באמת אביעקטען פאר אונזער דאנקבארקייט און פארערונג, שטעלען זיי זיך דען נישט פאר יעדע שעה פאר אונזערע אויגען? זעהען מיר דען נישט פאר זיך א שענע וועלט, וואס איז גרייט אונז אויפצונעמען גלייך, ווי מיר ווערען נאר געבוירען, — א וועלט, וואס ווערט אונז געגעבען גאר בחנם? זיינען דען דאס מיר, וואס צינדען אן די זון, וואס לאזען גיסען דעם רעגען און פילען אן די ערד מיט שפע? צי מיר שלאפען, אדער זיינען וואך, דער אומגעהויערער מעכאניזם פון דעם אוניווערז בלייבט קיינמאל נישט שטיין. האבען דען פאר אונז די דאזיגע אלע זאכען און דאס גליק, וואס זיי זאגען אונז צו אין דער צוקונפט, קיין שום ווערדע נישט? קאנען דען אונזערע גראבע געפילען נישט אויפגערעגט ווערען פון קיין אנדער זאך, ווי נאר פון טראגעדיע און זעלבסטמארד? אדער איז שוין דער מענש אזוי ווייט אוועק אין זיין גאוה, אז קיין אנדער זאך קאן איהם שוין גארנישט שמייכלען, ווי נאר א קרבן פון דעם בורא אליין?

איך ווייס, אז די דאזיגע געוואגטע פארשונג וועט אויפרעגען פיל מענשען, אבער אפזאגען זיך דערפון צוליב זיי וואלט געהייסען שוין צופיל נאכגעבען זייער לייכטגלויביגקייט; די צייט און דער עניין פאדער־ען, אז דאס זאל געטון ווערען.

דער חשד, אז די לערע פון דער אזוי־גערופענער קריסטליכער קירך איז א פאנטאסטישע, ווערט שטארק פארשפרייט אין אלע לענדער; און די מענשען, וואס זיינען איבער אט־דעם חשד מטושטש געווארען און ווייסען נישט, אין וואס זיי זאלען גלויבען און אין וואס נישט, דארפען מיט פרייד אויפנעמען א פרייע אויספארשונג פון דעם דאזיגען עניין. איך טראט הערינער

גלייך צו צו דער אויספארשונג פון די ביכער, וואס ווערען אנגע־רופען דער אלטער און נייער טעסטאמענט.

די דאזיגע ביכער, אנהויבענדיג פון בראשית און ענ־דיגענדיג מיט דער אנטפלעקונג פון יוחנן (וואס איז אגב א בוך פון רעטענישען, פאר וועלכע עס פאדערט זיך אן אנטפלעקונג צו דערקלערען זיי), זיינען, ווי מען זאגט אונז, דאס ווארט פון גאט. עס וואלט דעריבער געווען פאר אונז גאנץ גוט צו וויסען, ווער עס האט אונז דאס געזאגט, כדי מיר זאלען וויסען, ווי ווייט מיר קאנען אין דעם גלויבען. דער ענטפער אויף אט־דער פראגע איז, אז קיינער קאן דאס נישט זאגען, אחוץ וואס מיר זאגען עס איינער דעם אנדערען. היסטאריש זעהט אבער די זאך אויס צו זיין אזוי:

ווען די קירכען־מיטאלאגיסטען האבען געגרינדעט זייער שטה, האבען זיי צוזאמענגעקליבען אלע שריפטען, וואס זיי האבען נאר געקאנט באקומען, און זיי צונויפגעשטעלט, ווי זיי האבען געוואלט. מיר קאנען נישט וויסען אויף זיכער, צי אט־די שריפטען, וואס מיר האבען איצטער אונטער דעם נאמען אלטער און נייער טעס־טאמענט, זיינען אין דעמזעלביגען צושטאנד, אין וועלכען די זאמ־לער האבען, ווי זיי באהויפטען, זיי געפונען, אדער זיי האבען עפיס מוסיף געווען, געענדערט, פארקירצט, אדער באארבייט.

אבער ווי דאס זאל נישט זיין, האבען זיי דורך אפשטי־מונג באשלאסען, וועלכע ביכער פון אט־דער זאמלונג זאלען זיין גאט'ס ווארט און וועלכע נישט. אייניגע ביכער האבען זיי צוריקגעוויזען; אנדערע האבען זיי באשלאסען צו בא־טראכטען פאר צווייפעלהאפטע, ווי, למשל, די ביכער, וואס ווערען אנגערופען אפאקריפען (כתובים אחרונים); און יענע ביכער, וואס האבען באקומען די גרעסטע צאל שטימען, זיינען אנ־גענומען געווארען פאר גאט'ס ווארט. וואלטען זיי געשטימט אנ־דערש, וואלטען אלע מענשען, רופענדיג זיך אלע קריסטען, געגלויבט אנדערש — ווייל זייער גלויבען קומט פון אט־דער אפשטימונג. ווער עס זיינען געווען די מענשען, וואס האבען דאס געטון, ווייסען

מיר נישט; זיי האָבען זיך גערופען מיט'ן כלל־נאָמען ק י ר ד, און דאָס איז אלץ, וואָס מיר ווייסען וועגען אַט־דעם ענין.

אַזוי ווי מיר האָבען נישט קיין שום אַנדער דרויסענדיגען באַווייז אָדער באַשטעטיגונג פון דעם, אַז די דאָזיגע ביכער זיינען באמת גאָט'ס וואָרט, א חוץ דעם אויבענדערמאָנטען, וואָס דאָס איז לחלוטין גאָר נישט קיין באַווייז אָדער באַשטעטיגונג, וועט מיין נאָהענטסטער שריט זיין די אויספאָרשונג פון דעם אינעווענינגסטען באַווייז, וואָס געפינט זיך אין די ביכער גופא.

איך האָב פריהער גערעדט וועגען אנטפּלעקונג; איך וועל איצט ווידער באַהאַנדלען אַט־דעם ענין, כדי צו קאָנען איהם אַנווענדען אויף דעם טעסטאַמענט.

אנטפּלעקונג איז א מיטטיילונג פון עפּיס א זאַך, וואָס דער מענש, צו וועמען אַט־די זאַך איז אַנטפּלעקט געוואָרען, האָט פריהער פון איהר נישט געוואוסט. ווייל אויב איך האָב געטון עפּיס אַ זאַך, אָדער געזעהען, ווי אימיצער האָט זי געטון, נויטיג איך זיך נישט אין קיין אנטפּלעקונג, וואָס זאָל מיר זאָגען, אַז איך האָב די זאַך געטון אָדער געזעהען, אָדער מיך לאָזען וועגען איהר דערציילען אָדער אָנשרייבען.

אויף אַזאַ אופן קאָן דאָס וואָרט אנטפּלעקונג נישט אַנגעווענדט ווערען אויף עפּיס אַזוינס, וואָס דער מענש קאָן אַליין טון אָדער זעהן אויף דער ערד; און מחמת דעם קאָנען די אלע היסטאָרישע און דערציילערישע טיילען פון דער ביבעל, וואָס דאָס איז כמעט איהר גאַנצער אינהאַלט, נישט איינגעשלאָסען ווערען אין דעם באַגריף און אומפאַסונג פון דעם וואָרט אַ נ ט פּ ל ע ק ו נ ג און זיינען, הייסט עס, נישט דאָס וואָרט פון גאָט.

ווען שמשון איז אנטלאָפען מיט די טויערען־סלופּעס פון עזה, אויב ער האָט עס בכלל געטון (אַגב איז עס פאַר אונז אַלץ איינס, צי ער האָט עס געטון אָדער נישט). אָדער ווען ער האָט באַזוכט דלילה'ן, אָדער געכאַפּט די פוקסען, אָדער געטון עפּיס אַנדערש, איז וואָס געהער זיך אַז אנטפּלעקונג מיט אַט־די אַלע זאַכען? אויב זיי זיינען געווען פאַקטען, האָט ער זיי אַליין געקאָנט דערציילען, אָדער זיין סעקרעטאַר, אויב ער האָט נאָר געהאַט אַזוינעם, האָט

זיי געקאַנט אויפשרייבען, אויב זיי זיינען נאָר ווערט געווען, אַז מען זאָל זיי דערציילען אָדער אויפשרייבען; און אויב דאָס זיינען געווען פיקטיווע זאַכען, האָט קיין שום אַנטפּלעקונג זיי נישט גע־קאָנט מאַכען אמת'דיג; אָבער סיי אין דעם ערשטען און סיי אין דעם צווייטען פאַל זיינען מיר ניט געוואָרען בעסער אָדער קליגער דערפון. וואָס מיר האָבען זיך דערוואוסט די דאָזיגע זאַכען. ווען מיר פאַרטיפען זיך אין דער אין־סוף'יגקייט פון דעם וועזען, וואָס פירט און באַוועלטיגט די סודות'דיגע וועלט, דאַרפען מיר זיך גאָר שעמען אָנצורופען אַזעלכע נישטיגע מעשיות ד אָ ס ו ו אָ ר ט פ ו ן ג אָ ט.

וואָס עס איז שייך צו דער מעשה וועגען דער באַשאַפונג פון דער וועלט, מיט וואָס עס הויבט זיך אָן דער ספר ב ר א ש י ת, זעהט עס דורכאויס אויס צו זיין א לעגענדע, וואָס איז ארומגעגאַנ־גען צווישען די קינדער פון ישראל, איידער זיי זיינען אָנגעקומען קיין מצרים; און נאָכדעם. ווי זיי זיינען אַוועק פון דעם דאָזיגען לאַנד, האָבען זיי אָט־די לעגענדע אַוועקגעשטעלט ביים אָנהויב פון זייער געשיכטע, נישט דערציילענדיג (ווי מען קאָן זיך משער זיין) אַז זיי האָבען נישט געוואוסט, פון וואַנען זי האָט זיך צו זיי גע־נומען. דער שטייגער, ווי די מעשה הויבט זיך אָן, ווייזט אָן אויף איר לעגענדאַרישען כאַראַקטער. זי הויבט זיך אָן עפּיס אַפּגעריסען; קיינער רעדט אין איהר נישט; קיינער הערט נישט; זי ווערט צו קיינעם נישט געווענדט; עס איז אין איהר נישטאָ ניט קיין ערשטע, ניט קיין צווייטע און ניט קיין דריטע פּערזאָן; זי פאַר־מאָגט אַלע סמנים פון א לעגענדע; זי האָט נישט קיינעם, וואָס זאָל ערב זיין פאַר איהר אמת'דיגקייט. משה נעמט נישט אויף זיך אַריינצופירען זי מיט דער זעלביגער פאָרמאַליטעט, וואָס ער באַ־נוצט ביי אַנדערע פאַלען, ווי, למשל, זאָגענדיג: „וידבר ה' אל משה לאמר".

וואָרום מען האָט דאָס א נאָמען געגעבען ד י מ אָ ז אַ א י ש ע ד ע ר צ י י ל ו נ ג פ ו ן ד ע ר ו ו ע ל ט ־ ב אַ ש אַ פ ו נ ג, הויב איך ניט אָן צו פאַרשטיין. משה, גלויב איך, איז געווען א צו־גוטער מבין אויף אַזוינע זאַכען, אַז ער זאָל אַוועקשטעלען זיין

נאָמען אויף אַט־דער געשיכטע. ער איז אויפגעצויגען געוואָרען צווישען די עגיפּטער, וועלכע זיינען געווען אזוי גענים אין וויסענ־שאַפט, און דערהויפּט אין אַסטראָנאָמיע, ווי וואָסער־עס־איז אַנ־דער פאָלק פון יענער צייט; און משה'ס שווייגען וועגען אַט־דער מעשה און זיין אויסהיטען זיך ניט צו באַשטעטיגען זי, איז אַ גוטער נעגאַטיווער באַווייז, אַז ניט ער האָט זי דערציילט און ניט ער האָט געגלויבט אין איהר. דער אמת איז, אַז יעדע נאַציע איז געווען אַ וועלט־באַשאַפעריז, און די קינדער פון ישראל האָבען געהאַט פּונקט אַזאַ רעכט צו פאַרנעמען זיך מיט וועלט־באַשאַפונג, ווי אַלע אַנדערע פעלקער; און אַזוי ווי משה איז נישט געווען קיין ישראלי, האָט ער מן הסתם ניט געהאַט קיין פאַרלאַנג צו ווידערשפּרעכען דער לעגענדע. די דערציילונג איז פונדעסטוועגען אַ גאַנץ אומ־שעדליכע, וואָס דאָס קאָן ניט געזאָגט ווערען וועגען פיל אַנדערע טיילען פון דער ביבעל.

יעדען מאָל, ווען מיר לייענען די אויסגעלאַסענע מעשיות, יע־דען מאָל, ווען מיר לייענען וועגען דער ווילדער צעלאָזענקייט, ווע־גען די גרויזאַמע און פּייניגענדיגע הינריכטונגען און אומ'רחמנות'־דיגער נקמה־גיריגקייט, מיט וואָס אַריבער אַ העלפט פון דער ביבעל איז איבערגעפילט, דאַכט זיך אונז, אַז עס וואָלט געווען פיל פּאַ־סיגער צו רופען זי דאָס וואָרט פון אַ דעמאָן, ווי דאָס וואָרט פון גאָט. עס איז אַ געשיכטע פון רשעות, וואָס האָט געהאָלפען צו פאַרדאַרבען און פאַרווילדעווען די מענשהייט; און איך, פון מיין זייט, האָס זי מיט'ן גאַנצען האַרצען, ווי איך האָס אַלץ, וואָס איז גרויזאַם.

מיט דער אויסנאַם פון אייניגע פראַזען, טרעפען מיר אין דער ביבעל קוים עטוואָס, וואָס זאָל ביי אונז ניט אַרויסרופען קיין גע־פיל פון אָפּשיילכקייט און פאַראַכטונג, ביז וואַנען מיר קומען ניט צו צו איהרע געמישטע טיילען. אין די אַנאָנימע ספרים, ת ה ל י ם און א י ו ב, דערהויפּט אין דעם לעצטען, געפינען מיר אַ היבש ביסעל דערהויבענע געפילען. וואָס ווערען מיט יראת הכבוד אויס־געדריקט צו דער מאַכט און גוטסקייט פון דעם אַלמעכטיגען; אָבער זיי דערהויבען זיך נישט איבער די פילע אַנדערע פאַרפאַסונגען

אויף ענליכע טעמעס, וואס זיינען ערשינען פאר און נאך יענער צייט.

דער ספר מ ש ל י, וואס ווערט צוגעשריבען צו שלמה׳ן, אגב עס איז גיכער פון אלץ א זאמלונג (ווייל עס ווערט דארט ארויסגעוויזען א באקענטשאפט מיט׳ן לעבען, וואס איז אוממעגליך געווען פאר שלמה׳ס קיניגליכער לאגע), שטעלט פאר מיט זיך א מין זיטען־לערע. די שפריכווערטער פון אט דעם ספר שטייען אפ אין טיפקייט פון די שפאנישע שפריכווערטער און זיינען ניט קלי־גער און קאנדענסירטער פון די שפריכווערטער פון דעם אמערי־קאנער פראנקלין.

אלע איבעריגע טיילען פון דער ביבעל, וואס זיינען מערסטענס באוואוסט אונטער׳ן נאמען נ ב י א י ם, זיינען די ווערק פון די אידישע פאעטען און וואנדערענדיגע פרעדיגער, וואס האבען צו־זאמענגעמישט פאעזיע, מעשה׳לעך און ליבע צו גאט, — און זיי האלטען אן זייער פאעטישע מעלאדישקייט און סטיל אפילו אין אן איבערזעצונג.

אין דעם גאנצען בוך, וואס ווערט אנגערופען ביבעל, געפינט זיך נישט קיין ווארט, וואס זאל באטייטען דאס, וואס מיר רופען אן פ א ע ט, אדער דאס, וואס מיר רופען אן פ א ע ז י ע. דער אמת איז, אז דאס ווארט נ ב י א, וואס אין די שפעטער־דיגע צייטען איז איהם צוגעגעבען געווארען א נייער באגריף, איז געווען דאס ביבלישע ווארט פאר׳ן באגריף פאעט, און דאס ווארט נ ב י א ו ת האט באטייט די קונסט פון פאעזיע. עס האט אויך באטייט די קונסט צו שפילען אויף וואסער עס־איז מוזיקאלישען אינסטרומענט.

מיר לייענען וועגען נ ב י א ו ת ־ ז א נ ג ע ן מיט פייפלעך, האנט־פייקלעך און טרומייטען, וועגען נביאות־זאגען מיט האר־פען, פסאלטערס, צימבלען און יעדען מין אינסטרומענט, וואס איז נאר געווען דעמאלט אין דער מאדע. וואלטען מיר היינט געהערט וועגען נביאות־זאגען מיט א פידעל, אדער מיט א פייפעל און א פייקעל, וואלט אזא אויסדרוק ניט געהאט קיין שום זין אדער אוים־

געזעהען לעבערליך און פאר אייניגע מענשען אפילו לעסטערענדיג, ווייל מיר האבען געענדערט די באטייטונג פון דעם ווארט.

מען דערציילט אונז, אז שאול איז געווען צווישען די נביאים און האט אויך נביאות געזאגט; מען דערציילט אונז אבער נישט, וואס זיי האבען נביאות־געזאגט און אויך נישט, וואס שאול האט נביאות־געזאגט. דער אמת איז, אז עס איז נישט געווען וואס צו דערציילען; ווייל די דאזיגע נביאים זיינען געווען א קאמפאניע מוזיקאנטען און פאעטען און שאול איז צוגעשטאנען צום קאנצערט, און דאס האט געהייסען נביאות־זאגען.

אין ספר שמואל ווערט וועגען דעם דערציילט, אז שאול האט באגעגענט א קאמפאניע נביאים — א גאנצע קאמפאניע — וואס זיינען אראפגעקומען מיט פסאלטערס, פויקען, פייפלעך און הארפען און האבען נביאות געזאגט און ער האט אינאיינעם מיט זיי נביאות געזאגט. אבער שפעטער ווייזט זיך ארויס, אז שאול האט שלעכט נביאות געזאגט, ד. ה. ער האט שלעכט דורכגעפיהרט זיין ראלע; ווייל עס ווערט געזאגט, אז א „שלעכטער גייסט פון גאט (רוח רעה מאת ה׳)*) איז געקומען אויף שאול׳ן און ער האט נביאות געזאגט.“

ווען מיר וואלטען נישט געהאט מער, ווי אט־די איינע שטעל פון דער ביבעל, וואס זאל אונז ווייזען, אז מיר האבען פארלארען די לכתחילה׳דיגע באטייטונג פון דעם ווארט נביאות און זי פארביטען אויף אן אנדער באטייטונג, וואלט עס אויך גענוג געווען; ווייל עס איז אוממעגליך צו באנוצען און אנווענדען דאס ווארט נביאות אזוי, ווי עס ווערט דא באנוצט און אנגעווענדט, אויב מיר ווערלען איהם צוגעבען דעמזעלביגען זין, וואס איז איהם צוגע־

---

*) אזוי ווי די לייט, וואס רופען זיך טעאלאגען און מפרשים, האבען זעהר ליב צו פארגעבען איינער דעם צווייטען רעטענישען, לאז איך איבער צו זיי צו מתוכח זיין זיך איבער דער באטייטונג פון דעם ערש־טען טייל פון דעם זאץ, פון די ווערטער „רוח רעה מאת ה״. איך האלט זיך ביי מיין אויסטייטשונג פון דעם ווארט נביאות.

געבען געווארען אין די שפּעטערדיגע צייטען. דער שטייגער, ווי דאס ווארט ווערט דא באנוצט, נעמט פון איהם אוועק יעדען רע־ליגיעזען זין און ווייזט, אז א מענש האט דעמאלט געקאנט זיין א נביא אדער נ ב י א ו ת ־ ז א ג ע ן, פּונקט ווי ער קאן איצט זיין א פּאעט אדער מוזיקער, גאר אפּגעזעהן פון דער מאראלישקייט אדער אוממאראלישקייט פון זיין כאראקטער. דאס ווארט איז לכתחילה געווען א קונסט־טערמין, וואס איז צוגלייך אנגעווענדט געווארען אי צו פּאעזיע און אי צו מוזיק, ניט באשרענקט מיט וואַ־סער־עס־איז באזונדערען טייל פון דער קונסט.

דבורה און ברק ווערען אנגערופען נביאים ניט דערפאר, ווייל זיי האבען עפּיס פאראויסגעזאגט, נאר דערפאר, ווייל זיי האבען פארפאסט די פּאעמע אדער דעם שיר, וואס טראגט זייער נאמען, צום אנדענק פון א שוין געשעהענער זאך. דוד ווערט פאררעכענט צווישען די נביאים, ווייל ער איז געווען א מוזיקער און איז אויך אנגענומען געווארען (הגם אפשר גאנץ נישט ריכטיג) פאר'ן מחבר פון תהלים. אבער אברהם, יצחק און יעקב ווערען נישט אנגערופען נביאים; און פון קיין שום זאך, וואס ווערט וועגען זיי דערציילט, זעהען מיר נישט, אז זיי זאלען האבען געקענט זינגען, שפּילען אדער שאפען פּאעזיע.

מען דערציילט אונז וועגען די גרעסערע און קלענערע נביאים, מען וואלט אונז פּונקט אזוי געקאנט דערציילען וועגען דעם גרעסע־רען און קלענערען גאט; ווייל לויט דעם מאדערנעם זין פון נביאות־זאגעריי, קאן אין דעם נישט זיין קיין גראדען. עס זיינען אבער פאראן גראדען אין פּאעזיע, און אט־דער אויסדרוק האט א זין נאר דאן, ווען מיר פארשטייען אונטער איהם די גרעסערע און די קלע־נערע פּאעטען.

נאך דעם איז אינגאנצען איבעריג אפּצושטעלען זיך דערויף, וואס די דאזיגע מענשען, די אזוי־אנגערופענע נביאים, האבען גע־שריבען. דער ענין ווערט מיטאמאל דערלעדיגט, ווען מיר ווייזען אן, אז דער אנפאנגליכער זין פון דעם ווארט איז פארגרייזט גע־ווארען, און ממילא פארלירען שוין יעדען אינטערעס די אלע אויס־פירען, וואס ווערען געמאכט פון אט־די ספרים, דער הדור־הכבוד,

וואס ווערט זיי גענעבען, און די אלע פירושים, וואס זיינען איבער זיי אנגעשריבען געווארען. אין פיל פרטים פארדינען אבער די כתבים פון די אידישע פאעטען א בעסערען מזל, ווי צו זיין צו־נויפגעמישט מיט די אלע נישטיגע זאכען, וואס באלייטען זיי אונ־טער דעם נישט־פאסיגען נאמען ד א ס   ו ו א ר ט   פ ו ן   ג א ט.

אויב מיר ווילען האבען אמת'דיגע פארשטעלונגען וועגען זא־כען, מוזען מיר זיך אריינגעמען אין קאפ, אז דאס, וואס מיר בא־ערען מיט'ן נאמען ד א ס   ו ו א ר ט   פ ו ן   ג א ט, איז אומ־פארענדערליך; קיין שום מיטלען אדער צופאלען קאנען אין דעם נישט אריינברייננען אפילו די קלענסטע ענדערונג; און מחמת דעם קאן דאס ווארט פון גאט נישט עקזיסטירען אין וואסער־עס־איז גע־שריבענער אדער מענשליכער שפראך.

די ענדערונג, וואס מוז שטענדיג און נאכאנאנד פארקומען אין דער באטייטונג פון ווערטער, דאס פעלען פון אן אוניווערסא־לער שפראך, וואס דאס מאכט אומפארמיידליך דאס איבערזעצען, די גרייזען, וואס קומען געוויינטליך ארויס פון איבערזעצונגען, די גרייזען פון איבערזעצער און דרוקער, אינאיינעם מיט דער מעגליכ־קייט פון בכיון'דיגע ענדערונגען, — דאס אלץ איז א גוטער בא־ווייז, אז די מענשליכע שפראך, סיי די גערעדטע און סיי די גע־שריבענע, איז א שלעכט מיטעל אויף איבערגעבען גאט'ס ווארט. דאס ווארט פון גאט עקזיסטירט אין עפיס אן אנדער זאך.

וואלט אפילו די ביבעל איבערגעשטייגט אין ריינקייט פון אי־דעען און אויסדרוק אלע ביכער, וואס זיינען איצט בנמצא אין דער וועלט, וואלט איך זי אויך דאן נישט אנגענומען באמונה שלמה פאר גאט'ס ווארט, ווייל די מעגליכקייט צו ווערען פארפירט, וואלט דאך פאר מיר אויך דאן נישט געווען אויסגעשלאסען. אבער ווען איך זעה, אז דער גרעסטער טייל פון אט־דעם בוך איז נישט מער, ווי א געשיכטע פון די שענדליכסטע זינד און א זאמלונג פון די געמיינס־טע און נידעריגסטע מעשיות, קאן איך נישט ארויסווייזען אזוי ווע־ניג אכטונג צו מיין באשעפער און אנרופען עס מיט זיין נאמען.

דאס אלץ איז גענוג געזאגט געווארען וועגען דער ביבעל; איך וועל

איצט איבערגיין צום בוך, וואס ווערט אנגערופען דער נייער טעס־טאמענט. דער נ י י ע ר טעסטאמענט! ד. ה., דער נ י י ע ר ווילען, גלייך ווי עס וואלטען מעגליך געווען צוויי ווילענס פון דעם באשעפער.

וואלט ישו הנוצרי געהאט די כונה צו גרינדען א נייע רעליגיע, וואלט ער געוויס אליין געוועזן אנשרייבען זיין סיסטעם, אדער געלאזט זי אנשרייבען ביי זיין לעבען. עס איז אבער נישט בנמצא קיין שום פארפאסונג, וואס זאל זיין באמת פארבונדען מיט זיין אייגענעם נאמען. אלע ביכער, וואס ווערען אנגערופען דער נייער טעסטאמענט, זיינען גע־שריבען געווארען נאך זיין טויט. ער איז געווען א איד, סיי לויט זיין געבורט און סיי לויט זיין גלויבען; און ער איז געווען גאט'ס זון אויף דעמזעלביגען שטייגער, ווי יעדער אנדערש מענש— וויל גאט איז דער פאטער פון אלע מענשען.

די ערשטע פיר ביכער, וואס ווערען אנגערופען מ ת י, מ ר ק ו ס, ל ו ק א ס און י ו ח נ ן, גיבען נישט איבער די געשיכטע פון ישו הנוצרי'ס לעבען, נאר מער נישט, ווי איינציגע מעשיות וועגען אים. פון אט־די ביכער זעהט עס אויס, אז ארום און ארום האט ער געפרעדיגט נישט מעהר, ווי אין פארלויף פון אכצען חדשים; און טאקע נאר אין משך פון אט־דער קורצער צייט האבען די דאזיגע לייט זיך באקענט מיט איהם. זיי דער־ציילען, ווי ער איז, אין עלטער פון צוועלף יאר, געזעסען צווישען אידישע געלערנטע, שטעלענדיג און פארענטפערענדיג זיי אלערליי פראגעס. אזוי ווי דאס איז פארגעקומען מיט עטליכע יאר פאר דעם, ווי זיי האבען זיך מיט איהם באקענט, האבען זיי אט־דאס מעשה'לע געמוזט אודאי הערען פון זיינע עלטערען. פון דער צייט אן ביז נאך אן ערך זעכצען יאר ווערט וועגען איהם קיין זאך נישט דערציילט. עס איז נישט באוואוסט, וואו ער האט פאר דער צייט געלעבט און מיט וואס ער האט זיך באשעפטיגט. ער האט אודאי געמוזט זיך פארנעמען מיט סטאלעריי, וואס דאס איז אויך געווען זיין פאטער'ס מלאכה. עס זעהט נישט אויס, אז ער זאל זיך הא־בען געלערנט אין א שולע; ער האט מן הסתם נישט געקאנט שריי־

בען, ווייל זיינע עלטערען זיינען געווען זעהר אָרעם, ווי דאָס איז צו זעהן פון דעם, וואָס זיי האָבען ביי זיין געבוירען נישט געהאט צו באַצאָלען פאַר אַ בעטעל.

עס איז אַ מאָדנע זאַך, וואָס די דריי מענשען, וועלכע האָבען אַזאַ שם איבער דער וועלט, זיינען פון אַ זעהר טונקעלער אָפּשטאַמונג. משה איז געווען אַ געפונען קינד; ישו הנוצרי איז געבוירען געוואָרען אין אַ שטאַל; און מחמד איז געווען אַן אַנטרייבער פון אייזלען. דער ערשטער און דער לעצטער פון אַט־די דריי מענשען זיינען געווען גרינדער פון פאַרשיידענע רעליגיעזע שטות; אָבער ישו הנוצרי האָט קיין שום שטה נישט געגרינדעט. ער האָט גערופען די מענשען צו לעבען מיט גערעכטיגקייט און צו גלויבען אין דעם איין־איינציגען גאָט. דער וויכטיגער שטריך אין זיין כאַראַקטער איז געווען ליבע צו מענשען.

דער אופן, ווי ער איז פאַרהאַפט געוואָרען, ווייזט, אַז ער איז אין יענער צייט נית געווען פיל באַוואוסט, אַז די פאַרזאַמלונגען, וואָס ער האָט געהאַלטען מיט זיינע נאָכפאָלגער, זיינען פאָרגעקומען אין געהיים און אַז ער האָט אויפגעגעבען אָדער אָפּגעלייגט דאָס עפענטליכע פּרעדיגען. יהודה האָט איהם אַנדערש נישט געקאָנט אויסגעבען, ווי נאָר לאָזענדיג ווימען, וואו ער האָט זיך געפונען, און אָנווייזענדיג אויף איהם די סאָלדאַטען, וואָס זיינען געקומען איהם אַרעסטירען; און דאָס, וואָס מען האָט זיך באַנוצט מיט יהודה'ן און איהם באַצאָלט פאַר דער מסירה, האָט געקאָנט אַרויסגערופען ווערען נאָר דורך דער דערמאָנטער סבה, דורך דעם, וואָס ישו הנוצרי איז נישט געווען פיל באַוואוסט און האָט זיך אויסבאַהאַלטען.

זיין אויסבאַהאַלטען זיך שטימט זעהר שלעכט מיט זיין אָנגענומענער געטליכקייט און גיט אַנצוהערעניש אויף זיין קליינמוטיגקייט; און דאָס, וואָס מען האָט איהם אויסגעגעבען, אָדער, מיט אַנדערע ווערטער, דאָס, וואָס מען האָט איהם פאַרהאַפט אויף דער מסירה פון איינעם פון זיינע נאָכפאָלגער, ווייזט, אַז ער האָט גאַרנישט געוואָלט פאַרהאַפט ווערען און ממילא אויך נישט שטאַרבען אויפ'ן קרייץ.

די קריסטליכע מיטאלאגיסטען זאגען אונז, אז ישו איז געשטארבען פאר די זינד פון דער וועלט און איז געקומען טאקע נאר, *כדי צו שטארבען*. אויב אזוי, וואלט עס דען נישט געווען אלץ איינס, צי ער וואלט געשטארבען פון פיבער אדער פון פאקען־קראנקהייט, פון עלטער אדער פון וואס־עס־איז?

די התראה, וואס איז געגעבען געווארען אדמ׳ען נישט צו עסען פונ׳ם עץ הדעת, האט, ווי די מיטאלאגיסטען דערציילען אונז, געלויטעט, אז אין פאל ער וועט אויף אט־דעם געבאט עובר זיין, *וועט ער שטארבען* (ומעץ הדעת טוב ורע לא תאכל ממנו, כי ביום אכלך ממנו מות תמות). אבער נישט *אז ער וועט געקרייציגט ווערען*, ד. ה. עס איז איהם ארויסגעזאגט געווארען דער טויט־אורטייל, אבער נישט דער אופן פון שטארבען. די קרייציגונג, אדער וואסער־עס־איז אנדער מין אופן פון שטארבען, איז דעריבער נישט געווען קיין טייל פון דער שטראף, וואס אדם האט באדארפט אפקומען, און ממילא האט עס, אפילו לויט זייער אייגענעם גאנג, אויך נישט געקאנט זיין קיין טייל פון דער שטראף, וואס ישו הנוצרי האט באדארפט אפקומען אויף אדמ׳ס ארט. פיבער וואלט דא פונקט אזוי גוט געווען, ווי דאס קרייציגען, אויב נאר אזא זאך איז בכלל נויטיג געווען.

די שטראף פון טויט, וואס איז, ווי זיי דערציילען אונז, ארויפגעלייגט געווארען אויף אדמ׳ן, האט געהייסען אדער דאס נאטירליכע שטארבען, ד. ה. דאס אויפהערען לעבען, אדער דאס, וואס די מיטאלאגיסטען רופען אז *די פארדאמונג צו אייביגע יסורים*; און מחמת דעם האט ישו הנוצרי באדארפט, לויט זייער סיסטעם, פארמיידען מיט זיין טויט איינס פון דיביידע *זאכען*, וואס קומען פאר מיט אונז און מיט אדמ׳ן.

אז זיין טויט האט אונז נישט פארהיט פון שטארבען, — דאס איז גאנץ קלאר, ווייל מיר אלע שטארבען; און מכח דער אמת׳דיגקייט פון דעם, וואס זיי דערציילען וועגען לאנג־לעבען, שטארבען דאך מענשען נאך דער קרייציגונג גיכער, ווי פאר דעם; און בנוגע צו דער צווייטער דערקלערונג (וואס שליסט אויך איין דעם

נאַטירליכען טויט פון ישו הנוצרי, ווי אַן ערזאַץ פאַר דעם אייביגען טויט אָדער אייביגע יסורי גיהנום פון אַלע מענשען), איז עס גאַרנישט פּאַסיג פאַרצושטעלען דעם בורא, ווי ער וואָלט זיך אַרויסגעדרייט פון דעם אורטייל אָדער איהם צוריקגערופען דורך אַ פּשט׳ל איבער׳ן וואָרט טויט. דער הייליגער פּולוס, אָט־דער פאַבריצירער פון וואָרטשפּילען, אויב ער האָט נאָר געשריבען די ביכער, וואָס טראָגען זיין נאָמען, האָט געהאָלפען אַרויסברייינגען אָט־דעם פּשט׳ל, מאַכענדיג אַן אַנדער פּשט׳ל איבער׳ן וואָרט אדם. ער מאַכט דאָרט, אַז עס זאָלען זיין צוויי אדמ׳ס; איינער, וואָס זינדיגט אַליין און אימיצער אַנדערש קומט פאַר דעם אָפּ; און דער צווייטער, וואָס זינדיגט דורך אימיצען אַנדערש און קומט פאַר דעם אַליין אָפּ. אַ רעליגיע, וואָס איז פול מיט פּשט׳לעך, וואָרט־שפּילען און קונציגע דריידלעך, האָט די טענדענץ צו לערנען איהרע אַנהענגער די זעלביגע קונסט. זיי ווערען אין דעם איינגעווינט, ניט וויסענדיג אַליין פון וואַנען דאָס איז צו זיי געקומען.

אויב ישו הנוצרי איז טאַקע געווען דאָס, וואָס די מיטאָלאָגיסטען זאָגען אונז, אַז ער איז געווען, און אויב ער איז געקומען אויף דער וועלט צו ליידען (זיי באַנוצען צייטענווייז דאָס דאָזיגע וואָרט אַנשטאָט שטאַרבען), וואָלט ער געקאָנט אויסשטיין אמת׳דיגע לייד נאָר ביים לעבען. זיין עקזיסטענץ איז געווען אַ מין אָפּקומען גלות אויף דער ערד, און דער וועג צוריק צו זיין לכתחילה׳דיגען לאַנד, צום הימעל, איז געווען דורכ׳ן טויט. מיט איין וואָרט, אַלצדינג אין אָט־דער מאָדנער רעליגיעזער סיסטעם איז דער היפוך דערפון, וואָס זי פּרעטענדירט צו זיין. זי איז דער היפוך פון אמת, און עס ווערט מיר אַזוי דערעסען אויסצופאַרשען דעם דאָזיגען אומזין, אַז איך איל זיך דאָס צו שליסען, כדי צו קאָנען איבערגיין צו עפּיס בעסערס.

וויפיל אָדער וואָסערע טיילען פון די ביכער, וואָס ווערען אָנגערופען דער נייער טעסטאַמענט, זיינען אָנגעשריבען געוואָרען פון די מענשען, וועמענס נעמען זיי טראָגען, — וועגען דעם קאָנען מיר גאַרנישט וויסען; מיר ווייסען אויך נישט אויף זיכער, אין וואָסער

שפראך זיי זיינען אריגינעל געשריבען געווארען. דער מאטעריאל, וואס זיי אנטהאלטען איצט, קאן קלאסיפיצירט ווערען אונטער צוויי קעפּלעך — *מעשיות* און *בריווליכע קארעספּאנדענץ*.

די פיר ביכער, וואס זיינען שוין פריהער דערמאנט געווארען, מתי, מרקוס, לוקאס און יוחנן, זיינען דורכאויס דערציילעריש. זיי דערציילען וועגען פאסירונגען נאכדעם, ווי זיי זיינען פארגעקומען. זיי דערציילען, וואס ישו הנוצרי האט געטון און געזאגט, און וואס אנדערע האבען איהם געטון און געזאגט; און אין אייניגע פאלען דערציילען זיי וועגען איין־און־דערזעלביגער פאסירונג אין פארשיידענע נסחאות. וועגען אנטפּלעקונג קאן דא גאר קיין רייד ניט זיין; ניט נאר דערפאר, ווייל די שרייבער שטימען נישט צווישען זיך, נאר אויך דערפאר, ווייל אנטפּלעקונג קאן נישט אנגעווענדט ווערען אויף פאקטען, דערציילט פון איינעם, וואס האט זיי אליין געזעהען, אדער אויף א געשפּרעך, דערציילט אדער פארצייכענט פון איינעם, וואס האט איהם אליין געהערט. דאס בוך, וואס ווערט אנגערופען *די אפאסטעל־געשיכטע* (אן אנאנים ווערק) געהערט אויך צו דעם דערציילערישען טייל.

אלע איבעריגע טיילען פון דעם נייעם טעסטאמענט, א חוץ דעם בוך פון רעטעניש, וואס ווערט אנגערופען די *אנטפּלעקונג*, זיינען א זאמלונג פון בריוו, אונטער דעם נאמען *עפּיסטעלס*; און דאס פעלשען בריוו איז דאך אזא געוויינטליכע זאך אין דער וועלט, אז מען קאן ווייניגסטענס פונקט אזוי פיל גלויבען אין זייער עכטקייט, ווי אין זייער געפעלשטקייט. איין זאך איז אבער זיכערער, און דאס איז, אז די קירך האט פון דעם מאטעריאל, וואס געפינט זיך אין אט־די ביכער, און מיט דער הילף פון נאך אייניגע אלטע מעשיות, אויפגעשטעלט א רעליגיעזע סיסטעם, וואס איז זעהר ווידערשפּרעכיג צום כאראקטער פון דעם מענשען, וועמענס נאמען זי טראגט. זי האט אויפגעשטעלט א רעליגיע פון פראכטיגקייט און הכנסות, פרעטענדירענדיג נאכצומאכען דערמיט א מענשען, וואס זיין לעבען איז געוועזען עניוות און ארעמקייט.

דאס אויסטראכטען דעם גיהנום־פייער, אין וועלכען די נשמות

ווערען געלייטערט, און די מעגליכקייט אויסצולייזען זיי פון דאַר־טען דורך תפלות, געקויפט פאַר געלט פון דער קירך, ווי אויך דאָס פאַרקויפען מחילות און היתרים, זיינען קוואַלען פון הכנסה, הגם זיי טראַגען נישט אָט־דעם נאָמען און ערשיינען נישט אין אָט־דער פאָרם. דער אמת אבער איז, אז אָט־די אַלע זאַכען שטאַמען אָפּ פון דער שוידערהאַפטער קרייציגונג און פון דעם געדאַנק, וואָס איז דערפון ארויסגעדרונגען געוואָרען, אז איין מענש קאָן פאַרטרעטען אַן אַנדערען און ביישטיין איהם מיט זיין זכות. עס איז דעריבער מעגליך, אַז די גאַנצע לערע פון דער אַזוי־גערופענער װעלט־דערלייזונג, (וואָס זאָל האָבען פאַרגעקומען דורך דער האַנדלונג פון איין מענשען אויפ׳ן אָרט פון אַן אַנדערען) איז לכתחילה פאַבריצירט געוואָרען מיט׳ן ציל צו שאַפען און אויפצור־בויען דערויף די אַלע קלענערע מינים אויסלייזונגען דורך געלט; און אַז די שטעלען אין די ביכער, אויף וועלכע דער געדאַנק אָדער די טעאָריע פון דערלייזונג איז אויפגעבויט, זיינען פאַבריצירט געוואָרען טאַקע צוליב אָט־דעם ציל. וואָרום זאָלען מיר דער דאַ־זיגער קירך גלויבען, ווען זי זאָגט אונז, אַז אָט־די ביכער זיינען אמת׳דיג אין אַלע זייערע טיילען, מעהר, ווי מיר גלויבען איהר אין אַלע איבעריגע זאַכען, וואָס זי דערציילט אונז, אָדער אין די מופתים, וואָס זי האָט, לויט איהרע אייגענע ווערטער, כלומרשט באַוויזען? אַז זי האָט געקאָנט פאַבריצירען שריפטען, דאָס איז אַ זיכערע זאַך, ווייל זי האָט געקאָנט שרייבען; און די שריפטען, וועגען וועלכע עס רעדט זיך דאָ, זיינען פון אַזאַ סאָרט, וואָס יעדער איינער וואָלט זיי געקאָנט פאַרפאַסען; און אויב זי האָט אונז געקאָנט זאָגען, אַז זי קאָן באַווייזען און האָט באַוויזען מופתים, וואָרום זאָל זי אויך נישט קאָנען פאַבריצירען אָט־די שריפטען?

אַזוי ווי קיין אויסערע ראיה קאָן, נאָך אַזאַ לאַנגער צייט, ניט געבראַכט ווערען צו באַווייזען, אויב די קירך האָט פאַבריצירט די לערען פון דערלייזונג אָדער ניט (ווייל אַזעלכע באַ־ווייזען, סיי פאַר און סיי קעגען, וואָלט מען דאָך פּונקט אַזוי געקאָנט חושד זיין אין געפעלשטקייט), קאָן מען זיך דאָ באַרופען נאָר אויף

די אינעווענינגסטע ראיות, וואָס די זאַך טראָגט אין זיך גופא; און דאָס גיט אונז אַ זעהר שטאַרקע השערה וועגען איהר געפעלשטקייט. ווייל די אינעווענינגסטע ראיה באַשטייט אין דעם, אַז די טעאָריע אָדער לערע פון וועלט־דערלייזונג איז געבויט אויף דער אויפפאַסונג פון גערעכטיגקייט בנוגע צו געלטזאַכען, אָבער נישט אויף דער אויפפאַסונג פון מאָראַלישען יושר.

אויב איך בין שולדיג אַ מענשען געלט און בין נישט אימשטאַנד צו באַצאָלען, און ער סטראַשעט אַריינצוזעצען מיך דערפאַר אין געפענגעניש, קאָן אימיצער אַנדערש נעמען אויף זיך דעם חוב און באַצאָלען איהם פאַר מיר; אויב אָבער איך בין באַגאַנגען אַ פאַרברעכען, איז די לאַגע שוין גאָר אַן אַנדערע; דער מאָראַלישער יושר קאָן ניט נעמען דעם אומשולדיגען פאַר דעם שולדיגען, אפילו ווען דער אומשולדיגער שלאָגט זיך אַליין פאָר. ווען די גערעכטיגקייט וואָלט אַזוי געהאַנדעלט, וואָלט דאָס געהייסען פאַרניכטען דעם סאַמע עיקר פון איהר עקזיסטענץ; דעמאָלט וואָלט עס שוין מעהר ניט געווען קיין גערעכטיגקייט, נאָר נקמה, וואָס מאַכט ניט קיין אונטערשייד צווישען איין מענשען און אַן אַנדערען. דאָס ווייזט, אַז די לערע פון דערלייזונג שטימט, לויט ווי זי ווערט אויפגעפאַסט, מיט דער אידעע וועגען אַ חוב, וואָס אימיצער אַנדערש קאָן באַצאָלען; און אַזוי ווי אָט־די אויפפאַסונג שטימט ווייטער מיט דער סיסטעם פון מחילות פאַר קלענערע זינד, וואָס מען קאָן פאַר געלט זיך קויפען ביי דער קירך, לעגט זיך עס אויפ'ן שכל, אַז די זעלביגע מענשען האָבען פאַבריצירט סיי די ערשטע און סיי די צווייטע טעאָריע און די גאַנצע געשיכטע איז אַן אויסגעטראַכטע, אַז אַזאַ זאַך, ווי אויסלייזונג פון זינד, איז באמת נישטאָ, און די פאַרהעלטענישען צווישען דעם מענשען און זיין באַשעפער זיינען פון אייביג אַן די זעלביגע, וואָס אין דעם באַשטייט דעם מענשען'ס גרעסטע טרייסט.

לאָזט דעם מענשען גלויבען אין דעם און ער וועט לעבען בעסער און מאָראַלישער, ווי מיט וואָסער־עס־איז אַנדער גלויבען; און עס איז טאַקע צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט, וואָס מען לערנט איהם צו קוקען אויף זיך, ווי אויף אַ פאַרברעכער, אַן אויסוואורף און אַ

בעטלער, ווי אויף איינעם, וואס איז אריינגעווארפען געווארען אין שטויב, אומענדליך־ווייט פון זיין באשעפער, צו וועלכען ער קאן זיך דערנעהענטערען נישט אנדערש, ווי נאר דורך חניפה און אונ־טערטעניגקייט צו פארמיטלער, וואס שטייען צווישען איהם און דעם באשעפער—צו פארדאנקען אט־דעם פאקט הויבט ער אן זיך באצי־הען מיט גרינגשעצונג און פאראכטונג צו אלץ, וואס האט נאר א שייכות מיט רעליגיע, אדער ער ווערט גלייכגילטיג, אדער ער ווערט גאר א פרומאק. אין דעם לעצטען פאל פארברייננגט ער זיינע טעג אין הוילע יסורים, אדער ער מאכט נאר אזא אנשטעל; זיינע תפלות זיינען פארוואורפען; זיין עניוות איז אומדאנקבארקייט; ער רופט זיך אליין ווארם, די פרוכטבארע ערד רופט ער א בער־געל מיסט, און אלע ברכות פון לעבען רופט ער הבל הבלים; ער פאראכט דעם בעסטען געשאנק, וואס גאט האט געגעבען דעם מענשען, דעם געשאנק פון שכל: און האבענדיג מיט געוואלט ארויפגעצוואונגען אויף זיך אזא גלויבען, וואס דער שכל רעוואלטירט קעגען איהם, רופט ער עס אבער אן מיט'ן נישט־פאסיגען נאמען מענשליכער שכל, גלייך ווי דער מענש קאן זיך אליין באשענקען מיט שכל

אבער מיט אט־דער גאנצער כלומר'שטיגער עניוות און מיט אט־דער פאראכטונג צום מענשליכען שכל דערוועגט ער זיך פונ־דעסטוועגען צו האבען געוואלטיגע השגות; ער געפינט אומעטום אוים חסרונות; זיין עגאאיזם ווערט קיינמאל ניט באפרידיגט; זיין אומדאנקבארקייט האט גאר קיין שיעור נים. ער נעמט אויף זיך אנצואווייזען דעם אלמעכטיגען, וואס ער זאל טון, אפילו בנוגע צ׳ דער פירונג פון דער וועלט; ער איז באפעלעריש אין זיינע תפלות; ווען די זון שיינט, בעט ער אויף רעגען, און ווען עס רעגענט, בעט ער אויף זון; אזוי טוט ער אין אלע זיינע תפלות; און זיינען דען די תפלות זיינע אין לעצטען סך הכל נים קיין פארזוך צו לאזען דעם אלמעכטיגען בייטען זיינע אפזיכטען און האנדלען אנדערש, ווי ער האט ברעה צו האנדלען? עס איז גלייך, ווי דער מענש וואלט איהם געזאגט: דו פארשטייסט נישט אזוי גוט, ווי איך.

אבער איינינע וועלען אפשר פרעגען: איז אונז טאקע גאר־

נישט באשערט צו האבן גאט'ס ווארט, אדער אן אנטפלעקונג? דערויף וועל איך ענטפערן: יא, עס איז פאראן א ווארט פון גאט; עס איז פאראן אן אנטפלעקונג.

דאס ווארט פון גאט איז די באשאפונג, וואס מיר זעהען: און מיט אט־דעם ווארט, וואס קיין שום מענשליכע פאנטאזיע קאן עס ניט פעלשען אדער איבעראנדערשען, רעדט גאט צו אלע מענשען גלייך.

די מענשליכע שפראך איז באשרענקט אין פלאץ און מסוגל געענדערט צו ווערען, און מחמת דעם קאן זי ניט באנוצט ווערען, ווי א מיטעל פאר אומפארענדערליכע מיטטיילונגען צו אלע מענשען.

דער געדאנק, אז גאט האט, ווי מען דערציילט אונז, געשיקט ישו הנוצרי אנצוזאגען די בשורות טובות צו אלע פעלקער פון איין עק וועלט ביז דער אנדערער, פאסט זיך טאקע נאר פאר דער אומוויסענקייט פון די מענשען, וואס האבען נישט געהאט קיין באגריף וועגען דער גרייס פון דער וועלט און האבען אין פארלויף פון עטליכע הונדערט יאר געגלויבט, אינאיינעם מיט אט־די וועלט־דערלייזער, אז די ערד איז פלאך, ווי א ברעט, און אז דער מענש קאן דערגייען ביז צו איהר סוף.

אבער ווי אזוי האט ישו הנוצרי געקאנט עטוואס לאזען וויסען אלע פעלקער? ער האט געקענט רעדען נאר אויף איין שפראך, און דאס איז געווען העברייאיש, בעת אין דער גאנצער וועלט געפינען זיך עטליכע הונדערט לשונות. עס געפינען זיך קוים צוויי פעלקער, וואס זאלען רעדען אויף איין שפראך און פארשטיין איינס ס'אנדערע. און וואס עס איז שייך צו איבערזעצונג, ווייס יעדער מענש, וואס האט נאר וואסער־עס־איז ידיעה אין שפראכען, אז עס איז אוממעגליך איבערצוזעצען פון איין שפראך אין אן אנדערער נישט נאר אזוי, אז דער אריגינאל זאל דערביי נישט פארלירען זעהר פיל, נאר אפטמאל אויך אזוי, אז דער זין פון די ווערטער זאל נישט פארגרייזט ווערען; און אחוץ דעם אלעמען, איז די קונסט פון דרוקעריי אינגאנצען נישט געווען באוואוסט אין דער צייט, ווען ישו הנוצרי האט געלעבט.

עס איז נויטיג, אז די מיטלען וואס מען ווענדט אן צו דער־גרייכען א געוויסען ציל, זאלען אלע מאל זיין אנגעמאסטען פאר אט־דעם ציל, ווייל אנדערש קאן מען קיין זאך נישט דערגרייכען. אין דעם קאן מען זעהן די נפקא־מינה צווישען דער באשרענקטער און אומבאשרענקטער קראפט און חכמה. דעם מענשען געלינגט צייטענווייז נים צו דערגרייכען זיינע צילען מחמת דער נאטירלי־כער ניט־גענוגענדיגקייט פון די כחות, וואס פאדערען זיך דערויף. און אפטמאל אויך צוליב זיין נישט־וויסען, ווי אזוי אויסצונוצען געהעריג די כחות, וואס ער פארמאגט. אבער די אומבאגרענעצטע מאכט און חכמה קאן נישט דורכפאלען אזוי, ווי דער מענש פאלט דורך, ווייל איהרע מיטלען זיינען אלע מאל גלייך צום ציל. די מענשליכע שפראך, בפרט נאך, ווען עס עקזיסטירט ניט קיין אל־וועלטליכע שפראך, קאן ניט באנוצט ווערען, ווי א מיטעל פון אומ־פארענדערליכער און איינהייטליכער מיטטיילונג צו אלע מענשען, און מחמת דעם איז זי ניט דאס מיטעל, וואס גאט באנוצט צו אנט־פלעקען זיך.

נאר אין דער גאנצער ב א ש א פ ו נ ג אליין קאנען זיך פאראייניגען אלע אונזערע השגות פון ג א ט ' ס ו ו א ר ט. די ב א ש א פ ו נ ג רעדט מיט אן אוניווערסאלער שפראך, וואס ווענדט זיך נישט אן די מענשליכע לשונות, ווי פארשיידענארטיג זיי זאלען נישט זיין. דאס איז אן אייביגער אריגינאל, וואס יע־דער מענש קאן איהם לייענען. ער קאן ניט געפעלשט ווערען; ער קאן ניט נאכגעמאכט ווערען; ער קאן ניט פארלארען גיין; ער קאן ניט געאנדערשט ווערען; ער קאן ניט ווערען אונטערדריקט. ניט אן דעם מענשענ'ס ווילען ווענדט זיך עס, צי זאל ער פארעפענט־ליכט ווערען, אדער נים; ער פרעדיגט צו אלע פעלקער און אלע וועלטען; און אט־דאס ו ו א ר ט פ ו ן ג א ט אנטפלעקט פאר'ן מענשען אלץ, וואס עס איז נאר פאר איהם נויטיג צו וויסען וועגען גאט.

ווילען מיר זעהן גאט'ס מאכט, זעהען מיר זי אין דער אומ־ענדליכקייט פון זיין ב א ש א פ ו נ ג. ווילען מיר זעהן זיין חכמה, זעהען מיר זי אין דער אומפארענדערליכער ארדענונג, אין

וועלכער די סודות'דיגע וועלט ווערט געפירט. ווילען מיר זעהן זיין פרייגעביגקייט, זעהען מיר זי אין דער שפע, מיט וועלכער ער פילט אן די ערד. ווילען מיר זעהן זיין גנעדיגקייט, זעהען מיר זי אין דעם, וואס ער נעמט ניט אוועק אט־די שפע אפילו פון די אומדאנקבארע. ווילען מיר, מיט איינעם ווארט, וויסען, וואס עס איז אזוינס גאט, דארפען מיר עס ניט זוכען אין דעם ספר, וואס ווערט אנגערופען הייליגע שריפטען, אין דעם ספר, וואס יעדע מענשליכע האנט קאן איהם מאכען, נאר אין דעם ספר, וואס ווערט אנגערופען די באשאפונג.

דער איינציגער באגריף, וואס א מענש קאן צוגעבען צו גאט'ס נאמען, איז דער באגריף פון סבת כל הסבות, דער אורזאך פון אלע זאכען. און ווי שווער און אוממעגליך עס איז נישט פאר'ן מענשען צו באגרייפען, וואס עס איז אזוינס די ערשטע אורזאך, הויבט ער אבער אן סוף כל סוף גלויבען אין דעם מחמת דער פיל מאל גרעסערער שווערינקייט נישט צו גלויבען. עס איז געוואלטיג שווער פארצושטעלען זיך, אז דער רוים האט נישט קיין סוף; עס איז אבער נאך שווערער פארצושטעלען זיך, אז ער האט א סוף. עס איז איבער דעם מענשען'ס כחות פארצושטעלען זיך דאס אייביגע דויערען פון דעם, וואס מיר רופען אן צייט; עס איז אבער נאך אוממעגליכער פארצושטעלען זיך א צייט, ווען עס וועט ניט זיין גאר קיין צייט.

עס ליינט זיך אויך אויפ'ן שכל, אז אלע, וואס מיר זעהען, טראגט אין זיך גופא דעם באווייז, אז עס האט זיך אליין נישט באשאפען. יעדער מענש איז א באווייז פאר זיך, אז ער האט זיך אליין נישט באשאפען; און אויך זיין פאטער, אדער זיין זיידע, אדער ווער־עס־איז פון זיין ראסע האט נישט געקאנט זיך אליין באשאפען; און פונקט אזוי האט אויך קיין שום בוים, פלאנץ, אדער חיה נישט געקאנט זיך אליין באשאפען: און די איבערצייגונג, וואס מיר באקומען פון אט־דעם באווייז, צווינגט אונז צו גלויבען אין אן אייביג־עקזיסט־רענדיגער ערשטער אורזאך, אין א נאטור, וואס איז אינגאנצען אנדערש פון יעדען מאטעריעלען לעבען, ווי מיר קאנען דאס זעהן מיט אונזערע אויגען. און וואס

מיט איהר כח עקזיסטירען אלע זאכען; און אט־די ע ר ש ט ע א ו ר ז א ך האט דער מענש א נאמען געגעבען ג א ט.

דער מענש קאן געפינען גאט נאר מיט דער הילף פון זיין שכל. נעמט פון איהם אוועק דעם שכל, און ער וועט ניט זיין ביכולת צו פארשטיין קיין זאך; און דאן וואלט געווען אלץ איינס פארצולייענען אפילו נאר אזא ספר, ווי די ביבעל, פאר א פערד. ווי פאר א מענשען. און אויב די זאך איז אזוי, ווי געשיקט זיך עס, וואס אט־די לייט פרעטענדירען אפצוזאגען זיך פון דעם שכל?

כמעט די איינציגע טיילען אין דער ביבעל, וואו עס ווערט אונז געגעבען עפּיס א באגריף וועגען גאט, זיינען איינציגע קאפּיטלען פון א י ו ב און דאס 19־טע קאפּיטעל פון ת ה ל י ם; אז אנדערע אזוינע שטעלען קאן איך זיך נישט דערמאנען. אט־די טיילען זיינען עכטע ד ע א י ס ט י ש ע פארפאסונגען, ווייל זיי באטראכטען גאט דורך זיינע ווערק. זיי נעמען אז דאס בוך פון דער ב א ש א פ ו נ ג פאר דאס ווארט פון גאט, זיי בארופען זיך נישט אויף קיין שום אנדער בוך, און די אלע אויספירען, וואס זיי מאכען, נעמען זיי ארויס נאר פון אט־דעם באנד.

(פון איבערזעצער: טאמאס פעין באמערקט דא, אז די אומשטענדען, אין וועלכע ער האט זיך געפונען, שרייבענדיג דאס, האבען איהם נישט געלאזט זיך באנוצען מיט א תנ״ך, און ער ציטירט דעריבער, אנשטאט דעם 19־טען קאפּיטעל פון תהלים, א געדיכט פון דריי סטראפען, וואס דער ענגלישער דיכטער אדיסאן האט אנגעשריבען אויף דעם ערשטען פסוק פון דעם דאזיגען קאפּיטעל. עס פארשטייט זיך, אז אין דעם געדיכט איז דא נאר דער געדאנק פון דעם פסוק, אבער ניט די ווערטער. דער פסוק לייענט זיך: „השמים מספרים כבוד אל ומעשה ידיו מגיד הרקיע". אין אדיסאנ'ס געדיכט זינגט די זון, די לבנה און די שטערען א לויב־געזאנג צום באשעפער, וואס הערט זיך איבער גאר דער וועלט, און עס ענדיגט זיך אזוי: „געטליך איז די האנט, וואס האט אונז באשאפען")

וואס דארף דער מענש נאך וויסען אויסער דעם, אז די האנט אדער די קראפט, וואס האט אלץ באשאפען, איז געטליך און אלמעכטיג? זאל ער נאר אנהויבען גלויבען אין דעם מיט'ן גאנצען

הארצען, אויב ער וויל נאר זיך לאזען פירען פון זיין שכל, און ז׳ין לעבען וועט זיכער באקומען א מאראלישען אינהאלט.

די אנדייטונגען אין א י ו ב האבען אלע די אייגענע טענ־ דענץ, וואס אט־דאס קאפיטעל פון ת ה ל י ם, און דאס איז, ארויסצודרינגען אדער צו באווייזען דורך אמת׳ען, וואס זיינען שוין באוואוסט, אז אנדער אמת, וואס וואלט אנדערש ניט געקאנט בא־ וואוסט ווערען.

איך געדענק ניט גענוג אט־די שטעלען פון א י ו ב, אז איך זאל זיי קאנען ברייגנען, ווי זיי גייען; עס איז אבער פאראן צווישען זיי, דאכט זיך, איין שטעל, וואס קאן דא אנגעווענדט ווערען צו אונזער עניין. „קאנסטו דען, זוכענדיג, געפינען גאט? קאנסטו בא־ נעמען דעם אלמעכטיגען אין ג א ר ז י י ן ג ר י י ס ק י י ט?“

איך ווייס נישט, ווי אזוי די דרוקערס האבען אט־די שטעל געגוי איבערגעגעבען, ווייל איך האב ניט ביי זיך קיין ביבעל; זי אנטהאלט אבער צוויי קלארע פראגען, וואס מען קאן געבען אויף זיי צוויי קלארע ענטפערס.

ע ר ש ט ע נ ס, — קאנסטו דען, זוכענדיג, געפינען גאט? יא; ווייל איך ווייס צו אלעם ערשטען, אז איך האב זיך אליין נישט באשאפען, און דאך עקזיסטיר איך; און נ א כ פ א ר ש ע נ ד י ג די טבע פון אנדערע זאכען, געפין איך ווייטער אויס, אז קיין שום זאך האט זיך אליין ניט געקאנט באשאפען; און דאך עקזיסטירען מיליאנען אנדערע זאכען; און דערפאר ווייס איך, דורך דעם פא־ זיטיווען אויספיר, וואס איך מאך פון דער דאזיגער פארשונג, אז עס איז פאראן א קראפט, וואס איז העכער פון אט־די אלע זאכען, און אט־די קראפט איז גאט.

צ ו ו י י ט ע נ ס, — קאנסטו באנעמען דעם אלמעכטיגען אין ג א ר ז י י ן ג ר י י ס ק י י ט? ניין; און ניט נאר דערפאר, ווייל די קראפט און די חכמה, וואס ער האט מאניפעסטירט אין דעם געביי פון זיין שאפונג, וועלכע איך זעה מיט מיינע אויגען, איז פאר מיר אומבאגרייפליך, נאר אויך דערפאר, ווייל אפילו אט־דער טייל פון זיין שאפונג, ווי גרויס ער זאל ניט זיין, איז מסתמא אויך נאר א קליינער אויסשטעל פון יענער אומענדליכער קראפט און חכמה,

מיט וועלכע מיליאנען אנדערע וועלטען, וואס איך קאן זיי צוליב זייער ווייטער דיסטאנץ ניט זעהן, זיינען באשאפען געווארען און האבען א קיום

עס איז קלאר, אז דיביידע פראגען זיינען געשטעלט געווארען צום פארשטאנד פון דער פערזאן, צו וועלכער זיי זיינען געווענדעט געווען; די צווייטע פראגע קאן פאלגען נאר דאן, ווען מיר וועלען געבען א באשטעטיגענדיגען ענטפער אויף דער ערשטער. עס וואלט געווען גאר איבעריג און אפילו אבסורד אוועקצושטעלען די צווייטע פראגע, וועלכע איז נאך שווערער, ווי די ערשטע, ווען עס וואלט אויף אט־דער ערשטער פראגע געגעבען געווארען א נעגאטיווער ענטפער. די צוויי פראגען האבען פארשיידענע אביעקטען; די ערשטע באציהט זיך אויף דער עקזיסטענץ פון גאט, די צווייטע — אויף זיינע אטריבוטען; דער שכל קאן אנטדעקען די עקזיסטענץ פון גאט, ער איז אבער באין אופן ניט אימשטאנד צו אנטדעקען גאט'ס אלע אטריבוטען.

איך געדענק נישט קיין שום שטעל אין אלע שריפטען, וואס גייען אונטער'ן נאמען פון די אפאסטאלען. וואו עס זאל געזאגט ווערען עפים וועגען דעם, וואס עס איז אזוינס גאט. אט־די שריפטען באשטייען צום גרעסטען טייל פון ויכוחים; און דער אינהאלט זייערער, וואס איז א מעשה פון דעם, ווי אזוי א מענש גוסס'ט אויף א קרייץ, פאסט זיך בעסער פאר'ן שווערמוטיגען גייסט פון א מאנאך אין א צעל, וואס עס איז גרייליך מעגליך, אז זיי זיינען טאקע פון אזא איינעם אנגעשריבען געווארען, ווי פאר א מענשען, וואס אטעמט מיט דער פרייער לופט פון דער באשאפונג.

די איינציגע שטעל, וועלכע ווייזט אן אויף די ווערק פון גאט, וואס נאר דורך זיי קאן מען ארויסזעהן זיין קראפט און חכמה, זיינען די ווערטער, אין וועלכע ישו הנוצרי זאל זיך האבען ארויסגעזאגט קעגען דעם מענשענ'ס זארגען פאר זיין לעבען. „קוקט אן די בלומען אין פעלד, ווי זיי וואקסען; זיי ארבייטען ניט און שפינען ניט". אבער דאס איז אן ערך אומבאדייטענדער פון דעם, וואס ווערט געזאגט אין ספר איוב און אין תהלים, יט; עס איז פאראן פונדעסטוועגען אן ענליכקייט אין געדאנק, און די

באשיידענקייט פון אט־דעם בילד שטימט מיט דער באשיידענקייט פון דעם מענשען.

וואס עס איז שייך צו דער קריסטליכער אמונה, זעהט זי מיר אוים צו זיין א מין שטה פון אטעאיזם, א מין רעליגיעזע אפלייקע־נונג פון גאט. זי לערענט צו גלויבען אין דעם מענשען מעהר, ווי אין גאט. זי איז א צוזאמענמיש, וואס באשטייט דער עיקר פון דעם גלויבען אין א מענשען און פון נאר אביסעל גלויבען אין גאט, און איז אזוי נאהענט צו אטעאיזם, ווי דעמערונג צו פינסטערניש. זי שטעלט אוועק צווישען דעם מענשען און זיין באשעפער עפים א טונקעלען ועזען, וואס זי רופט אן דערלייזער, פונקט אזוי, ווי די לבנה שטעלט זיך אוועק מיט איהר טונקעלקייט צווישען דער ערד און דער זון; און אזוי ארום ווערט געשאפען א רעליגיעזע אדער אומרעליגיעזע לקוי חמה. די קריסטליכע רעליגיע האט אוועקגע־שטעלט אין שאטען דעם גאנצען ארבייט (קרייז־וועג) פון שכל.

אט־די פינסטערניש האט געפירט דערצו, אז אלצדינג זאל איבערגעקערט ווערען מיט'ן קאפ אראפ, און צווישען אנדערע רע־וואלוציעס, וואס זי האט געבראכט, ווי דורך א כשוף, איז אויך גע־ווען די רעוואלוציע אין דער טעאלאגיע

די אזוי־גערופענע נאטור־פילאזאפיע, וועלכע נעמט ארום דעם גאנצען קרייז פון וויסענשאפט און וואו די אסטראנאמיע פארנעמט דעם הויפט־פלאץ, איז גיט קיין אנדער זאך, ווי די שטודיע פון די ווערק פון גאט, — פון זיין קראפט און חכמה, וואס ווערט פאר אונז אנטפלעקט דורך זיינע ווערק; און אט־די נאטור־פילאזאפיע איז די אמת'ע טעאלאגיע.

וואס עס איז שייך צו דער טעאלאגיע, וועלכע ווערט איצט געלערנט אנשטאט דער נאטור־פילאזאפיע, איז עס די שטודיע פון מענשליכע מיינונגען און מענשליכע פאנטאזיעס וועגען גאט. דאס איז ניט די שטודיע פון גאט אין די ווערק, וואס ער אליין האט געשאפען, נאר אין די ווערק, וואס זיינען געשאפען געווארען מיט מענשליכע הענט; די קריסטליכע רעליגיע האט, איבערלאזענדיג די שענע סיסטעם פון טעאלאגיע, ווי א שעהן אומשולדיג מיידעל, אויף עלענד און שמאד, כדי צו פארבייטען זי אויף דער אלטער

מכשפה פון אבערגלויבען, געבראכט דער וועלט זעהר פיל שאדען.

דער ספר א י ו ב און ת ה ל י ם, י ט, וואס אפילו די קירך אליין גיט צו, אז זיי זיינען פיל עלטער, ווי עס ווייזט די כראנאלאגישע ארדענונג, אין וועלכער זיי שטייען אין דער ביבעל, זיינען טעאלאגישע רעדעס, וואס זיינען אין איינקלאנג מיט דער אורשפרינגליכער סיסטעם פון טעאלאגיע. דער אינהאלט פון אט־די רעדעס באווייזט אויפ'ן קלארסטען אופן, אז דאס שטודירען און פארטיפען זיך אין די ווערק פון גאט, אין זיין קראפט און חכמה, וואס ווערט פאר אונז אנטפלעקט אין אט־די ווערק זיינע, האט פארגעשטעלט מיט זיך א גאנץ וויכטיגען טייל פון דער רעליגיע פון יענע צייטען, ווען די דאזיגע רעדעס זיינען פארפאסט געווארען; אט־דאס גאטספארכטיגע שטודירען און פארטיפען זיך אין דער ב א ש א פ ו נ ג האט געפירט צו דער אנטדעקונג פון די פרינציפען, אויף וועלכע די וויסענשאפט איז איצט באגרינדעט: און מיט'ן אנטדעקען די פרינציפען פון דער וויסענשאפט זיינען געבוירען געווארען כמעט אלע קונסטען, וואס מאכען שענער און באקוועמער דעם מענשענ'ס לעבען. יעדע הויפט־קונסט שטאמט פון א געוויסען צווייג פון דער וויסענשאפט, כאטש ניט אלע מאל, און אפשר טאקע גאנץ זעלטען, זעהט אט־די פארבינדונג דער מענש, וואס טוט די ארבייט אויף א מעכאנישען אופן.

די קריסטליכע סיסטעם זאגט א ליגען, ווען זי רופט אן די וויסענשאפט מ ע נ ש ל י כ ע ע ר פ י נ ד ו נ ג; עס איז מענשליך נאר איהר אנווענדונג. יעדער צווייג פון דער וויסענשאפט איז באזירט אויף א סיסטעם פון פרינציפען, וואס זיינען פונקט אזוי פעסט און אומפארענדערליך, ווי די געזעצען, דורך וועלכע די וועלט ווערט איינגעארדענט און געפירט. דער מענש קאן ניט באשאפען קיין פרינציפען, ער קאן זיי נאר אנטדעקען.

צום ביישפיל, יעדער איינער קאן לייענען אין א קאלענדאר, אז עס וועט אין א געוויסען מאמענט פארקומען א לקוי חמה, און זיך דערנאך איבערצייגען, אז זי פארפעלט קיינמאל ניט פארצוקומען פינקטליך אין דער אנגעגעבענער צייט. דאס ווייזט, אז דער מענש ווייס די געזעצען, וואס באוועגען די הימעל־קערפערס.

עס וואלט אבער געווען מעהר, ווי עם הארצות, מצד וואסער־עס־איז קירך אין דער וועלט צו זאגען, אז אט־די געזעצען זיינען א מענשליכע ערפינדונג. עס וואלט אויך געווען עם הארצות, אדער נאך אן ערגערע זאך, צו זאגען, אז די וויסענשאפטליכע פרינציפען, וואס מיט זייער הילף איז דער מענש אימשטאנד אויסצורעכענען און צו וויסען פאראויס, ווען עס וועט פארקומען א לקוי חמה, זיינען א מענשליכע ערפינדונג.

א מענש קאן ניט ערפינדען א זאך, וואס איז אייביג און אומפארענדערליך; און די וויסענשאפטליכע פרינציפען, וואס ער באנוצט פאר אט־דעם צוועק, מוזען אומבאדינגט זיין פונקט אזוי אייביג און אומפארענדערליך, ווי די געזעצען, וואס באוועגען די הימעל־קערפערס, אנדערש וואלט מען זיי ניט געקאנט באנוצען אויף אויסצוגעפינען פאראויס די צייט און דעם אופן פון א לקוי חמה אדער א לקוי לבנה.

די וויסענשאפטליכע פרינציפען, וואס דער מענש באנוצט, כדי צו קאנען פאראויסזאגען, ווען עס וועט עפיס פארקומען בנוגע צו דער באוועגונג פון די הימעל־קערפערס, געפינען זיך דער הויפט אין יענעם טייל פון דער וויסענשאפט, וואס הייסט ט ר י ג א נ א מ ע ט ר י ע, אדער די אייגענשאפטען פון א דריי־עק; ווען אנגעווענדט צום שטודירען די הימעל־קערפערס, הייסט אט־די וויסענשאפט אסטראנאמיע; ווען אנגעווענדט צו ווייזען די ריכטונג פון א שיף אויפ'ן ים, הייסט זי נאוויגאציע; ווען אנגעווענדט צו מאכען פיגורען, וואס ווערען געצייכענט מיט א ווירע און א צירקעל, הייסט זי געאמעטריע; ווען אנגעווענדט צו מאכען פלאנען און געביידעס, הייסט זי ארכיטעקטור; ווען אנגעווענדט צו מעסטען וואסער־עס־איז טייל פון דער אויבערפלאך פון דער ערד, הייסט זי פעלד־מעסטעריי. מיט איינעם ווארט, זי איז די נשמה פון דער וויסענשאפט; זי איז אן אייביגער אמת; זי אנטהאלט אין זיך דאס, וואס דער מענש רופט אן מ א ט ע מ א ט י ש ע ב א וו י י ז ע ן. און מען קאן ניט וויסען, ווי ווייט זי קאן זיך נאך אויסברייטען.

מען קאן זאגען, אז אזוי ווי דער מענש קאן מאכען אדער

אנצייכענען אַ דריי־עק, איז אַ דריי־עק דעריבער אַ מענשליכע ער־פינדונג.

אבער דער דריי־עק, ווען אַנגעצייכענט, איז ניט מעהר, ווי נאָר אַן אַפּבילדונג פון דעם פּרינציפּ; דערמיט ווערט נאָר געגעבען דעם אויג, און דורכ'ן אויג — דעם שכל, אַ סקיצירונג פון אַ פּרינ־ציפּ, וואָס וואָלט אַנדערש ניט געקאָנט באַנומען ווערען. דער דריי־עק שאַפט דעם פּרינציפּ פּונקט אַזוי, ווי אַ ליכט, וואָס מען טראָגט אַריין אין אַ פינסטערען חדר, מאַכט די שטולען און די טישען, וועל־כע מען האָט פריהער ניט געקאָנט זעהן. אַלע אייגענשאַפטען פון אַ דריי־עק עקזיסטירען פריי פון דער צייכענונג, און האָבען עקזיס־טירט נאָך איידער אַ מענש האָט געהאָט אַנגעצייכענט אַ דריי־עק, אָדער גאָר געטראַכט וועגען איהם.

דער מענש האָט פּונקט אַזוי אַ שייכות צו דער פאָרמירונג פון אָט־די אייגענשאַפטען אָדער פּרינציפּען, ווי ער האָט אַ שייכות צו דער שאַפונג פון די געזעצען, וואָס באַוועגען די הימעל־קער־פּערס; און דערפאַר מוזען די ערשטע זיין פון דעם אייגענעם געטליכען מקור, וואָס די אַנדערע.

פּונקט ווי מען קאָן זאָגען, אַז דער מענש קאָן מאַכען אַ דריי־עק, קאָן מען אויך זאָגען, אַז ער קאָן מאַכען דעם מעכאַנישען אינס־טרומענט, וואָס ווערט אַנגערופען הויבעל; אָבער דער פּרינציפּ, וואָס דורך איהם אַרבייט דער הויבעל, איז גאָר פאַר־שיידען פון דעם אינסטרומענט גופא און וואָלט עקזיסטירט אויך אָן איהם; ער ווערט פאַרבונדען מיט'ן אינסטרומענט ערשט נאָכ־דעם, ווי דער לעצטער איז געמאַכט; דער אינסטרומענט קאָן דעריבער ניט אַרבייטען אַנדערש, ווי ער אַרבייט; און קיין שום אַנשטרענג פון דער מענשליכער פאַנטאַזיע קאָן ניט מאַכען, אַז ער זאָל אַרבייטען אַנדערש; דאָס, וואָס דער מענש רופט אין אַזוינע פאַלען די ווירקונג, איז ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אָט־דער פּרינציפּ, וואָס איז געוואָרען צוגענגליך פאַר די חושים.

און אויב דער מענש קאָן ניט באַשאַפען קיין פּרינציפּען, איז ווי אַזוי קומט עס צו איהם צו קענען זיי אַזוי גרינדליך, אַז ער זאָל זיין אימשטאַנד ניט נאָר אַנצוּוואָוענדען זיי פאַר זאַכען אויף דער

ערד, נאר אויך פעסטצושטעלען די באוועגונגען פון די הימעל־קערפערס, וואס זיינען אזוי אומענדליך־ווייט פון איהם? ווי אזוי, פרעג איך, קומט צו איהם אזא מין וויסען, אויב ניט פון שטודירען די אמת'ע טעאלאגיע?

דאס געביי פון דעם אוניווערז האט עס געגעבען דעם מענשען אט־דעם וויסען. אט־דאס געביי איז אן אייביג־עקזיסטירענדיגע אויסשטעלונג פון אלע פרינציפען, וואס אויף זיי איז באגרינדעט די מאטעמאטישע וויסענשאפט. די מעכאניק איז אן אפצווייג פון דער דאזיגער וויסענשאפט; ווייל מעכאניק איז ניט קיין אנדער זאך, ווי נאר דאס פראקטישע אנווענדען די פרינציפען פון דער וויסענשאפט.

דער מענש, וואס ארבייט אויס די פראפארציעס פון עטליכע טיילען פון א מיל, באנוצט די זעלביגע וויסענשאפטליכע פרינציפען, ווי ווען ער וואלט געהאט די קראפט אויפצובויען אן אוניווערז; נאר אזוי ווי ער קאן ניט צוגעבען דער מאטעריע יענע אומזיכטבארע קראפט, וואס דורך איהר ווירקען אלע באשטאנד־טיילען פון דעם אומגעהויערען מעכאניזם פון דעם אוניווערז איינע אויף די אנדערע און ארבייטען אלע צוזאמען אין הארמאנישער באוועגונג, אבער אן וואסער־עס־איז מערקליכער בארירונג, און וואס דער מענש האט זי א נאמען געגעבען צוציהונגס־קראפט, שווער־קראפט (גראוויטאציע) און צוריקשטויס, — פארבייט ער אט־די קראפט דורך א באשיידענער נאכאמונג פון ציין (אין א ראד). אלע טיילען פון דעם מענשען'ס מיקראקאזם מוזען זיך קעגענזייטיג בארירען אויף א זיכטבארען אופן; אבער האט דער מענש געקאנט אויפפאסען אט־די נאטור־קראפט אזוי, אז ער זאל זיין ביכולת אנצואווענדען זי אין דער פראקטיק, מוזען מיר זאגען, אז עס זיינען אנטדעקט געווארען נאך קאנאנישע ביכער ווענען דעם ווארט פון גאט.

ווען א מענש וואלט געקאנט ענדערען די אייגענשאפטען פון דעם הויבעל, וואלט ער אויך געקאנט ענדערען די אייגענשאפטען פון דעם דריי־עק, ווייל א הויבעל (נעמענדיג, צוליב קלארקייט, יענעם מין הויבעל, וואס ווערט אנגערופען שנעל־וואג), בעת ער איז

אין באוועגונג, שאפט א דריי־עק. די ליניע, וואס פון איהר לאזט ער זיך אראפ (איין פונקט פון אט־דער ליניע איז דער שטיץ־פונקט), די ליניע, וואס צו איהר לאזט ער זיך אראפ, און די כארדע*) פון דער ארק, וואס דער עק פון הויבעל מאכט אין דער לופטען, זיינען די דריי זייטען פון א דריי־עק. דער אנדערער ארעם פון דעם הויבעל באשרייבט אויך א דריי־עק; און די אנט־שפרעכענדיגע זייטען פון אט־די צוויי דריי־עקען, אויסגערעכענט וויסענשאפטליך, אדער אויסגעמאסטען געאמעטריש, ווי אויך די זינוסען, טאנגענטען און סעקאנטען**), וואס ווערען געשאפען דורך די ווינקלען, האבען די זעלביגע קעגענזייטיגע פראפארציעס, ווי די פארשיידענע וואגען, וואס באלאנסירען איינע די אנדערע אויף דעם הויבעל, ארויסלאזענדיג פון חשבון די וואג פון דעם הויבעל גופא.

מען קאן אויך זאגען, אז דער מענש קאן מאכען א ראד און אן אקס; אז ער קאן צוזאמענשטעלען רעדער פון פארשיידענער גרייס און מאכען אזוי ארום א מיל. אבער אויך אין דעם פאל ווערט די לאגע ניט געביטען, און ניט דער מענש האט געשאפען דעם פרינציפ, וואס גיט די רעדער אט־די קראפט. דער פרינציפ איז דא פונקט אזוי אומפארענדערליך, ווי אין דעם פריהערדיגען פאל, אדער ריכטיגער געזאגט, עס איז דערזעלביגער פרינציפ, נאר ער ערשיינט אנדערש פאר'ן אויג.

דאס שטודירען די אמת'ע טעאלאגיע האט אונז געבראכט צו דער וויסענשאפט, וואס פון איהר זיינען ארויסגעקומען אלע קונס־טען.

אויסגעשטעלט די פרינציפען פון דער וויסענשאפט אין דעם געביי פון דעם אוניווערז, האט דער אלמעכטיגער לעקטאר דערמיט

---

*) די גראדע ליניע, וואס שניידט דורך א קרייז נידעריגער פון צענטער. — איבערז.

**) טערמינען אין דער טריגאנאמעטריע, וואס באציכענען געוויסע מאטעמאטישע פארהעלטענישען צווישען די זייטען און די ווינקלען פון א דריי־עק. — איבערזעצער.

פארגעשלאגען דעם מענשען צו שטודירען און נאכצומאכען. עס איז גלייך, ווי ער וואלט געזאגט צו די איינוואוינער פון דער ערד, וואס מיר רופען זי אונזער ערד: „איך האב באשאפען אן ערד פאר'ן מענשען צו וואוינען אויף איהר, און איך האב איהם געלאזט זעהן די אויסגעשטערענטע הימלען, כדי צו לערנען איהם וויסענשאפט און קונסט. ער קאן איצט זארגען פאר זיין אייגענער באקוועמליכקייט, און זיך לערנען פון מיין פריינעבינקייט צו אלעמען צו זיין פריינדליך צו אנדערע מענשען".

וואס וואלט דעם מענשען ארויסגעקומען דערפון, וואס זיין אויג איז באשאנקען מיט דער קראפט צו זעהן אויף אן אומבאגרייפליכען שטח אן אומענדליכע צאל וועלטען, וועלכע דרייען זיך אין דעם אוקינוס פון רוים, אויב ער זאל דערפון ניט לערנען עפיס? וואס פאר א שייכות וואלט דער מענש געהאט מיט די פלעיאדען, מיט אריאן, סיריוס, מיט דעם שטערען, וואס ער רופט אן דער צפון־שטערען, מיט די וואנדער־שטערען, וואס ער האט א נאמען געגעבען סאטורן, יופיטער, מארס, ווענוס, מערקור, אויב עס זאל איהם קיין זאך ניט ארויסקומען דערפון, וואס ער קאן זיי זעהן? אויב נאר אויף צו פארלירען זיין בליק אין דער אומענדליכער וויסטעניש פון רוים, וואס פינקעלט און שימערירט מיט ליכט, וואלט פאר דעם מענשען געווען גענוג א קלענערע זעהקראפט, ווי די אומגעהויערע קראפט, וואס ער פארמאגט איצט.

און נאר דאן, ווען ער באטראכט דאס, וואס ער רופט אן אויסגעשטערענטער הימעל, ווי א בוך און א שולע פון וויסענשאפט, אנטדעקט ער א זין אין דעם, וואס ער קאן זעהן די שטערען, אדער א נוצען, וואס קומט איהם ארויס פון זיין אומגעהויערער קראפט צו זעהן.

נאר דאן, ווען ער באטראכט די גאנצע זאך אין אזא ליכט, געפינט ער נאך א גרונט צו זאגען, אז קיין זאך איז ניט באשאפען געווארען אומזיסט; ווייל אט־די זעה־קראפט, וואס ער פארמאגט, וואלט געווען גאנץ איבעריג, ווען זי זאל איהם גארנישט לערנען.

ווי די קריסטליכע סיסטעם פון גלויבען האט געמאכט אַז איבערקערעניש אין דער טעאָלאָגיע, אזוי האט זי אויך געמאכט אַן איבערקערעניש אין דעם צושטאַנד פון בילדונג. דאס, וואס מען רופט היינט אַן בילדונג, איז ניט געוועזן קיין בילדונג פאר־צייטענס, בילדונג באַשטייט ניט, ווי מען האט דאס היינט איינ־געפירט אין די שולעס, אין קענען שפּראכען, נאר אין וויסען די זאכען, וואס די שפּראך גיט זיי נעמען.

די גריכען זיינען געוועזן א געבילדעט פאָלק, אבער זייער ביל־דונג איז פּונקט אזוי ניט באַשטאַנען אין רעדען גריכיש, ווי זי באַשטייט ניט אין דעם, וואָס א רוימער רעדט לאטיין, אדער א פראנצויז — פראנצויזיש, אָדער אַן ענגלישער — ענגליש.

פון דעם, וואָס מיר ווייסען וועגען די גריכען, זעהט ניט אויס, אַז זיי זאָלען האָבען געקענט אדער שטודירט נאָך א שפּראַך, אחוץ זייער אייגענער, און דאָס איז געוועזן איינע פון די אורזאכען, פארוואָס זיי זיינען געוואָרען אזוי געבילדעט; זיי האָבען געהאט מעהר צייט צו פאַרנעמען זיך מיט שטודירען בעסערע זאכען. די שולעס פון די גריכען זיינען געוועזן שולעס פון וויסענשאַפט און פילאָזאָפיע, אבער ניט פון שפּראכען; און די אמת'ע בילדונג באַ־שטייט טאַקע נאר אין וויסען דאָס, וואָס עס לערנט אונז די ווי־סענשאַפט און די פילאָזאָפיע.

כמעט די גאַנצע וויסענשאַפטליכע בילדונג, וואָס עקזיסטירט ביי היינטיגען טאָג, איז צו אונז געקומען פון די גריכען, אדער פון דעם פאָלק, וואָס האט גערעדט גריכיש. און מחמת דעם איז עס נויטיג געוועזן, אַז מענשען פון אנדערע פעלקער, וואָס האָבען גע־רעדט אויף אַנדערע לשונות, זאָלען לערנען גריכיש, כדי באַקענט צו מאַכען די פעלקער מיט דער בילדונג פון די גריכען, איבערזעצ־צענדיג די גריכישע ביכער פון וויסענשאַפט און פילאָזאָפיע אין דער מוטער־שפּראך פון יעדען פאָלק.

דאָס שטודירען די גריכישע שפּראַך (און דאָס אייגענע אויך מיט לאַטיין) איז דעריבער געוועזן ניט מעהר, ווי די נודנע ארבייט פון א לינגוויסט; און די שפּראַך, וואָס מען האט אויף אַזא אופן שטודירט, איז געוועזן נאר א מיטעל, אדער א מין געצייג אויף

איבערצונעמען די בילדונג פון די גריכען. זי איז ניט געווען קיין טייל פון אט־דער בילדונג גופא, און איז אפילו געווען אזוי פארשיידען פון איהר, אז עס האט זיך געקאנט גרייליך טרעפען, אז די מענשען, וואס האבען געגוג שטודירט גריכיש צו קאנען איבערזעצען אזעלכע ווערק, ווי, למשל, אייקליד׳ס *עלעמענטען*, זאלען גארנישט פארשטיין פון דעם, וואס די דאזיגע ווערק אנטהאלטען.

אזוי ווי קיין נייס קאן מען מעהר ניט לערנען פון די טויטע שפראכען, ווייל אלע ניצליכע ביכער זיינען שוין איבערגעזעצט געווארען, זיינען אט־די שפראכען געווארען א נוצלאזע זאך און די צייט וואס מען גיט אוועק אויף זיי איז ארויסגעווארפען.

אויף וויפיל דאס שטודירען שפראכען קאן בייטראגען צום פארטשריט און פארשפרייטונג פון וויסען (ווייל *באשאפען* נייעם וויסען קאן דאס באין אופן ניט), קאן מען געפינען נייעם וויסען נאר אין די לעבעדיגע שפראכען; און בכלל וועט א קינ־זיבער זיך אויסלערנען פון א לעבעדיגער שפראך מעהר אין איין יאהר, ווי פון א טויטער שפראך אין זיבען יאהר, און דערצו טרעפט עס נאך גאנץ זעלטען, אז דער לערער אליין זאל וויסען א סך פון דער טויטער שפראך.

די שווערקייט צו לערנען די טויטע שפראכען קומט ניט פון זייער גרעסערער פארפלאנטערטקייט, נאר פון דעם, *וואס זיי זיינען טויט* און וואס די אויסשפראך זייערע איז אינגאנצען פארלארען געגאנגען. דאס אייגענע וואלט פארגעקומען מיט יעדער אנדער שפראך, ווען זי וואלט געווארען טויט.

דער בעסטער גריכישער לינגוויסט, וואס לעבט היינט, בארשטייט ניט אזוי גוט גריכיש, ווי עס האט אמאל פארשטאנען א גריכישער אקערער אדער א גריכיש דארפסמיידעל; און דאס אייגענע איז אויך מיט לאטיין, ווען פארגליכען מיט אן אקערער אדער א דארפסמיידעל ביי די רוימער; עס וואלט דעריבער געווען זעהר גוט פאר דעם צושטאנד פון בילדונג, ווען דאס שטודירען טויטע שפראכען וואלט אפגעשאפט געווארען און מענשען וואלטען, ווי

אַמאָל, זיך ווידער פאַרנומען מיט אמת'ער בילדונג, וואָס באַשטייט אין שטודירען וויסענשאַפט.

ווי א תירוץ פאַר לערנען די טויטע שפּראַכען ווערט אַמאָל אַנגעגעבען דאָס, וואָס מען לערענט זיי אין א צייט, ווען א קינד איז נאָך ניט אימשטאַנד אַנצושטרענגען יעדע אַנדערע אינטעלעקטועלע פעהיגקייט, אויסער דעם זכרון; אָבער דאָס איז אינגאַנצען א טעות. דער מענשליכער שכל האָט א נאַטירליכע נייגונג צו וויסענשאַפט און צו זאַכען, וואָס זיינען מיט איהר פאַרבונדען.

די ערשטע און באַליבטע פאַרווייַלונג פון א קינד, איידער עס הויבט נאָך אפילו אָן צו שפּילען זיך, איז — נאַכצומאַכען די אַרבייט פון גרויסע. עס בויט הייזער מיט קאָרטען אָדער שטעקלעך, עס לאָזט שווימען א שיפעל, געמכאָט פון פּאַפּיר, איבער'ן קליינעם ים פון א שיסעל וואַסער, אָדער פאַרהאַלט מיט א מין דאַמבע דעם שטראָם פון א קאַנאַווע און שטעלט צונויף עפּיס אַזוינס, וואָס ער רופט עס אָן מיל; און דאָס אַלץ טוט דאָס קינד מיט א געוואַלטיגען אינטערעס און ליבע. אָבער שפּעטער הויבט עס אָן צו גיין אין שולע, וואו זיין גייסט ווערט אָפּגעטויט דורך דעם טרוקענעם שטודירען א טויטע שפּראַך, און דער פילאָזאָף אין איהם פאַרלירט זיך אין דעם לינגוויסט.

דער תירוץ, וואָס ווערט איצט אַנגעגעבען פאַר לערנען די טויטע שפּראַכען, האָט אין אָנהויב ניט געקאָנט זיין די אורזאַך פון רעדוצירען דאָס לערנען ביז צו דער שמאָלער און ניט־וויכטיגער ספערע פון לינגוויסטיק; מען מוז דעריבער זוכען די אמת'ע אורזאַך ערגעץ אַנדערש. אין אַלע אַזוינע פאָרשונגען איז דער בעסטער באַווייז, וואָס מען קאָן געפינען, דער אינעוועניגסטער באַווייז, וואָס די זאַך טראָגט אין זיך גופא, און אויך דער באַווייז פון די אומשטענדען, וואָס זיינען מיט איהר פאַרבונדען; אין אַט־דעם פאַל איז ניט שווער צו געפינען ביידע זאַכען.

די עולה, וואָס איז באַגאַנגען געוואָרען קעגען דער גערעכטיגקייט פון גאָט, אַנגעמענדיג, אַז ער האָט געלאָזט דעם אומשולדיגען אָפּקומען פאַר'ן שולדיגען, די אוממאָראַלישקייט און געמיינהייט צו זאָגען, אַז גאָט האָט אַנגענומען די געשטאַלט פון א מענשען, כדי

צו באפרייען זיך פון דער פארפליכטונג אויסצופירען זיין אורטייל איבער אדמ'ען, — דאס זיינען זאכען, וואס דארפען באזונדער באהאנדעלט ווערען; אבער אפילו אן דעם איז אויך זיכער, אז די אזוי־גערופענע קריסטליכע סיסטעם פון גלויבען, צורעכענענדיג צו איהר די משונה'דיגע מעשה פון דער וועלט־באשאפונג, די מאדנע געשיכטע וועגען חוה'ן, דער שלאנג און דעם עפעל, דעם אומ־באשטימטען באגריף וועגען א גאט־מענש, דעם פיזישען באגריף וועגען דעם טויט פון א גאט, דעם מיטאלאגישען באגריף וועגען א פאמיליע פון געטער און די קריסטליכע סיסטעם פון אריטמעטיק, לויט וועלכער דריי איז איינס און איינס איז דריי, — עס איז זיכער, זאג איך, אז אט־די סיסטעם פון גלויבען שטימט גישט ניט נאר מיט דעם געטליכען געשאנק פון שכל, וואס גאט האט געגעבען דעם מענשען, נאר אויך מיט דעם באגריף וועגען דער מאכט און חכמה פון גאט, וואס דער מענש באקומט מיט דער הילף פון דער וויסענשאפט און דורך שטודירען דעם געביי פון דער באשאפונג.

די צוזאמענשטעלער און אויפהאלטער פון דער קריסטליכער סיסטעם פון גלויבען האבען ניט געקאנט ניט פאראויסזעהן, אז דער אומויפהערליכער פראגרעס פון דעם מענשענ'ס באגריפען וועגען דער מאכט און חכמה פון גאט, ווי זי ווערט אנטפלעקט אין דעם געביי פון דער ב א ש א פ ו נ ג, וועט מוזען סותר זיין און שטע־לען אונטער א פראגע־צייכען די אמת'דיגקייט פון זייער סיסטעם; און מחמת דעם איז עס געווארען נויטיג פאר זייער ציל אראפצו־שניידען דאס לערנען ביז אזא גרייס, וואס זאל זיין פאר זיי ווייניגער געפערליך, און זיי האבען דאס דורכגעפירט, רעדוצירענדיג דאס לערנען ביז צו דער טויטער שטודיע פון טויטע שפראכען.

זיי האבען ניט נאר באזייטיגט פון די קריסטליכע שולעס דאס שטודירען די וויסענשאפט, נאר זיי האבען זי אויך פארפאלגט. דאס דאזיגע שטודירען איז ווידער אויפגעלעבט געווארען ערשט מיט אן ערך צוויי הונדערט יאהר צוריק.

אין יאהר 1610 האט גאליליי, א פלארענטינער, ערפונדען און אריינגעפירט אין געברויך די טעלעסקאפען; באנוצענדיג זיך מיט זיי צו שטודירען די באוועגונגען און דאס ערשיינען פון די הימעל־

קערפערס, האט ער דערמיט געשאפען נאך א מיטעל פעסטצושטע־
לען דעם אמת'ש געביי פון דער וועלט. אנשטאט צו באערען
איהם פאר אזא־דער ערפינדונג, האט מען גאר פון איהם געפאדערט,
אז ער זאל פון איהר און פון די רעזולטאטען, וואס קאנען פון
איהר ארויסקומען, זיך אפזאגען, ווי פון א שרעקליכער אפיקורסות.
און פריהער פאר דעם איז ווירגיליוס פארמשפט געווארען צום פאר־
ברענען דערפאר, וואס ער האט אנערקענט די אנטיפאדען, אדער
מיט אנדערע ווערטער, אז די ערד איז קיילעכדיג און באוואוינט
אומעטום, וואו עס געפינט זיך נאר לאנד; אט דער אמת איז
איצט שוין צו גוט באקענט, אז מען זאל גאר וועגען איהם דארפען
רעדען.

אויב דער גלויבען אין טעותים, וואס זיינען ניט מאראליש
שלעכט, ברענגט ניט קיין שאדען, דארף עס ניט זיין דעם מענ־
שען'ס מאראלישער חוב זיי קעגענצושטעלען זיך אדער צו באזיי־
טיגען. עס איז קיין בייז ניט געווען צו גלויבען, אז די ערד איז
פלאך, ווי א ברעטעל, פונקט ווי עס איז ניט קיין טוגענד צו
גלויבען, אז זי איז קיילעכדיג, ווי א קויל; עס איז אויך קיין בייז
ניט געווען צו גלויבען, אז דער באשעפער האט קיין שום
אנדער וועלט ניט באשאפען, אויסער דער ערד, פונקט ווי עס איז
ניט קיין טוגענד צו גלויבען, אז ער האט באשאפען מיליאנען וועל־
טען, וואס די אומענדליכקייט פון רוים איז מיט זיי אנגעפילט.

ווען מען לאזט אבער א רעליגיעזע סיסטעם ארויסוואקסען
פון אן אנגענומענער סיסטעם פון וועלט־באשאפונג, וואס איז ניט
אמת, און זיך מיט איהר אזוי פאראייניגען, אז עס זאל זיין כמעט
אוממעגליך זיי פאנאנדערצוטיילען, ווערט די לאגע גאר אן אנדערע.
דעמאלט קאנען אזוינע טעותים, וואס זיינען פאר זיך אליין אפילו
ניט מאראליש־שלעכט, אויך ברענגען שאדען. דעמאלט ווערט דער
אמת, וואס וואלט ביי אנדערע אומשטענדען פאר זיך אליין געווען
גאנץ אומוויכטיג, זעהר וויכטיג, ווי א פרואוו־שטיין, וואס קאן
באשטעטיגען אדער אפלייקענען די אמת'דיגקייט פון דער רעליגיע
גופא. לויט דעם צי ער שטימט מיט איהר אדער ער ווידערשפרעכט
איהר. פון דעם שטאנדפונקט איז עס די מאראלישע פליכט פון

דעם מענשען צו באקומען יעדען מעגליכען באוויז בנוגע צו רעליגיעזע סיסטעמען, וואס עס גיט איהם נאר דאס געביי פון די הימלען אדער וואסער־עס־איז אנדער טייל פון דער באשאפונג.

אבער די אונטערשטיצער און אנהענגער פון דער קריסטליכער סיסטעם האבען זיך שטענדיג געשטעלט קעגען דעם, גלייך ווי זיי וואלטען זיך געשראקען פאר די רעזולטאטען, און האבען ניט נאר צוריקגעוויזען די וויסענשאפט, נאר אויך פארפאלגט איהרע נאכפאלגער. וואלטען ניוטאן און דעקארט געלעבט מיט דריי אדער פיר הונדערט יאהר צוריק און זיך פארנומען מיט זייערע שטודיעס. וואלטען זיי העכסט־וואַרשיינליך ניט אויסגעלעבט זייערע יאהרען צו פארענדיגען זיי; און וואלט פראנקלין אין דער אייגענער צייט געצויגען בליצען פון די וואלקענס, וואלט ער געווען איינגעשטעלט אויסצוהויבען דערפאר זיין נשמה אויפ'ן שייטערהויפען.

אין דער שפעטערער צייט האט מען די גאנצע שולד ארויפגעלייגט אויף די גאטען און די וואנדאלען; אבער ווי די אנהענגער פון דער קריסטליכער סיסטעם זאלען ניט וועלען אין דעם גלויבען אדער זיך מודה זיין, איז עס דאך אמת, אז די צייט פון אומוויסענקייט האט זיך אנגעהויבען מיט דער קריסטליכער סיסטעם. די וועלט האט פארמאגט פאר דעם מעהר וויסען, ווי מיט פיל הונדערטער יאהרען שפעטער; און וואס עס איז שייך צו רעליגיעזען וויסען, איז די קריסטליכע סיסטעם, ווי שוין געזאגט, געווען ניט מעהר, ווי אן אנדער פארם פון מיטאלאגיע. און די אוראלטע מיטאלאגיע, וואס האט געהערשט פאר דער קריסטליכער, איז געווען א פארדארבונג פון אן אוראלטער סיסטעם פון טעאיזם*).

*) מיר קאנען איצט נישט וויסען, ווען עס האט זיך אָנגעהויבען די היידנישע מיטאָלאָגיע; עס איז אָבער זיכער פון דעם אינעווענינסטען באַוויז, וואָס זי טראָגט אין זיך, אז זי האָט זיך נישט אָנגעהויבען אין דעמזעלביגען צושטאַנד, ווי זי האָט זיך געענדיגט. אַלע געטער פון אָט־דער מיטאָלאָגיע, אַ חוץ סאַטורנ'ען, זיינען געשאַפען געוואָרען אין דער שפעטערער צייט. די אָנגענומענע הערשאפט פון סאַטורנ'ען איז געווען פאַר דעם וואָס ווערט אָנגערופען היידנישע מיטאָלאָגיע, און איז אויף אַזוי פיל געווען א מין טעאיזם, אַז זי האָט דערלויבט דעם גלויבען נאָר אין איין־איינציגען גאָט. סאַטורן, ווערט דערציילט, האָט איבערגעגעבען זיין הערשאַפט צו זיינע דריי זין און איין טאָכטער,

עס איז צו פארדאנקען אט־דער לאנגער צווישען־הערשאפט פון דער וויסענשאפט, און ניט קיין אנדער זאך, וואס מיר מוזען איצט קוקען צו די גרויסארטיגע פערזענליכקייטען, וועלכע מיר רופען אוראלטע, אריבער א תהום פון פיל הונדערטער יארען. וואלט דער סכום פון וויסען, וואס האט עקזיסטירט פריי־הער, פראגרעסירט רעגעלמעסיג דורך אלע צייטען, וואלט אט־דער תהום געווען אנגעפילט מיט פערזענליכקייטען, וואס וואלטען איינע די אנדערע איבערגעשטייגט אין וויסען, און אט־די אוראלטע, וואס מיר באוואונדערען זיי איצט אזוי פיל, וואלטען מיט כבוד ערשינען אין הינטערגרונט פון דער בינע. אבער די קריסטליכע סיסטעם האט פון אלץ א תל געמאכט; און אויב מיר ווען זיך אוועקשטע־לען ביים אנהויב פון דעם זעכצענטען יארהונדערט, וועלען מיר קו־קען צוריק צו די צייטען פון די אוראלטע דורך אט־דעםברייטען תהום, ווי אריבער אן אומענדליכען זאמדיגען מדבר, וואו אונזער בליק, ציהענדיג זיך צו די פרוכטבארע בערג אויף יענער זייט, וועט נישט טרעפען אפילו קיין בוימעל.

יופיטער, פלוטא, נעפטון און יונא; נאך דעם האט די פאנטאזיע באשאַ־פען טויזענטער אַנדערע געטער און האַלב־געטער, און די רשימה פון גע־טער איז געוואַקסען אַזוי שנעל, ווי די רשימה פון היילגע.

די גאַנצע פאַרדאָרבענקייט, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער טעאָלאָגיע און אין דער רעליגיע, איז געקומען פון אָננעמען דאָס, וואָס דער מענש רופט אָן געטליכע אַנטפּלעקונג. די מיטאָלאָגיסטען האָבען פּרעטענדירט אויף אָט־דער געטליכער אנטפלעקונג נישט מער, ווי די קריסטען טוען עס. זיי האָבען געהאט זייערע אָראַ־קעלס און פּריסטער, וואָס זאָלען כמעט ביי יעדער געלעגענהייט האָבען באַקומען דאָס וואָרט פון גאָט און עס פּינקטליך איבערגע־געבען צו די מענשען.

אַזוי ווי די גאַנצע מאָראַלישע פאַרדאָרבענקייט פון מולכ'ן ביז דעם מאָדערנעם גלויבען אין דער געטליכער השגחה, פון די מענשליכע קרבנות פון די געצענדינער ביז דעם קריסטליכען קרבן פון דעם באַשעפער, איז אַרויסגעקומען פון אָננעמען די אַזוי־גערופענע געטליכע אַנטפּלעקונג, איז דאָס ווירקזאַמסטע מיטעל צו פאַרמיידען אַזוינע שווינדלען און פאַרבלענדענישען — ניט צוצולאָזען קיין שום אַנדער אַנטפּלעקונג, אויסער דער אנטפלעקונג פון דעם בוך פון דער באַשאַפונג, און צו באַטראַכטען די באַשאַפונג פאַר דאָס איינציג־אמת'ע וואָרט פון גאָט, וואָס איז געווען און וועט זיין, און אַלע אַנדערע זאַכען, וואָס ווערען אָנגערופען דאָס וואָרט פון גאָט, פאַר ליגען און פאַרפירונג.

עס גלויבט זיך קוים, אז עס זאל קאנען גאר עקזיסטירען אזא זאך אונטער'ן נאמען רעליגיע, וואס זאל האלטען פאר אומרעליגיעז דאס שטודירען און פארטיפען זיך אין דעם געביי פון גאט'ס באשאפונג. אבער דער פאקט איז צו קלאר, אז מען זאל איהם קאנען אפלייקענען.

די פאסירונג, וואס האט מער פון אלץ געהאלפען צו צעברעכען דעם ערשטען רינג אין אט־דער לאנגער קייט פון דעספאטישער אומוויסענקייט, איז געווען דאס, וואס איז ראקענט אונטער'ן נאמען לוטער'ס רעפארמאציע. פון יענער צייט אן, כאטש עס זעהט נישט אויס, אז דאס זאל זיין איינע פון די צילען, וואס לוטער, אדער די אזוי־גערופענע רעפארמאטארט, האבען זיך געשטעלט, האט די וויסענשאפט אנגעהויבען אויפלעבען, און אינאיינעם מיט איהר האט זיך אויך באוויזען דער פרייער געדאנק, איהר נאטירליכער באלייטער. דאס איז געווען די איינציגע גוטע זאך, וואס די רעפארמאציע האט אויפגעטון פאר'ן כלל; און וואס עס איז שייך צו איהרע רעגיליעזע אויפטואונגען, וואלטען זיי גלייכער געמעגט ניט פארקומען. די מיטאלאגיע איז אלץ פארבליבען און מיט'ן פאלען פון דעם פויפסט פון קריסטענטום איז אויסגעוואקסען א גרויסע צאל נאציאנאלע פויפסטען.

געוויזען אויף אזא אופן די אורזאך, וואס האט געבראכט אן ענדערונג אין דעם צושטאנד פון לערנען, און ווארום דאס שטודירען וויסענשאפט איז פארביטען געווארען אויף שטודירען טויטע שפראכען, וועל איך ווייטער פארגלייכען דעם באוויז, וואס עס גיט אונז דאס געביי פון דעם אוניווערז, מיט דער קריסטליכער סיסטעם פון רעליגיע, ווי איך האב עס שוין טיילווייז געטון פריהער. אבער אזוי ווי איך קאן דאס נישט טון אויף א בעסערען אופן, ווי דורך איבערגעבען די געדאנקען, וואס זיינען מיר אויפגעפאלען אין מיין יוגענד, און וועלכע, איך בין זיכער, קומען פריהער אדער שפעטער כמעט צו יעדען מענשען, וועל איך דא דערציילען, אין וואס אט־די געדאנקען זיינען באשטאנען, און וועל צו דעם מוסיף זיין נאך אנדערע זאכען, וואס וועלען דערפון ארויסוואקסען.

אזוי ווי מיין פאטער איז געווען א קווייקער, האב איך דעריבער געהאט דאס גליק צו באקומען אן אויסערגעוויינטליך־גוטע מאראַלישע דערציהונג און א נישקשה'דיגען אוצר פון ניצליכען וויסען. כאטש איך בין געגאנגען אין א לאטיינשולע („גרעמער־סקול"), האב איך פונדעסטוועגען ניט געלערענט קיין לאטיין, און ניט נאר ווייל איך האב ניט געהאט קיין נייגונג צו לערנען שפראכען, נאר אויך דערפאר, ווייל די קווייקערס זיינען קעגען די ביכער, אין וועלכע די שפראך ווערט געלערענט. דאס האט מיר אבער נישט געשטערט צו זיין באקענט מיט'ן אינהאלט פון אלע לאטיינישע ביכער, וואס זיינען באנוצט געווארען אין דער שולע.

איך האב געהאט א נאטירליכע נייגונג צו וויסענשאפט. איך האב אויך געהאט א געוויסע נייגונג און, איך גלויב, א געוויסען טאלאנט צו פאעזיע; אבער דאס האב איך גיכער אונטערדריקט, איידער דערמוטיגט, ווי א זאך, וואס פירט צופיל אוועק אין דער וועלט פון פאנטאזיע. אזוי גיך, ווי עס האט זיך נאר געמאכט פאר מיר א געלעגענהייט, האב איך זיך געקויפט א פאר גלאבוסען און האב געהערט די פילאזאפישע לעקציעס פון מארטין און פערגוסאן; שפעטער האב איך זיך אויך באקענט מיט דר. בעווים פון דער ק י נ י ג ל י כ ע ר ג ע ז ע ל ש א פ ט, — ער האט דעמאלט געוואוינט אין דעם ט ע מ פ ע ל און איז געווען אן אויסגעצייכענטער אסטראנאם.

איך האב נישט געהאט קיין שום נייגונג צו דעם, וואס מען רופט פאליטיק. זי האט אין מיין מח זיך אלעמאל צוזאמענגעבונדען מיט'ן באגריף פון דעם ווארט Jockeyship ווען איך האב אבער געווענדט מיינע געדאנקען צו דעם ענין פון שטאט, האב איך געפילט, אז איך דארף פאר זיך אליין שאפען אן אידעאלע רעגירונגס־סיסטעם, וואס זאל שטימען מיט די מאראלישע און פילאזאפישע פרינציפען, אויף וועלכע איך בין דערצויגען געווארען. איך האב געזעהען, אדער עס האט זיך מיר וועניגסטענס אויסגעוויזען, אז איך האב געזעהען, ווי די דעמאלטדיגע אמעריקאנער געשעהענישען עפענען פאר דער גאנצער וועלט א ברייט פעלד; און עס האט מיר אויסגעזעהען, אז אויב די אמעריקאנער וועלען נישט ענדערען

זייער טאקטיק בנוגע צו דער ענגלישער רעגירונג און וועלען זיך נישט דערקלערען אומאפהענגיג, וועלען זיי דערמיט נישט נאר ברייגנען אויף זיך אן א שיעור נייע שווערקייטען, נאר אויך מאכען אן עק צו די אויסזיכטען, וואס האבען, צו פארדאנקען זיי, זיך גע־עפענט פאר דער גאנצער מענשהייט.

אט־דאס זיינען געווען די מאטיווען, וואס האבען מיך באוועגט צו פארעפענטליכען מיין ערשטע ארבייט, וועלכע איז באקענט אונ־טער׳ן נאמען „פשוט׳ער שכל״; און איך גלויב, ווי ווייט איך אליין קאן נאר ווענען דעם אורטיילען, אז איך וואלט קיינמאל ניט געווען באקענט פאר דער וועלט, ווי א שרייבער, ווען נישט די אמערי־קאנער געשעהענישען. איך האב אנגעשריבען דאס ווערק "פשוט׳ער שכל" צום סוף פון 1775 און עס פארעפענטליכט דעם 1־טען יאנואר, 1776. די אמעריקאנער אומאפהענגיגקייט איז דערקלערט געווא־רען דעם 4־טען יולי, 1777.

יעדער מענש, וואס האט אויף זיך אליין באאבאכטעט דעם צו־שטאנד און פראגרעס פון דעם מענשליכען שכל, האט געמוזט באַ־מערקען, אז עס זיינען פאראן צוויי באזונדערע מינים פון דעם, וואס מיר רופען אן געדאנקען: אזוינע, וואס מיר רופען אין זיך ארויס דורך רעפלעקסיע און דעם פראצעס פון דענקען און אזוינע, וואס פון זיך אליין פארלירען זיי זיך אין אונזער מח.

איך האב זיך פארגענומען צו באהאנדלען אלע מאל מיט העפ־ליכקייט אט־די נישט געבעטענע געסט, און האב געזעהען אויסצור־פארשען, ווי ווייט איך האב נאר געקאנט, צי עס איז כדאי גע־ווען צו פארנעמען זיך מיט זיי, — און פון אט־די געדאנקען האב איך באקומען כמעט מיין גאנצען וויסען, וואס איך האב איצט. די בילדונג, וואס א מענש קריגט אין א שולע, איז נאר א קליינער קאַ־פיטאל, וואס גיט איהם אבער א מעגליכקייט צו לערנען זיך שפע־טער אליין. יעדער געבילדעטער מענש איז סוף כל סוף זיין איי־גענער לערער, — דאס איז דערפאר, ווייל פרינציפען קאנען נישט אפגעשטעמפעלט ווערען אויפ׳ן זכרון און זיינען קיינמאל נישט אזוי דויערהאפטיג, ווי דאן, ווען דער מענש באנעמט זיי מיט זיין אייגענעם שכל.

פון דער צייט אן, ווען איך בין נאר געווארען פעהיג צו באַ־
געמען אן אידעע און נאכצודענקען איבער איהר, האב איך שוין
געצווייפעלט אין דעם אמת פון דער קריסטליכער סיסטעם, אדער
באטראכט זי פאר עפּיס א מאדנער זאך; איך האב די זאך ניט
באגריפען גאנץ קלאר; עס געדענקט זיך מיר אבער גוט, ווי איך,
א קינד פון אן ערך זיבען אדער אכט יאר, האב געהערט א דרשה
פון מיינעם א קרוב, א הייסען אנהענגער פון דער קירך, אויף דער
טעמע: „די דערלייזונג דורך דעם טויט פון גאט'ס זון". נאך דער דרשה בין איך ארויסגעגאנ־
גען אין גארטען; גייענדיג אזוי איבער די גארטען־טרעפּ (איך
געדענק זעהר קלאר דעם פּלאץ), בין איך געווארען שרעקליך אויפ־
געבראכט פון דעם, וואס איך האב נאר וואס געהערט. איך האב
געטראכט, אז דאס האט געהייסען צו לאזען דעם אלמעכטיגען
האנדלען, ווי א היציגען מענשען, וואס האט גע'הרג'עט זיין איי־
גענעם זון, ווען ער האט אויף אן אנדער מין אופן נישט געקאנט
נעמען נקמה; און אזוי ווי איך בין געווען זיכער, אז א מענש
וואלט פאר אזא זאך אויפגעהאנגען געווארען, האב איך נישט גע־
קאנט פארשטיין, צוליב וואס מען האלט עס אזוינע דרשות.

דאס איז נישט געווען איינער פון יענע געדאנקען, וואס האָ־
בען אין זיך די קינדישע לייכטזיניגקייט; עס איז געווען פאר מיר
אן ערנסטע רעפלעקסיע, וואס איז געקומען פון מיין פארשטעלען
זיך גאט פאר א צו־גוטען צו קאנען טון אזא זאך און פאר א צו־
אלמעכטיגען צו זיין גאר דערצו געצוואונגען. אויך איצט גלויב
איך אין דעם אויף דעמזעלביגען שטייגער; און איך גלויב אויך, אז
יעדע סיסטעם פון רעליגיע, וואס האט אין זיך עפּיס אזוינס, וואס
ווירקט שלעכט אויף דער נשמה פון א קינד, קאן ניט זיין קיין אמת'־
דיגע סיסטעם.

עס זעהט אויס, ווי די פאטערס פון קריסטליכען גלויבען וואל־
טען זיך געשעמט צו דערציילען זייערע קינדער וועגען די פּרינצי־
פּען פון זייער רעליגיע. זיי גיבען זיי צייטענווייז איבער מאָראַ־
לישע כללים און רעדען מיט זיי וועגען דער גוטסקייט פון דעם, וואס
זיי רופען אן גטליכע השגחה (פּראווידענץ). (די קריסטליכע

מיטאָלאָגיע האָט פינף גאָטהייטען: גאָט דער פאָטער, גאָט דער זון, גאָט דער היילינער גייסט, די געטליכע השגחה און די געטין־ נאַטור). אָבער די קריסטליכע מעשה וועגען גאָט דעם פאָטער, וואָס האָט אומגעבראַכט זיין זון, אָדער געלאָזט מענשען טון דאָס פאַר איהם (ווייל אַזוי ווערט די מעשה אונז איבערגעגעבען) קאָן נישט דערציילט ווערען פון עלטערען צו אַ קינד; און צו דערציילען אַז דאָס איז געטון געוואָרען מיט׳ן צוועק צו מאַכען די מענשהייט גליקליכער און בעסער, הייסט מאַכען נאָך ערגער די גאַנצע מעשה, — גלייך ווי די מענשהייט קאָן ווערען בעסער דורך דעם ביישפּיל פון אַ מאָרד; און צו דערציילען, אַז די גאַנצע זאַך איז אַ מיסטעריע וואָלט נאָר געהייסען צו פאַרענטפערען איהר אומגלויביגקייט.

ווי פאַרשיידען דאָס איז פון דעם ריינעם און איינפאַכען גלויּ־ בען אין דעאיזם! דער אמת׳ער דעאיסט האָט נאָר איין גאָט, און זיין רעליגיע באַשטייט אין זעהן די מאַכט, חכמה און גוטסקייט פון גאָט אין זיינע ווערק, און צו שטרעבען איהם נאָכצוטון אין יעדער מאָראַלישער, וויסענשאַפטליכער און מעכאַנישער זאַך.

די רעליגיע, וואָס דערנעהענטערט זיך מעהר פון אַלע אַנדערע צום עכטען דעאיזם אין דעם פּרט פון אַנערקענען גאָט׳ס גוטסקייט, איז די רעליגיע פון די קוויקערס; אָבער זיי האָבען זיך צופיל באַ־ שרענקט, אַרויסלאָזענדיג אינגאַנצען פון זייער סיסטעם די ווערק פון גאָט. כאָטש איך פיל גרויס אַכטונג צו זייער מענשענליבע, מוז איך אָבער אַ שמייכעל טון, ווען איך שטעל זיך פאָר, ווי שטיל און גרוי די וועלט וואָלט געווען, ווען זי וואָלט באַשאַפען געוואָרען נאָכ׳ן געשמאַק פון אַ קוויקער! קיין בלום וואָלט נישט דערפרייט דאָס אויג מיט איהר בליהונג און קיין שום פייגעל וואָלט נישט דערלויבט געווען צו זינגען.

נאָכדעם, ווי איך האָב זיך גוט אויסגעלערנט צו באַנוצען זיך מיט אַ גלאָבוס און אַן אָ ר ע ר י*), און האָב זיך געשאַפען אַ באַגריף וועגען דער אומענדליכקייט פון רוים און דער אייביגער

*) אַזוי ווי דאָס דאָזיגע בוך קאָן אַריינפאַלען אין די הענט פון מענשען, וועלכע ווייסען נישט, וואָס עס איז אַזוינס אַן אָ ר ע ר י, וועל איך דאָ צוגעבען פאַר זיי די דאָזיגע באַמערקונג. די אָרערי האָט איהר

טיילבארקייט פון מאטעריע און באקומען ווענינסטענס אַלגעמיינע ידיעות אין דעם, וואָס ווערט אָנגערופען נאַטור־פילאָזאָפיע. האב איך אָנגעהויבען פארגלייכען דעם אייביגען באַווייז, וואָס אַטדי זאַכען טראָגען אין זיך, מיט דער קריסטליכער סיסטעם פון גלויבען.

כאָטש עס איז נישט קיין דירעקטער פּונקט פון דער קריסטליכער סיסטעם, אז די וועלט, וואָס מיר באַוואוינען, שטעלט פאָר מיט זיך די גאַנצע באַשאַפונג, איז אבער די זאַך אזוי באַארבייט דורך דער אזוי־גערופענער מאָזאאישער דערציילונג פון דער ב אַ ש אַ פ ו נ ג, דורך דער מעשה מיט חוה'ן און דעם עפּעל, און דעם טויט פון גאָט'ס זון, אז צו גלויבען אַנדערש, ד. ה. צו גלויבען, אז גאָט האָט באַשאַפען אַ סך וועלטען, ווענינסטענס אזוי פיל, וויפיל עס זיינען פאַראַן שטערען אויפ'ן הימעל, וואָלט די קריסטליכע סיסטעם פון גלויבען געמאַכט צוגלייך אי קליין און אי לעכערליך און זי געלאָזט פאַנאַנדערפליהען זיך אין דער מענשליכער נשמה, ווי פעדערען אין דער לופט. דיביידע גלויבענס קאָנען זיך נישט האַלטען אין איין־און־דערזעלביגער נשמה, און דער, וואָס מיינט, אז ער גלויבט אין ביידע זאַכען, האָט בכלל זיך ווייניג פאַרטראַכט איבער דעם.

כאָטש דער גלויבען אין דער עקזיסטענץ פון פיל וועלטען איז באַקענט געווען אויך צו די אוראַלטע, איז אבער די אמת'ע גרייס און ברייט פון דער ערד אויסגעפאָרשט געוואָרען ערשט אין פאַרלויף פון די לעצטע דריי הונדערט יאָר. עטליכע שיפען, פאָלגענדיג נאָכ'ן לויף פון דעם אָקעאַן, זיינען ארומגעשוואומען ארום דער וועלט, ווי אַ מענש גייט ארום אַ קרייז און קומט דורך דער אַנדערער

נאָמען פון דעם מענשען, וואָס האָט זי ערפונדען. עס איז דער מעכאַניזם פון אַ זייגער, וואָס שטעלט פאָר דעם אוניווערז אין מיניאַטור: עס ווערט דאָ פאָרגעשטעלט, ווי דאָס קומט פאָר באמת אויף דעם אַזוי־גערופענעם הימעל, דאָס דרייען זיך פון דער ערד אַרום זיך אַליין און אַרום דער זון, דאָס דרייען זיך פון דער לבנה אַרום דער ערד, דאָס דרייען זיך פון די פּלאַנעטען אַרום דער זון, זייערע רעלאַטיווע דיסטאַנצען פון דער זון, דעם צענטער פון דער גאַנצער סיסטעם, די רעלאַטיווע דיסטאַנצען פון איינער צו דער אַנדערער און זייערע פאַרשיידענע גרויסען.

רער זייט צוריק צום ארט, פון וואנען ער איז ארויסגעגאנגען. דער אומקרייז פון אונזער וועלט אין איהר ברייטסטען טייל, ווי א מענש וואלט אויסגעמאסטען דעם ברייטסטען קרייז פון אן עפעל אדער א פילקע, איז נאר פינף־און־צוואנציג טויזענט און צוואנציג ענגלישע מייל, רעכענענדיג ניין־און־זעכציג און א האלבען מייל פאר א גראד פון דעם עקוואטאר, און קאן ארומגערייזט ווערען מיט'ן וואסער אין אן ערד דריי יאר צייט*).

אזא וועלט קאן אונז אין אנהויב אויסזעהן צו זיין גאנץ גרויס; אבער אויב מיר וועלען זי פארגלייכען מיט דער אומענדליכקייט פון רוים, וואו זי הענגט, ווי א בלעזעל אדער א באלאן אין דער לופט, איז זי פּראפּארציאנעל אומענדליך־קלענער, ווי דאס קלענסטע זעמדעל איז אנטקעגען איהר, אדער ווי דאס קלענסטע טיילכעל טוי איז אנטקעגען דעם גאנצען אקעאן, — און וועט דעמאלט אויסזעהן אין אונזערע אויגען צו זיין גאנץ קליין; ווי איך וועל עס שפּעטער ווייזען אין אונזער וועלט נאר איינע פון א גאנצער סיסטעם פון וועלטען, וואס פון זיי באשטייט די באשאפונג.

עס איז נישט שווער צו שאפען זיך א שוואכען באגריף וועגען דער אומענדליכקייט פון רוים, אין וועלכען אונזער און אלע אנדערע וועלטען הענגען, אויב מיר וועלען נאך נאכפאלגען א שטייגערונג (פּראגרעסיע) פון אידעען. ווען מיר טראכטען וועגען דער גרייס פון א צימער, דערגייט אונזער געדאנק ביז צו די ווענט און שטעלט זיך דארט אפּ; אבער ווען אונזער אויג אדער אונזער פארשטעלונג לאזט זיך אוועק איבער'ן רוים, ד. ה., ווען מיר קוקען ארויף צו דעם, וואס מיר רופען אן פרייער הימעל, קאנען מיר זיך גארנישט פארשטעלען, אז עס זאלען דארט זיין וואסערע־עס־איז ווענט אדער גרענעצען; און אויב מיר נעמען אפילו אן, אז עס איז פאראן עפּיס א

*) ווען מיר זאלען לאזען א שיף שווימען דורכשניטליך דריי מייל א שעה, וואלט זי געכאפּט איהר גאנצע רייזע ארום דער וועלט אין וועניגער פון א יאר צייט, ווען זי וואלט נאר געקאנט שווימען אין א גלייכען קרייז; זי איז אבער געצוואונגען צו פאלגען נאכ'ן לויף פון דעם אקעאן.

גרענעץ, כדי מיר זאָלען קאָנען אָפּשטעלען אונזער געדאַנק, קומט אונז באַלד ווידער אויף אַ נייע פראַגע: וואָס אַזוינס געפינט זיך איבער יעניער גרענעץ? און אַזוי ווייטער, ביז די מיד־געוואָרענע פאַרשטעלונג קערט זיך צוריק אום און זאָגט: ע ס א י ז נ י ש ט אַ ק י י ן ס ו ף. עס קאָן דאָך נישט זיין קיין צווייפעל אין דעם, אַז נישט דערפאַר, ווייל דער באַשעפער איז געווען באַ־שרענקט אין רוים, האָט ער עס באַשאַפען אַט־די וועלט נישט גרע־סער, ווי זי איז, און מיר דאַרפען זוכען די אורזאַך דערפון אין עפּיס אַן אַנדער זאַך.

אויב מיר וועלען באַטראַכטען אונזער אייגענע וועלט, אָדער ריכטיגער, די וועלט, וואָס דער באַשעפער האָט אונז געלאָזט זיך באַנוצען מיט איהר, ווי מיט אונזער טייל אין דער אומענדליכער סיסטעם פון דער באַשאַפונג, וועלען מיר געפינען, אַז יעדער טייל איהרער — די ערד, די וואַסערען, און די לופט, וואָס רינגעלט זי אַרום — איז פול און אַפילו איבערגעפילט מיט לעבען, אַנהויבענ־דיג פון די גרעסטע חיות, וואָס מיר ווייסען פון זיי, ביז די קלענסטע אינזעקטען, וואָס דאָס נאַקעטע אויג קאָן זעהן, און ווייטער ביז די נאָך קלענערע, וואָס מען קאָן גאָרנישט זעהן אָן דער הילף פון דעם מיקראָסקאָפּ.

יעדער בוים, יעדע פלאַנץ און יעדעס בלעטעל דינט נישט נאָר פאַר אַ וואוינונג, נאָר פאַר אַ גאַנצער וועלט פון עפּיס אַ צאָלרייכען שטאַם, און די אַנימאַלישע עקזיסטענץ דערגייט ביז צו אַזאַ אויסער־געוויינטליך־קליינעם גראַד, אַז אַ פוילענדיג גרעזעל קאָן פאַרשטעלען מיט זיך שפּייז פאַר טויזענטער.

אַזוי ווי קיין שום טייל פון אונזער ערד בלייבט נישט לעדיג, איז וואָרום זאָלען מיר אָננעמען, אַז די אומענדליכקייט פון רוים איז פוסט און לער, אַן אייביגע וויסטעניש? עס איז פאַראַן פּלאַץ פאַר מיליאָנען וועלטען, אַזוי גרויס אָדער נאָך גרעסער פון אונזע־רער, וואָס יעדערע פון זיי איז אויף מיליאָנען מייל אָפּגעטיילט פון דער אַנדערער.

אויב מיר וועלען פון דעם פּונקט אָן פירען אונזערע אידעען נאָר אויף איין געדאַנק ווייטער, וועלען מיר אפשר זעהן די אמת'ע

אורזאך, אדער ווענינסטענס א זעהר גוטע אורזאך, צו פילען זיך גליקליך, וואס דער באשעפער, אנשטאט צו מאכען איין אומענדליכע וועלט, וואס זאל זיך אויסשפרייטען איבער אן אומענדליכען רוים, האט בעסער אויסגעקליבען צו צעטיילען אט־די גאנצע מאטעריע אויף באזונדערע וועלטען, וואס מיר רופען אן פלאנעטען און וואס אונזער ערד איז איינע פון זיי. אבער איידער איך וועל קלאר מא־כען מיינע געדאנקען איבער אט־דעם ענין, איז פריהער נויטיג (נישט פאר די, וואס ווייסען שוין דאס, נאר פאר די, וואס ווייסען עס נישט) צו ווייזען, וואס עס איז אזוינס די סיסטעם פון דעם אוניווערז.

יענער טייל פון דעם אוניווערז, וואס ווערט אנגערופען די זו־נען־סיסטעם (באטייטענדיג די סיסטעם פון וועלטען, וואס אונזער ערד געהערט צו זיי און וואס די זון איז זייער צענטער), באשטייט, אויסער דער זון, פון זעקס באזונדערע הימעל־קערפערס, אדער פלא־נעטען, אדער וועלטען, אויסער די סעקאנדארע קערפערס, וואס ווע־רען אנגערופען נעבען־פלאנעטען אדער לבנות; אונזער ערד האט איינע אזא לבנה, וואס באלייט זי אין איהר יערליכער אומדרייאונג ארום דער זון, פונקט ווי די אנדערע נעבען־פלאנעטען באלייטען די פלאנעטען אדער וועלטען, צו וועלכע זיי געהערען, ווי מען קאן דאס זעהן ־מיט דער הילף פון דעם טעלעסקאפ.

די זון איז דער צענטער, ארום וועלכען אט־די זעקס וועלטען אדער פלאנעטען דרייען זיך אויף פארשיידענע דיסטאנצען און אין קרייזען, וואס זיינען קאנצענטריש איינע צו די אנדערע. יעדע איינע פון אט־די וועלטען האלט זיך שטענדיג כמעט אויף דעמזעלביגען וועג ארום דער זון און דרייט זיך אין דערזעלביגער צייט ארום זיך אליין אין א כמעט־ווערטיקאלער פאזיציע, ווי א דריידעל, וואס דרייט זיך ארום זיך אליין און בייגט זיך אין דערזעלביגער צייט אבישעל איין אין דער זייט.

אט־דאס אנבייגען זיך פון דער ערד (23½ גראדען) שאפט זומער און ווינטער און די פארשיידענע לענג פון טאג און נאכט. ווען די ערד וואלט זיך געדרייט ארום זיך אליין אין א פאזיציע, וואס וואלט געווען פערפענדיקולאר צו דער פלאך פון דעם קרייז,

אין וועלכע זי דרייט זיך ארום דער זון, ווי א דריידעל דרייט זיך, בעת עס איז אויפגעשטעלט גלייך, וואלטען די טעג און די נעכט געהאט די זעלביגע לענג — צוועלף שעה טאג און צוועלף שעה נאכט — און די צייטען פון יאר וואלטען זיך קיינמאל נישט גע־ביטען.

יעדען מאל, ווען א פלאנעט (אונזער ערד, צום ביישפיל) דרייט זיך ארום זיך אליין, מאכט זי דאס, וואס מיר רופען טאג און נאכט; און יעדען מאל, ווען זי גייט דורך איהר גאנצען וועג ארום דער זון, מאכט זי דאס, וואס מיר רופען אן יאר; דאס הייסט, אז אונזער וועלט דרייט זיך דריי הונדערט פינף און זעכציג מאל ארום זיך אליין אין דער צייט, ווען זי גייט איינמאל ארום ארום דער זון*).

די נעמען, וואס די אוראלטע האבען געגעבען אט־די זעקס וועל־טען און וואס די לעצטע טראגען זיי נאך עד היום, זיינען: מערקור, ווענוס, די וועלט, וואס מיר רופען זי אונזערע, מארס, יופיטער און סאטורן. זיי ערשיינען פאר'ן אויג גרעסער, ווי די אנדערע שטערען, און דאס איז דערפאר, ווייל זיי זיינען אויף פיל מיליאנען מייל נע־הענטער צו אונזער ערד, ווי וואסער־עס־איז שטערן. די פלאנעט ווענוס איז די, וואס ווערט אנגערופען דער אווענט־שטערן און אמאל דער מארגען־שטערן, ווייל זי פארגייט שפעטער פון דער זון און גייט אויף פריהער, און אין ביידע פאלען קיינמאל נישט מער, ווי אויף דריי שעה.

די פלאנעט אדער די וועלט, וואס איז צום נעהענסטען פון דער זון, איז מערקור; זיין דיסטאנץ פון דער זון איז פיר־און־דרייסיג מיליאן מייל, און דער קרייז, אין וועלכען ער דרייט זיך, גע־פינט זיך אלעמאל אויף אט־דער דיסטאנץ פון דער זון, ווי מען קאן זיך פארשטעלען א דריידעל, וואס זאל זיך דרייען אין דעם וועג.

*) די, וואס האבען גערעכענט, אז די זון גייט ארום דער ערד יעדע 24 שעה, האבען געהאט דעמזעלביגען טעות, ווי א קוכער, וואס וואלט געפירט דאס פייער ארום דעם פלייש, אנשטאט צו דרייען דאס פלייש איבער'ן פייער.

וואס א פערד גייט ארום אין א מיל. די צווייטע וועלט איז וועגוס; זי איז זיבען־און־פופציג מיליאן מייל ווייט פון דער זון, און דער קרייז, אין וועלכען זי דרייט זיך איז דעריבער פיל גרעסער, ווי דער קרייז פון דער פלאנעט מערקור. די דריטע וועלט איז די, אין וועלכער מיר וואוינען; זי איז אכט־און־אכציג מיליאן מייל ווייט פון דער זון, און דער קרייז, אין וועלכען זי דרייט זיך, איז דעריבער גרעסער, ווי דער קרייז פון דער פלאנעט וועגוס. די פערטע וועלט איז מארס; ער איז הונדערט און פיר־און־דרייסיג מיליאן מייל ווייט פון דער זון, און דער קרייז, אין וועלכען ער דרייט זיך, איז דעריבער גרעסער, ווי דער קרייז פון דער ערד. די פינפטע וועלט איז יופי־טער; ער איז פינף הונדערט און זיבען־און־פופציג מיליאן מייל ווייט פון דער זון, און זיין קרייז איז דעריבער גרעסער, ווי דער קרייז פון דער פלאנעט מארס. די זעקסטע וועלט איז סאטורן; ער איז זיבען הונדערט און דריי־און־זעכציג מיליאן מייל ווייט פון דער זון, און דער קרייז אין וועלכען ער דרייט זיך, רינגעלט דערי־בער ארום די קרייזען, אדער ארביטען, פון אלע אנדערע וועלטען אדער פלאנעטען.

דער שטח, וואס אונזער זונען־סיסטעם פארנעמט אין דער גלייכער ליניע פון דעם גאנצען דיאמעטער פון דעם קרייז, אין וועלכען סאטורן באוועגט זיך ארום דער זון, איז פופצען הונדערט און זעקס־און־צוואנציג מיליאן מייל, וואס דאס איז צוויי מאל אזוי פיל, ווי סאטורנ׳ס דיסטאנץ פון דער זון; דער קרייז, וואס אט־די סיסטעם איז אין איהם איינגעשלאסען, דערגרייכט אן ערך פינף טויזענט מיליאן מייל, און איהר מאסע אין דער פארם פון א גלא־בוס דערגרייכט כמעט דריי טויזענט פינף הונדערט מיליאן מאל דריי טויזענט פינף הונדערט מיליאן קוואדראט־מייל*).

---

*) אויב מען זאל פרעגען, ווי אזוי קאן א מענש וויסען אט־די אלע זאכען, וועל איך דערויף גיבען אן איינפאכען ענטפער, און דאס איז, אז דער מענש ווייס, ווי אזוי אויסצורעכענען א לקוי חמה, און אויך אויס־צורעכענען צו דער מינוט ווען די פלאנעט וועגוס, דרייענדיג זיך ארום דער זון, וועט קומען אין א גלייכער ליניע צווישען אונזער ערד און דער זון און וועט ערשיינען פאר אונז אין דער גרייס פון א גרויסען ארבעס, וואס גייט דורך איבער׳ן אנגעזיכט פון דער זון. דאס טרעפט נאר צוויי

אבער דאס אלץ, ווי אומגעהויער־גרויס עס זאל נישט זיין, איז נאר איין סיסטעם פון וועלטען. אויף אן אומענדליכער דיסטאנץ פון אט דער סיסטעם. אויף א דיסטאנץ, וואס דער מענשליכער מח קאן עס גארנישט באנעמען, געפינען זיך די שטערען. וואס ווערען אנגערופען די פיקס־שטערען. זיי ווערען אזוי אנגערופען, ווייל זיי באוועגען זיך נישט אזוי, ווי די זעקס וועלטען אדער פלאנעטען, וואס איך האב נאר וואס באשריבען. די דאזיגע פיקס־שטערען האלטען זיך שטענדיג אויף איין־און־דערזעלביגער דיסטאנץ איינע פון די אנדערע און געפינען זיך שטענדיג אויף איין־און־דעמזעלביגען פלאץ, ווי די זון געפינט זיך שטענדיג אין דעם צענטער פון אונזער סיסטעם. מען רעכענט, דעריבער, אז יעדער איינער פון די דאזיגע שטערען איז אויך א זון, וואס ארום איהר דרייט זיך אן אנדער סיסטעם פון וועלטען, אדער פלאנעטען, ווי אונזער סיסטעם פון וועלטען דרייט זיך ארום אונזער זון, ווי ארום א צענטער; אבער אט־די סיסטעמען זיינען שוין צו ווייט פון אונז, אז מיר זאלען זיי קאנען אנטדעקען.

דורך אט־דער לייכטער שטייגערונג פון אידעען זעהען מיר, אז די גאנצע אומענדליכקייט פון רוים איז אנגעפילט מיט סיסטעמען פון וועלטען און אז קיין שום טייל זיינער איז נישט לער, פונקט אזוי ווי קיין שום טייל פון אונזער ערד־קויל איז נישט פארבליבען נישט־פארנומען.

באמיהט זיך צו געבען אויף א לייכטען און פאפולערען אופן א השגה פון דעם געביי פון דעם אוניווערז, וועל איך איצט זיך

מאל אין אן ערך פון הונדערט יאר, און פון איינמאל ביז׳ן אנדערען געדויערט ארום אכט יאר; אין אונזער צייט האט עס שוין געטראפען צוויי מאל, און ביידע מאל זיינען פאראויסגעזאגט געווארען דורך אויסרעכענונג. מען קאן אויך וויסען, ווען דאס וועט פאסירען אויף א טויזענט יאר פאראויס, אדער אויף וואסער־עס־איז אנדער לענג פון צייט. אזוי ווי דער מענש וואלט נישט געווען אימשטאנד צו טון דאס, ווען ער וואלט נישט פארשטאנען די זונען־סיסטעם און ווי אזוי עס קומען פאר די אומדרייאונגען פון איניגע פלאנעטען, איז דאס אויסרעכענען פון א לקוי חמה, אדער דאס דורכגיין פון דער פלאנעט ווענוס פארביי דער זון, א באווייז, אז אט־דער וויסען עקזיסטירט; ביי אזוינע אומענדליכע דיסטאנצען קאנען עטליכע טויזענט אדער אפילו עטליכע מיליאן מייל קוים האבען עפעס א ווירקונג אויף דעם גאנג פון די הימעל־קערפערס.

אומקערען צוריק צו דעם, אויף וואָס איך האָב שוין געהאַט פריהער אַנגעדייט, און דאָס איז — צו דעם נוצען, וואָס עס קומט דעם מענשען אַרויס דערפון, וואָס דער באַשעפער האָט בעסער אויסגע־קליבען צו באַשאַפען אַ מ ע ר ה י י ט פון וועלטען, ווי דאָס איז אונזער סיסטעם, וועלכע באַשטייט פון אַ צענטראַלער זון און זעקס וועלטען, אחוץ נעבען־פּלאַנעטען, אַנשטאָט צו באַשאַפען נאָר איין וועלט פון אַן אומגעהויערער גרייס.

איך האָב קיינמאָל נישט אַרויסגעלאָזט פון אויג דעם געדאַנק, אַז אונזער גאַנצער וויסען נעמט זיך פון די אומדרייאונגען (ווי זיי ווערען באַנומען פון אונזער ראיה, און פון דער ראיה — איבער־געגעבען צום פאַרשטאַנד), וואָס די עטליכע פּלאַנעטען אָדער וועל־טען פון אונזער סיסטעם מאַכען אין זייער קרייז־באַוועגונג אַרום דער זון.

ווען די גאַנצע מאַטעריע, וואָס אַט־די זעקס וועלטען אַנטהאַל־טען, וואָלט געווען צוזאַמענגעמישט אין איין־איינציגען גלאָבוס, וואָלט דאַן נישט עקזיסטירט אַט־די אומדרייאונג, אָדער זי וואָלט געווען נישט גענוג צו געבען אונז דעם וויסען, וואָס מיר האָבען איצט; און פון אַט־דעם וויסען וואַקסען דאָך אַרויס די מעכאַנישע קונסטען, וואָס ביישטראָגען אַזוי פיל צו אונזער ערדישען גליק און באַקוועמליכקייט.

אַזוי ווי דער באַשעפער האָט קיין זאַך ניט באַשאַפען אומזיסט, דאַרף מען דעריבער אויך גלויבען, אַז ער האָט איינגעאָרדענט די וועלט ווי צום בעסטען פאַר דעם מענשען; און אַזוי ווי מיר זעהען און פילען פון אונזער ערפאַרונג דעם נוצען, וואָס קומט אונז אַרויס פון דעם געביי פון דעם אוניווערז, ווי ער איז, און וואָס מיר וואָל־טען ניט געקאָנט האָבען, ווען דער אוניווערז, אויף וויפיל דאָס איז שייך צו אונזער סיסטעם, וואָלט באַשטאַנען פון איין־איינציגען גלאָבוס, — קאָנען מיר אַנטדעקען ווענינגסטענס איין גרונד, וואָ־רום עס איז באַשאַפען געוואָרען אַ מ ע ר ה י י ט פון וועלטען, און אַט־דער גרונד רופט אַרויס ביים מענשען אַ געפיל פון דאַנק־באַרקייט, איבערגעבענקייט און פאַרערונג צום באַשעפער.

אָבער אַט־דער נוצען פון אַ סך וועלטען קומט אַרויס ניט נאָר

אונז, די איינוואוינער פון דער ערד. די איינוואוינער פון יעדער איינער פון די וועלטען, וואס פון זיי באַשטייט אונזער סיסטעם, האבען אַלע די זעלביגע געלעגענהייט, וואָס מיר, צו באַקומען וויסען. זיי זעהען די באַוועגונגען פון אונזער ערד, ווי מיר זעהען זייערע. יעדע פּלאַנעט דרייט זיך אַזוי, אַז זי קאָן געזעהען ווערען פון אַלע איבעריגע פּלאַנעטען; און דעריבער איז פאַר זיי אַלע אָפען די זעלביגע אוניווערסאַלע שולע פון וויסען.

אבער דער וויסען בלייבט נאָך דערביי ניט שטיין. די סיסטעם פון וועלטען, וואס געפינט זיך נאָך אונזערער, דעקט אויף די זעלביגע פּרינציפּען און שטעלט פאַר מיט זיך אַ שולע פון וויסען פאַר אירע איינוואוינער, אזוי ווי אונזער סיסטעם — פאַר אונז; און דאס אייגענע קומט אויך פאַר אין דער גאַנצער אומענדליכקייט פון רוים.

אונזערע באַגריפען וועגען דער אַלמעכטיגקייט, ווי אויך וועגען דער חכמה און גוטסקייט פון דעם באַשעפער, ווערען אַלץ ברייטער, וואס מעהר מיר פאַרטיפען זיך אין דער גרויסקייט פון דעם אוניווערז און אין זיין געביי. אנשטאַט דער ניט־פּרייליכער פאַרשטעלונג פון אַן איינזאַמער וועלט, וואס באַוועגט זיך אדער שטייט רוהיג אין דעם אומענדליכען אָקעאַן פון רוים, האבען מיר די דערמוטיגענדיגע פאַרשטעלונג פון אַ גאַנצער געזעלשאַפט פון וועלטען, וואס זיינען אזוי איינגעאָרדענט, אַז שוין מיט זייער באַוועגונג אַליין קלערען זיי אויף דעם מענשען. מיר זעהען, ווי אונזער אייגענע ערד איז פול מיט שפע, אבער מיר פאַרגעסען צו נעמען אין אכט, וויפיל פון אָט־דער שפע מיר האבען צו פאַרדאנקען די וויסענשאַפטליכע קענטעניסען, וואס דער אומגעהויערער מעכאַניזם פון דעם אוניווערז האט פאַר אונז אויפגעדעקט.

וואס פאַר אַ מיינונג קאָנען מיר נאָך דעם האבען וועגען דער קריסטליכער סיסטעם פון גלויבען, וואס ווערט באַגרינדעט אויף דעם באַגריף פון בלויז איין וועלט, און נאָך פון אַזאַ וועלט, וואס איז, ווי מיר האבען פריהער געוויזען, ניט גרעסער פון פינף־און־צוואַנציג טויזענט מייל? אַ וועלט, וואס אַ מענש, גייענדיג דריי מייל אַ שעה, צו צוועלף שעה אַ טאָג, וואָלט זי אינגאַנצען אַרומ־

געגאַנגען אין ווייניגער פון צוויי יאָהר, ווען ער וואָלט נאָר געקאָנט זיך האַלטען די גאַנצע צייט אין א קרייז־פאַרמיגער ריכטונג. וואָס פאַר א באַטרעף האָט עס אַנטקעגען דעם מעכטיגען אקעאַן פון רוים און דער אַלמעכטיגקייט פון דעם באַשעפער?

פון וואַנען זשע האָט זיך עס געקאָנט נעמען די מאָדנע אויפפאַסונג, אַז דער אַלמעכטיגער, וואָס האָט אונטער זיין רשות מיליאָנען וועלטען, זאָל אויפהערען זאָרגען פאַר אַלע איבעריגע וועלטען און קומען שטאַרבען אין אונזער וועלט, ווייל, ווי מען דערציילט אונז, א מאַן און א פרוי האָבען געגעסען אַן עפּעל? אדער זאָלען מיר, פון דער אַנדער זייט, אַננעמען, אַז יעדע וועלט אין דער גרענעצלאָזער באַשאַפונג האָט געהאַט א חוה, אַן עפּעל, א שלאַנג און א דערלייזער? אין דעם פאַל וואָלט דער מענש, וואָס ווערט מיט אַזאַ לייכטקייט אַנגערופען גאָט'ס זון, און צייטענווייז גאָט אַליין, ניט געהאַט קיין אַנדער זאַך צו טון, ווי נאָר אַרומצואוואַנדערען אייביג פון וועלט צו וועלט און האַלטען אין איין שטאַרבען, ניט האָבענדיג גאָר קיין צייט צו לעבען.

אַזוי פיל משוגה'דיג־ווילדע סיסטעמען פון גלויבען האָבען געקאָנט פאַבריצירט ווערען נאָר דורך אַפּזאָגען זיך פון דעם קלאָרען באַוויז. וואָס דאָס וואָרט אדער די ווערק פון גאָט, ווי דאָס ווערט אַנטפּלעקט אין דער באַשאַפונג, גיבען אונזערע חושים, און פון דער ווירקונג, וואָס אונזער שכל האָט אויף אָט־דעם באַווייז. עס קאָנען זיין פיל רעליגיעזע סיסטעמען, וואָס זיינען נישט מאָראַליש־שלעכט און אין פיל פּרטים אפילו מאָראַליש־גוט; אָבער אַן אמת'דיגע סיסטעם קאָן זיין נאָר א י י נ ע; און אָט־די איינע וועט מוזען אַלע מאָל און אין אַלץ שטימען מיט דעם אייביג־עקזיסטירענדיגען וואָרט פון גאָט, ווי מיר זעהען עס אין זיינע ווערק. אָבער די קאָנסטרוקציע פון דער קריסטליכער סיסטעם פון גלויבען איז אַזאַ, אַז יעדער באַוויז, וואָס די ה י מ ל ע ן גיבען דעם מענשען, ווידערשפּרעכט איהר אויף א דירעקטען אופן אדער דעקט אויף איהר אומזיניגקייט.

מען קאָן גלויבען, און איך וויל טאַקע אין דעם אַלע מאָל גלויבען, אַז עס זיינען פאַראַן אויף דער וועלט מענשען, וואָס רעדען זיך

אליין איז, אַז אַן אַזוי־גערופענער פּרומער ליגען קאָן, ווע־ניגסטענס אונטער באַזונדערע אומשטענדען, ברענגען מיט זיך אויך עפּיס גוטס. ווען אָבער דער ליגען ווערט איינמאָל באַפעסטיגט, קאָן מען איהם שוין שפּעטער ניט דערקלערען, ווייל מיט אַ פרומען ליגען איז ווי מיט אַ שלעכטער האַנדלונג, — עס ווערט אַן אומ־גליקליכע נויטוועגדיגקייט אַלץ ווייטער אַנצוגיין מיט איהם.

די מענשען, וואָס האָבען אין אַנהויב געפּרעדיגט די קריסטליכע סיסטעם פון גלויבען און האָבען זי אין אַ געוויסער מאָס פאַראייניגט מיט דער מאָראַליטעט, וואָס ישו הנוצרי האָט געפּרעדיגט, האָבען געקאָנט איינרעדען זיך אַליין, אַז זי איז געווען בעסער פון דער היידנישער מיטאָלאָגיע, וואָס האָט אין יענער צייט געהערשט.

פון די ערשטע פּרעדיגער איז דער ליגען אריבער צו די צוויי־טע, פון זיי — צו די דריטע, ביז וואַנען די אידעע, אַז אַמ־די סיסטעם איז אַ פרומער ליגען, האָט זיך פאַרלאָרען אין דעם גלוי־בען, אַז זי איז אמת'דיג; און דער דאָזיגער גלויבען איז ווייטער אויפגעהאַלטען געוואָרען פון די מענשען, וואָס האָבען פון איהם געצויגען זייער חיונה.

כאָטש אַזאַ גלויבען האָט געקאָנט דורך אַזוינע מיטלען גאַנץ גוט פאַרשפּרייט ווערען צווישען וועלטליכע מענשען, איז אָבער במעט אוממעגליך אַנדערש צו דערקלערען די אומאויפהערליכע פאַרפאָלגונגען, וואָס די קירך האָט אין פאַרלויף פון הונדערטער יאָהרען אַנגעפירט קעגען דער וויסענשאַפט און איהרע אַנהענגער. ווי נאָר מיט דעם, אַז עס איז פאַראַן אין דער קירך אַ טראַדיציע וועגען איהרע פאַלשע יסודות, אָדער זי האָט פאַראויסגעזעהען, אַז זי וועט ניט קאָנען אויסהאַלטען קעגען דער אויפקלערונג, וואָס דער מענש באַקומט דורך דעם געבייו פון דעם אוניווערז.

געוויזען דעם אומפאַרמיידליכען ווידערשפּרוך צווישען דעם אמת'דיגען וואָרט פון גאָט, ווי עס ווערט אַנטפּלעקט אין דעם אוניווערז, און דעם אַזוי־גערופענעם וואָרט פון גאָט, ווי עס ווערט אונז געוויזען אין אַ געדרוקטען בוך, וואָס יעדער מענש קאָן עס פאַרפאַסען, וועל איך איצט איבערגיין צו די דריי

הויפט־מיטלען, וואס זיינען באנוצט געווארען אין אלע צייטען און אפשר אויך אין אלע לענדער, צו פארפירען די מענשהייט.

די דאזיגע דריי מיטלען זיינען: מיסטעריע, וואונדער און נביאות. די ערשטע צוויי שטימען ניט מיט אמת'ער רעליגיע און דאס דריטע דארף אלע מאל געשטעלט ווערען אונטער א צווייפעל.

בנוגע צו מיסטעריע, איז אלץ, וואס מיר זעהען, פאר אונז אין איין זין א מיסטעריע. אונזער אייגענע עקזיסטענץ איז א מיסטעריע; די גאנצע פלאנצען־וועלט איז א מיסטעריע. מיר קאנען ניט דערקלערען, ווי אזוי אן אייכעל־נוס, ווען אריינגעלייגט אין דעם באדען, אנטוויקעלט זיך און ווערט א דעמב. מיר ווייסען ניט, ווי אזוי די זאמען, וואס מיר פארזייען, אנטוויקלען זיך און פארמערען זיך און גיבען אונז אזא געוואלטיגען פראצענט אויף אזא קליינעם קאפיטאל.

אבער דער פאקט אליין, אפגעזעהען פון דער ווירקענדיגער אורזאך, איז ניט קיין מיסטעריע, ווייל מיר זעהען איהם און ווייסען אויך די מיטלען, וואס מיר דארפען באנוצען, און דאס איז ניט קיין אנדער זאך, ווי אריינלייגען זאמען אין דעם באדען. מיר ווייסען, הייסט עס, אזוי פיל, וויפיל עס איז פאר אונז נויטיג צו וויסען; און יענעם טייל פון דעם פראצעס, וואס מיר ווייסען ניט, און וואס מיר וואלטען ניט געקאנט דורכפירען, ווען מיר וואלטען איהם אפילו געוואוסט, — יענעם טייל נעמט דער באשעפער אויף זיך און פירט איהם דורך פאר אונז. עס איז דעריבער פאר אונז בעסער אזוי, ווי ווען מיר וואלטען איבערגעלאזט געווארען אין דער פינסטער און באדארפט אלץ טון אליין.

און כאטש יעדע באשאפענע זאך איז אין א־דעם זין א מיסטעריע, קאן אבער דאס ווארט מיסטעריע ניט אנגעווענדט ווערען אויף א מאראלישען אמת פונקט אזוי, ווי פינסטערניש קאן ניט אנגעווענדט ווערען אויף ליכטיגקייט. דער גאט, אין וועלכען מיר גלויבען, איז א גאט פון מאראלישען אמת און ניט א גאט פון מיסטעריע און פינסטערניש. מיסטעריע איז דער שונא פון אמת. עס איז א נעפיל, וואס דער מענש האט אויסגעטראכט צו פארטונקלען און פארדארבען דעם אמת. דער אמת ווי־

קעלט זיך אליין קיינמאל ניט איין אין א מיסטעריע, און די מיסטעריע, וואס דער אמת ווערט צייטענווייז אין איהר איינגע־וויקעלט, איז אלע מאל די ארבייט פון זיין שונא און ניט פון איהם אליין.

די רעליגיע, וואס איהר תוך איז צו גלויבען אין גאט און צו לעבען אין מאראלישען אמת, קאן דעריבער ניט האבען קיין שום שייכות מיט מיסטעריע. דער גלויבען אין א גאט, וואס איז פריי פון יעדער מיסטעריע, איז פון אלע גלויבענס דער לייכטסטער, ווייל מיר קומען צו איהם, ווי עס איז פריהער באמערקט געווארען, דורך דער נויטווענדיגקייט. און דאס לעבען אין פראקטישען אמת, אדער מיט אנדערע ווערטער, דאס פראקטישע נאכטון דער מא־ראלישער גוטסקייט פון גאט איז ניט קיין אנדער זאך, ווי באגיין זיך מיט מענשען אזוי מילד, ווי גאט באגייט זיך מיט אונז. מיר קאנען ניט דינען גאט אויף דעמזעלביגען שטייגער, ווי מיר דינען די, וואס קאנען זיך אן אונזער דינסט ניט באגיין; און דע־ריבער קאנען מיר גארנישט דינען גאט אויף אן אנדער אופן. ווי נאר דורך בייטראגען צום גליק פון די לעבעדיגע וועזענס, וואס גאט האט באשאפען. דאס קאן אבער נישט געטון ווערען, ווען מיר גייען אוועק פון דער וועלט און פירען אן אפגעזונדערט לעבען אין ענגהארציגער איבערגעבענקייט צו גאט.

די טבע אליין איז דאס ציל פון רעליגיע, אויב מען קאן זיך אזוי אויסדריקען, ווייזען אויפ'ן קלארסטען אופן, אז זי מוז זיין דורכאויס פריי פון אלץ, וואס איז מיסטעריעז. רעליגיע, בא־טראכט, ווי א פליכט, ווערט גלייך ארויפגעלייגט אויף יעדער לע־בעדיגער נשמה און מוז דעריבער זיין קלאר און באגרייפליך פאר אלעמען. דער מענש לערנט נישט רעליגיע אזוי, ווי ער לערנט די סודות און מיסטעריעס פון א פאך. ער לערנט די טעאריע פון רעליגיע דורך נאכדאכטונג. זי וואקסט ארויס דורך דער וויר־קונג פון זיין אייגענעם פארשטאנד אויף די זאכען, וואס ער זעהט, אדער אויף דעם, וואס עס קאן אים אויסקומען צו הערען אדער לייענען, און די רעליגיעזע האנדלונג קומט שוין דערנאך אליין.

ווען מענשען האבען צוליב א געוויסער ערליכער אדער נימ־

ערליכער פאליטיק געגרינדעט סיסטעמען, וואס האבען נים געקאנט שטימען מיט'ן ווארט, אדער מיט די ווערק פון גאט, ווי דאס ווערט אנטפלעקט אין דער באשאפונג, און זיינען אפילו געווען אפשטוי־סענד פאר'ן מענשליכען פארשטאנד, ווער רעדט שוין וועגען זייז איבער איהם, זיינען זיי געווען געצוואונגען אויסצוטראכטען אדער אנצונעמען א ווארט, וואס זאל זיין א מחיצה פאר אלע פראגעס, פארשונגען און ספעקולאציעס. דאס ווארט מ י ס ט ע ר י ע האט זיך פאר דעם זעהר גוט געפאסט, און אזוי ארום האט עס פאר־סירט, אז די רעליגיע, וועלכע איז פאר זיך אליין גארנישט מיס־טעריעז, זאל פארהילט ווערען מיט א גאנצען נעפיל פון מיסטעריעס.

די מ י ס ט ע ר י ע האט געדינט פאר אלע אלגעמיינע צוועקען; דער ו ו א ו נ ד ע ר האט געפאלגט נאך איהר, ווי א צופעליג הילפס־מיטעל. די ערשטע האט געדינט צו פארטומלען דעם שכל, דער צווייטער — צו פארווירען די חושים.

אבער איידער מיר וועלען ווייטער אנגיין מיט אונזער ענין, וועט זיין גאנץ פאסיג צו זעהען פריהער, וואס עס ווערט פאר־שטאנען אונטער'ן ווארט ו ו א ו נ ד ע ר.

פונקט ווי מען קאן זאגען, אז יעדע זאך איז א מיסטעריע, קאן מען אין דעם אייגענעם זין אויך זאגען, אז יעדע זאך איז א וואונ־דער און אז קיין זאך איז נים קיין גרעסערער וואונדער, ווי אן אנ־דערע. דער העלפאנט, כאטש ער איז גרעסער, איז אבער נים קיין גרעסערער וואונדער פאר א מילב, ווי א בארג איז נים קיין ירע־סערער וואונדער פאר אן אטאם.

פאר אן אלמעכטיגער קראפט איז פונקט אזוי נים שווער צו באשאפען דאס ערשטע, ווי דאס צווייטע, און א מיליאן וועלטען, ווי נאר איין־איינציגע וועלט. יעדע זאך איז דעריבער אין איין זין א וואונדער, בעת אין דעם אנדערען זין איז גאר נישטא אזא זאך, ווי א וואונדער. עס איז א וואונדער, ווען פארגליכען צו אונ־זער קראפט און אונזער תפיסה; עס איז נישט קיין וואונדער, ווען פארגליכען צו דער קראפט, וואס פירט עס אוים; אבער אזוי ווי דאס גיט נאך אלץ נים קיין השגה פון דעם, וואס עס ווערט פאר־

שטאנען אונטער'ן ווארט וואונדער, וועלען מיר פירען אונזער פארשונג ווייטער.

די מענשען האבען געפאסט פאר זיך אליין געוויסע געזעצען, וואס דורך זיי, נעמען זיי אן, ווירקט די אזוי־גערופענע נאטור; און א וואונדער איז עפים אזוינס, וואס איז להפוך צו דער ווירקונג פון אט־די געזעצען; אבער אויב מיר קענען ניט אט־די געזעצען, אדער דאס, וואס ווערט געוויינטליך אנגערופען נאטור־קרעפטען, אין זייער גאנצער גרייס, זיינען מיר ניט אימשטאנד צו אורטיילען, אויב א זאך, וואס קאן אונז אויסזעהן וואונדערליך, געפינט זיך אין אדער אויסער די גרענעצען אדער איז גאר דער הפוך פון אט־די קרעפטען.

דאס אויפהויבען זיך פון א מענשען אין דער לופטען אויף עטליכע מייל די הייך וואלט געקאנט באטראכט ווערען פאר א וואונדער, ווען עס וואלט ניט געווען באוואוסט, אז מען קאן פראדוצירען א מין לופט, וואס איז עטליכע מאל לייכטער פון דער געוויינטליכער אטמאספערישער לופט און דאך גענוג עלאסטיש ניט צו דערלאזען, אז דער באלאן, וואס האט אין זיך אט־די לייכטע לופט, זאל צונויפגעפרעסט ווערען פון דער געוויינטליכער לופט, וואס רינגעלט איהם ארום.

אויף דעמזעלביגען אופן וואלט מען געקאנט באטראכטען פאר א וואונדער דאס ארויסקריגען פון דעם מענשליכען קערפער פונקען פייער, וואס מען קאן זיי זעהן פונקט אזוי גוט, ווי די פונקען, וואס ווערען מיט א שטיין ארויסגעשלאגען פון שטאל, און ראס באוועגען אייזען אדער שטאל אן יעדען זיכטבארען מיטעל, ווען מיר וואלטען גארנישט געוואוסט פון עלעקטריציטעט און מאגנעטיזם. און דאסזעלביגע וואלט אויך געווען מיט פיל אנדערע עקספערימענטען אין דער נאטור־פילאזאפיע פאר מענשען, וואס זיינען ניט באקענט מיט'ן עניין.

דאס צוריקברייגגען צום לעבען מענשען, וואס זעהען אויס טויט, ווי דאס ווערט געטון מיט דערטרונקענע, וואלט אויך געווען א וואונדער, ווען עס וואלט נישט געווען באוואוסט, אז דאס לעבען קאן אויפהערען, נישט זייענדיג אינגאנצען אויסגעלאשען.

א חוץ דעם ווערען פון שווארצקינסטלער און פון מענשען, וואס רעדען זיך צוזאמען, פארגעשטעלט כלומר'שט וואונדערליכע זאכען, וואס פארלירען אבער יעדען אינטערעס, וויבאלד נאר מען דערוואוסט זיך, ווי אזוי זיי ווערען געמאכט. עס זיינען אויך פאראן מעכאנישע און אפטישע אילוזיעס.

אין פאריז קומט איצט פאר אן אויסשטעלונג פון גייסטער אדער געשפענסטער; הגם דאס ווערט נישט אויסגעגעבען פאר'ן עולם, ווי א פאקטישע זאך, זעהט עס אבער אויס, ווי א וואונדער.

אזוי ווי מיר ווייסען נישט, ווי ווייט די נאטור אדער די קונסט קאנען אוועקגיין, האבען מיר דעריבער נישט קיין זיכערע מאס צו באשטימען, וואס עס איז אזוינס א וואונדער, און די מענשען, גלויבענדיג אין אלערליי ערשיינונגען, ווייל זיי שטעלען זיך פאר, אז עס זיינען פאראן וואונדער, ווערען שטענדיג פון אימיצען קאנען פארפירט ווערען.

און ווייל ערשיינונגען קאנען אזוי אפנארען און ווייל ניט רעאלע זאכען קאנען האבען א שטארקע ענליכקייט צו זאכען, וואס עקזיסטירען, איז ווי אזוי קאן מען גאר אננעמען, אז דער אלמעכטיגער זאל זיך באנוצען מיט אזוינע מיטלען, ווי די אזוי־גערופענע וואונדער, וואס קאנען ארויסרופען א חשד, אז די פערזאן, וואס וויינט זיי, איז א שווינדלער, אז די פערזאן, וואס דערציילט זיי, זאגט א ליגען, און אז די גאנצע לערע, וואס דארף דורך אט־די מיטלען אויפגעהאלטען ווערען, איז ניט מעהר, ווי אן אויסגעטראכטע זאך.

פון אלע מיני באווייזען, וואס זיינען וועז־עס־איז אויסגעטראכט געווארען, כדי צו לאזען מענשען גלויבען אין עפּיס א רעליגיעזער סיסטעם, איז דער באווייז דורך וואונדער, ווי געלונגען אט־די אפנארעריי זאל אין אנהויב נישט זיין, ווענינער פון אלץ זיכער. ווייל ווי נאר מען ווענדט זיך צו וואונדער, כדי ארויסצורופען דערמיט ביי מענשען אט־דעם גלויבען, פילט זיך שוין א שוואכקייט אין דער לערע, וואס ווערט געפרעדיגט; א חוץ דעם לאזט מען דערמיט ארונטער דעם אלמעכטיגען צו דער ראלע פון איינעם, וואס וויזט קונצען, כדי צו אמוזירען מענשען און לאזען

זיי זיך וואונדערען און שטוינען. אט דער מין באווייז איז אויך דער סאמע צווייפעלהאפטער — ווייל דער גלויבען ווענדט זיך דאך נישט אן דעם אזוי־גערופענעם וואונדער, נאר אן דעם, ווי ווייט עס ווערט באגלויבט דער מענש, וואס זאגט, אז ער האט איהם אליין געזעהען; און דעריבער ווערט די זאך, מעג זי אפילו זיין אן אמת, פונקט אזוי ווייניג באגלויבט זיין, ווי ווען זי וואלט געווען א ליגען.

ווען איך וואלט, א שטייגער, געזאגט, אז ווען איך האב זיך אוועקגעזעצט שרייבען אט־דאס בוך, האט זיך א האנט באוויזען אין דער לופט, האט גענומען די פען און אנגעשריבען יעדעס ווארט פון בוך — וואלט דען אימיצער מיר געגלויבט? געוויס נ־ט. און וואלט מען דען מיר געגלויבט מעהר, ווען די זאך וואלט אפילו געווען אן אמת? געוויס ניט. און אויב אן אמת׳ער וואונדער, ווען אזא זאך וואלט געקאנט טרעפען, וואלט געהאט דעמזעלביגען מזל, וואס אן אויסגעטראכטע זאך, איז ווי קאן מען גאר נאך דעם אנ־נעמען, אז דער אלמעכטיגער זאל זיך באנוצען מיט מיטלען, וואס קאנען ניט דערגרייכען דעם ציל, פאר וועלכען זיי זיינען באשטימט, אפילו דאן, ווען זיי וואלטען געווען אמת׳דיג?

אויב מיר נעמען אן, אז א וואונדער איז עפּיס אזוינס, וואס קאן אנדערש ניט געשעהן, סיידען נאר די אזוי־גערופענע נאטור טרעט פולשטענדיג ארויס פון איהר געוויינטליכען גאנג, און מיר הערען אין דערזעלביגער צייט א דערציילונג וועגען אזא וואונדער פון א מענשען, וואס זאגט, אז ער האט דאס אליין געזעהען, שווימט אין אונזער געדאנק גלייך אויף א פראגע, און דאס איז, צי זאלען מיר גלויבען, אז די נאטור איז טאקע ארויסגעטראטען פון איהר געוויינטליכען גאנג, אדער אז דער מענש האט געזאגט א ליגען? מיר האבען אין אונזער צייט קיינמאל ניט געזעהען, אז די נאטור זאל ארויסטרעטען פון איהר געוויינטליכען גאנג; מיר האבען אבער א גוטען גרונט צו גלויבען, אז עס זיינען אין דערזעלביגער צייט געזאגט געווארען מיליאנען ליגענס; און דעריבער איז עס מיליא־נען מאל זיכערער, אז דער, וואס דערציילט וועגען א וואונדער, זאגט א ליגען.

די מעשה מיט דעם וואלפיש, וואס האט איינגעשלונגען יונה'ן, כאטש א וואלפיש איז גענוג גרויס צו קאנען דאס טון, איז גאנץ נאהענט צו א וואונדער; אבער נאך מעהר וואונדער וואלט עס גע־ווען, ווען יונה וואלט איינגעשלונגען דעם וואלפיש. און אין דעם, ווי אין אלע אנדערע פאלען פון געשעהענע וואונדער, וואלט מען געקאנט פרעגען, וואס איז זיכערער: אז א מענש זאל איינשלינגען א וואלפיש אדער ער זאל זאגען א ליגען?

שטעלט זיך אבער פאר, אז יונה האט אויף אן אמת'ען איינ־געשלונגען דעם וואלפיש, איז אוועק מיט איהם קיין נינוה, און כדי צו איבערצייגען די מענשען, אז עס איז געווען אמת, האט ער איהם פאר זייערע אויגען ארויסגעווארפען פון זיך אין זיין פולער לענג און גרייס, — וואלטען דען די מענשען נישט געגלויבט אויף איהם, אז ער איז גיכער א טייוועל, איידער א נביא? אדער ווען דער וואלפיש וואלט געבראכט יונה'ן קיין נינוה און וואלט איהם אויף דעמזעלביגען אופן ארויסגעווארפען פון זיך פאר מענשען אין די אויגען, וואלטען זיי דען נישט אנגענומען דעם וואלפיש פאר'ן טייוועל און יונה'ן פאר איינעם פון זיינע קינדער?

דער אויסערגעוויינטליכסטער פון אלע וואונדער, וואס ווערען דערציילט אין דעם נייעם טעסטאמענט, איז דער וואונדער וועגען דעם טייוועל, וואס איז אוועקגעפלויגען מיט ישו הנוצרי און האט איהם געבראכט אויפ'ן שפיץ פון א הויכען בארג, און דערנאך אויפ'ן העכסטען שפיץ פון דעם בית המקדש, פון וואנען ער האט איהם געוויזען און צוגעזאגט אלע קיניגרייכען פון דער וועלט. ווי אזוי האט עס געטראפען, וואס ער האט נישט אנטדעקט אמעריקע, אדער זאלען מיר זאגען, אז ער אינטערע־סירט זיך נאר מיט קיניגרייכען?

איך האב צופיל רעספעקט פאר דעם מאראלישען כאראקטער פון ישו הנוצרי צו גלויבען, אז דאס האט ער אליין דערציילט אט־דעם אוממעגליכען וואונדער. עס איז ניט לייכט אויסצוגעפינען, צוליב וועלכען צוועק ער איז פאבריצירט געווארען, — אפשר האט מען דורך דעם געוואלט אפנארען די קענער פון וואונדער פונקט אזוי, ווי דאס ווערט אמאל געטון מיט מבינים אויף אלטע מטבעות

און זאַמלער פון אַנטיקען; אָדער אפשר האָט מען דאָ אומיסטנע איבערגעכאַפּט די מאָס, ווי דאָן־קיכאָט האָט איבערגעכאַפּט די מאָס אין זיין ריטערליכקייט, כדי פאַרצושטעלען דעם גלויבען אין וואונדער אין אַ לעכערליכען ליכט; אָדער אפשר איז דאָס געטון געוואָרען מיט'ן צוועק צו שטערען דעם גלויבען אין וואונדער, ארויסרופענדיג אַ צווייפעל אין דעם, צי די אַזוי־גערופענע וואונ־דער ווערען געטון מיט גאָט'ס אָדער מיט דעם טייוועל'ס כח. מען דאַרף פונדעסטוועגען האָבען אַ היבש ביסעל גלויבען אין דעם טיי־וועל, כדי צו גלויבען אין אָט־דעם וואונדער.

פון וועלכען שטאַנדפּונקט מען זאָל ניט באַטראַכטען אָט־די זאַכען, וואָס ווערען אָנגערופען וואונדער, קאָן מען ניט גלויבען אין זייער רעאַליטעט, אָדער באַרעכטיגען זייער עקזיסטענץ. ווען זיי וואָלטען אפילו געווען אמת'דיג, וואָלטען זיי, ווי איך האָב שוין פריהער באַמערקט, אויך ניט געדינט פאַר עפּיס אַ ניצליכען ציל; ווייל עס איז שווערער ארויסצורופען דעם ולויבען אין אַ וואונדער, ווי דעם גלויבען אין אַ פּרינציפּ, וואָס זיין מאָראַלישקייט איז קלאָר אַז יעדען וואונדער. אַ מאָראַלישער פּרינציפּ רעדט פאַר זיך אַליין צו אַלעמען גלייך. אַ וואונדער קאָן זיין נאָר אַ מאָמענטאַנע זאַך און געזעהען ווערען נאָר פון יחידים; נאָך דעם מוז שוין דער גלוי־בען איבערגיין פון גאָט צום מענשען, כדי צו גלויבען אין אַ וואונ־דער, ווי ער ווערט איבערגעגעבען דורך אַ מענשענס מויל. און דערפאַר, אנשטאָט אָנצונעמען די וואונדער־מעשיות, ווי באַווייזען פון דער אמת'דיגקייט פון וועלכער־עס־איז רעליגיעזער סיסטעם, דאַרפען זיי נאָר באַטראַכט ווערען, ווי סימנים פון דעם, אַז די סיסטעם איז אַ פאַנטאַסטישע. דער אמת, וואָס איז קלאָר און אָפען פאַר אַלעמען, נויטיגט זיך ניט אין קיין זייטיגער מיטהילף, בעת דער ליגען זוכט די מיטהילף פון דעם, וואָס דער אמת ווייזט צוריק.

בעת די מיסטעריע און דער וואונדער האָבען זיך באַצויגען אויף דער פאַרגאַנגענהייט און דער געגענוואַרט, האָט די נביאות זיך באַצויגען אויף דער צוקונפט. עס איז ניט גענוג געווען צו וויסען, וואָס עס איז געטון געוואָרען, — מען האָט נאָך באַדאַרפט

וויסען, וואס עס וועט געטון ווערען. דער אזוי־גערופענער נביא איז כלומר׳שט געווען דער היסטאריקער פון די צוקונפטיגע צייטען; און אויב ער האט, שיסענדיג מיט א לאנגען בויגען פון א טויזענט יאר, געטראפען ערגעץ אין די גרענעצען פון א טויזענט מייל, האבען שוין די נאכקומענדיגע דורות זיך געקליגט צו מאכען אזוי, אז עס זאל הייסען, ווי ער וואלט געטראפען פונקט אין ציל; און אויב עס האט זיך געמאכט, אז ער האט לחלוטין ניט געטראפען, האט מען נאר בעדארפט אננעמען, ווי אין דעם פאל מיט יונה׳ן און נינוה, אז גאט האט חרטה באקומען און געענדערט זיין אפזיכט. ווי נאריש די פאנטאסטישע סיסטעמען פון רעליגיע מאכען דעם מענשען!

איך האב פריהער אנגעוויזען, אז דער לכתחילה׳דיגער זין פון די ווערטער נ ב י א און נ ב י א ו ת ־ ז א ג ע ן איז געענדערט געווארען און אז א נביא, אין דעם איצטיגען זין פוןווארט, איז א פאנטאסטישער פראדוקט פון דער מאדערנער צייט; צו פארדאנקען אט־דער ענדערונג אין דעם זין פון די ווערטער, זייגען די פאנטאזיעס און מליצות פון די אידישע פאעטען, ווי אויך די פראזען און אויסדריקען, וואס זיינען פאר אונז מעהר ניט־קלאר, ווייל עס זיינען אונז מעהר ניט באקענט די לאקאלע אומשטענדען, אויף וועלכע זיי האבען זיך באצויגען אין דער צייט, ווען זיי זיינען ארויסגעזאגט געווארען, — איז דאס אלץ דערהויבען געווארען צו נביאות־זאגעריי און איבערגעגעבען אויף הפקר כל׳ערליי מפרשים און אויסטייטשער צו מאכען אויף דעם זייערע דערקלערונגען. יעדע טונקעלע זאך איז געווארען פראפעטיש, און אלץ, וואס האט נישט קיין זין, איז געווארען סימבאליש.

אויב מיר זאלען אננעמען, אז א נביא איז א מענש, וואס דער אלמעכטיגער האט איהם מיטגעטיילט א געוויסע געשעהעניש, וואס דארף ערשט פארקומען, — איז אדער אזוינע מענשען האבען געלעבט, אדער ניט. אויב יא, דארף מען גלויבען, אז די געשעהענישען, וואס זיינען זיי אויף אזא אופן מיטגעטיילט געווארען, זיינען איבערגעגעבען געווארען אין גאנץ־קלארע ווערטער און ניט אזוי אומבאשטימט און טונקעל, אז די מענשען, וואס

האבען דאס געהערט, זאלען דערפון גארניט פארשטייז, און ניט אזוי צווייטייטיג, אז עס זאל זיך פאסען כמעט צו אלץ, וואס עס וועט שפעטער פאסירען. אננעמען, אז דער אלמעכטיגער האט געהאנדעלט מיט דער מענשהייט אויף אזא שפאטישען אופן, הייסט ארויסווייזען זעהר וועניג אכטונג צו גאט'ס נאמען, און דאך איז אלץ, וואס ווערט אין דער ביבעל אנגערופען נביאות, פון אט־דעם סארט.

אבער מיט נביאות איז דאס אייגענע, וואס מיט וואונדער; זי וואלט ניט געקאנט דינען דעם ציל, פאר וועלכען זי איז באשטימט, ווען זי וואלט אפילו געווען אמת'דיג. די, וואס וואלטען אויסגעהערט די נביאות, וואלטען ניט געקאנט וויסען, צי דער מענש האט אויף אן אמת'ען נביאות־געזאגט, אדער ער האט זיי דערציילט א ליגען, צי איז די זאך פאר איהם אנטפלעקט געווארען, אדער ער האט זי זיך אליין איינגעבילדעט; און ווען די זאך, וואס ער האט פאראויסגעזאגט, אדער געהאט בדעה פאראויסצוזאגען, וואלט פארגעקומען, ווי ער האט זי פארגעשטעלט, אדער אויף עפיס אן ענליכען אופן, צווישען די פילע זאכען, וואס קומען פאר יעדען טאג, וואלט אויך קיינער ניט געקאנט וויסען, צי ער האט זי פאראויסגעוואוסט, אדער ער האט גראד געטראפען, אדער זי איז געווען א צופאל. א נביא איז דעריבער א נוצלאזע און ניט נויטיגע פערזאן; און די בעסטע זאך איז ניט צו גלויבען אין אזוינע מעשיות, כדי צו זיין זיכער ניט פארפירט צו ווערען.

פון דעם אלעם ווערט קלאר, אז מיסטעריע, וואונדער און נביאות זיינען צוזאצען, וואס געהערען צו דער פאנטאסטישער און ניט צו דער אמת'דיגער רעליגיע. זיי זיינען מיטלען, וואס דורך זיי האט מען פארווירט די מענשליכע מחות איבער דער גאנצער וועלט, און פון דער רעליגיע איז געווארען א פאך. דער ערפאלג פון איין שווינדלער האט צוגעגעבען מוט א אנדערען, און דער בארוהיגענדיגער תירוץ פון אויפטון א גוטע זאך דורך אויפהאלטען א פרומען ליגען האט זיי באשיצט פון האבען חרטה אויף זייערע מעשים.

דער סך הכל פון דעם גאנצען עניין, וועלכער האט זיך אגב

פאַרצויגען לענגער, ווי איך האָב אין אָנהויב אין זינען געהאַט, קאָן אין קורצען איבערגעגעבען ווערען אַזוי:

ע ר ש ט ע נ ס — אַז די השגה פון גאָט'ס וואָרט אָדער דער גלויבען אין דעם, ווי עס עקזיסטירט אין שריפט אָדער אין וואָרט, איז פאַר זיך אַליין ניט אויסגעהאַלטען צוליב טעמים, וואָס זיינען שוין אויבען אָנגעגעבען געוואָרען. אָט די טעמים, צווישען פיל אַנדערע, זיינען: דאָס פעלען פון אַן אוניווערסאַלער שפּראַך, די פאַרענדערליכקייט פון דער מענשליכער שפּראַך; די טעותים, וואָס ווערען געמאַכט דורך איבערזעצען; די מעגליכקייט פון אונטער־דריקען אינגאַנצען דאָס וואָרט פון גאָט; די מעגליכקייט פון ענדע־רען עס, אָדער גאָר אויסטראַכטען און אַרויפצווינגען עס אויף דער מענשהייט.

צ ו ו י י ט ע נ ס — אַז די באַשאַפונג, וואָס מיר זעהען, איז דאָס אמת'ע און אייביג־עקזיסטירענדיגע וואָרט פון גאָט, וואָס מיר קאָנען זיך אין דעם ניט אָפּנאַרען. עס פּראָקלאַמירט גאָט'ס מאַכט, ווייזט זיין חכמה און אַנטפּלעקט זיין גוטסקייט און מילד־קייט.

ד ר י ט ע נ ס — אַז דעם מענשען'ס מאָראַלישע פליכט באַ־שטייט אין נאָכטון דער מאָראַלישער גוטסקייט און מילדקייט פון גאָט בנוגע צו אַלע זיינע באַשעפענישען, ווי דאָס ווערט אַנט־פּלעקט אין דער באַשאַפונג. אַז די גוטסקייט פון גאָט צו אַלע מענשען, וואָס מיר זעהען זי יעדען טאָג, רופט זיי צו באַנעמען זיך אויף דעמזעלביגען שטייגער איינער צום אַנדערען, און אַז דער־פאַר איז יעדער מין פאַרפאָלגונג אָדער נקמה צווישען מענש און מענש און יעדער מין גרויזאַמקייט בנוגע צו חיות אַ פאַרלעצונג פון אַ מאָראַלישער פליכט.

איך קימער זיך גאָרניט איבער דעם אופן פון מיין צוקונפטי־גער עקזיסטענץ. עס איז גענוג פאַר מיר צו גלויבען, אפילו ביז פעסטער איבערצייגונג, אַז די קראַפט, וואָס האָט מיר געגעבען

לעבען, איז אימשטאנד פארטצוזעצען עס אין דער פארם און אויף דעם אופן, וואס עס וועט איהר נאר געפעלען, צי אינאיינעם מיט מיין קערפער אדער אן איהם; און מיין וויטערע עקזיסטענץ נאך דעם דאזיגען לעבען זעהט מיר אוים זיכערער, ווי מיין עקזיסטענץ פאר דעם, ווי אט־דאס לעבען מיינם האט זיך אנגעהויבען.

עס איז א זיכערע זאך, אז אלע פעלקער פון דער ערד און אלע רעליגיעס שטימען איין אין איין פונקט — אלע גלויבען אין א גאט; די זאכען, וואס אין זיי גייען זיי זיך פאנאנדער, זיינען די איבעריגקייטען, וואס ווערען צוגעזעצט צו אט דעם גלויבען; און דערפאר, אויב אן אוניווערסאלע רעליגיע וועט אמאל באהערשען די וועלט, וועט עס ניט פארקומען דורך גלויבען אין עפים נייס, נאר דורך פטור ווערען פון אט־די איבעריגקייטען און דורך אנ־הויבען צוריק גלויבען אזוי, ווי דער מענש האט לכתחילה געגלויבט. אדם, אויב נאר אזא מענש האט אמאל געלעבט, איז באשאפען גע־ווארען א דעאיסט; אבער אין דערזעלביגער צייט זאל יעדער מענש פאלגען, ווי דאס איז זיין רעכט, די רעליגיע, וואס איז איהם צום הארצען.

צווייטער טייל

פאָרוואָרט

איך האָב דערמאָנט אין דעם ערשטען טייל פון דעם דאָזיגען ווערק, אז איך האָב שוין פון לאַנג געהאַט בדעה צו פאַרעפענטלי־כען מיינע געדאַנקען איבער רעליגיע און אז איך האָב עס אָפּגעלייגט אויף אַ שפּעטערער צייט פון לעבען, רעכענדיג, אז דאָס זאָל זיין מיין לעצטע ארבייט, וואָס איך זאָל אונטערנעמען. אָבער די אומ־שטענדען, וואָס האָבען עקזיסטירט אין פראַנקרייך צום סוף פון 1793, האָבען מיך צוגעאיילט אַנצוהויבען גלייך די דאָזיגע אר־בייט.

די יושר׳דיגע און מענשליכע פּרינציפּען פון דער רעוואָלוציע, וואָס זיינען פריהער פאַרשפּרייט געוואָרען פון דער פילאָזאָפיע, זיי־נען איצט פאַרלאָזען געוואָרען. די אידעע, אז פּריסטער קאָנען פאַר־געבען זינד, אָט־די אידעע, וואָס איז שטענדיג געווען אַ געפאַר פאַר דער געזעלשאַפט און אַ דערנידערונג פאַר גאָט׳ס נאָמען, האָט פאַר־טעמפּט די מענשליכע געפילען און צוגעגרייט די מענשען צו באַגיין אַלע מיני פאַרברעכענס. דער אומטאָלעראַנטער גייסט פון די קירך־פאַרפאָלגונגען איז איבערגעטראָגען געוואָרען אויף דער פּאָליטיק; דער טריבונאַל, וואָס האָט זיך גערופען רעוואָלוציאָנערער טריבו־נאַל, האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון אַן אינקוויזיציע; די גילאָטינע און דער מאַרטער־סלופּ האָבען איבערגעטראָפען דעם פייער און די בינטלעך ריטער פון דער קירך. איך האָב געזעהען, ווי מען האָט פיל פון מיינע נאָהענטסטע פריינד אומגעבראַכט און אַנדערע אוועק־געפירט יעדען טאָג אין געפענגעניש, און איך האָב דעריבער גע־

האט א גרונט צו גלויבען און האב אויך באקומען אן אפיציעלע אנצוהערעניש, אז עס ערווארט מיך דיזעלביגע געפאר.

אונטער אזוינע נישט־גינציגע אומשטענדען האב איך עס אנ־געהויבען דעם ערשטען טייל פון אט־דעם בוך; איך האב נישט גע־האט ביי זיך ניט קיין ביבעל און ניט קיין טעסטאמענט, הגם איך האב געשריבען קעגען אט־די ביכער; איך האב אויך נישט געהאט קיין מעגליכקייט זיי צו באקומען — און דאך האב איך פארפאסט א ווערק, וואס קיין שום פארטיידיגער פון דער ביבעל, מעג ער שרייבען אן איילעניש און מיט א גאנצער ביבליאטעק פון טעאלא־גישע ביכער ארום זיך, וועט עס נישט קאנען באשטרייטען.

אין סוף דעצעמבער פון יענעם יאהר איז געמאכט געווארען און דורכגעפירט א פארשלאג אויסצושליסען אלע אויסלענדער פון דער קאנווענציע. אזוינע זיינען דארט געווען נאר צוויי — אנא־קארסים קלאאטס און איך; און איך האב געזעהען, אז בורדאן דע ל'אואז האט אין זיין רעדע איבער אט־דעם פארשלאג באזונדערס געצילט אין מיר.

פארשטאנען נאך דעם, אז עס זיינען מיר פארבליבען נאר גע־ציילטע טעג פון פרייהייט, האב איך זיך אוועקגעזעצט און פארענ־דיגט דאס ווערק אזוי שנעל, ווי מעגליך; און עס זיינען נישט אריבער קיין זעקס שעה נאכדעם, ווי איך האב געענדיגט דאס ווערק אין דעם צושטאנד, ווי עס איז שפעטער ערשינען, ווי עס איז געקומען צו מיר (ארום דריי אזייגער פארטאג) א וואך מיט א באפעל צו ארעסטירען מיך, ווי אן אויסלענדער, און האט מיך אוועקגעפירט אין דער געפענגעניש פון לוקסענבורג. אויף מיין וועג אהין האב איך געפונען אן אויסרייד צו באזוכען יואל בארלאוו און אים איבערגעבען מיין מאנוסקריפט, רעכענדיג עס פאר מער זיכער, ווי האלטען אים ביי זיך אין געפענגעניש; און אזוי ווי איך האב ניט געוואוסט, וואס עס קאן טרעפען אין פראנקרייך מיט'ן שרייבער אדער מיט זיין ווערק, האב איך אין מיין פארווארט עס איבערגעגעבען אונטער'ן שוץ פון די בירגער פון די פאראיי־ניגטע שטאטען.

מען דארף געבען רעכט דער וואר, וואס האט אויסגעפירט אט־דעם באפעל, ווי אויך דעם דאלמעטשער, וואס האט באלייט די וואך איבערצוקוקען מיינע פאפירען, אז זיי האבען מיך באהאנ־דעלט נישט נאר מיט העפליכקייט, נאר אויך מיט רעספעקט. דער אויפזעהער פון ל ו ק ס ע נ ב ו ר ג, בענוא, א מענש מיט א גוט הארץ, ווי אויך זיין גאנצע פאמיליע, האבען מיר ארויסגע־וויזען יעדע פריינדליכקייט, וואס זיי האבען נאר געקאנט; שפע־טער האט מען איהם אוועקגענומען פון אט־דעם פאסטען, ארעס־טירט און פארגעבראכט פאר'ן געריכט אויף א פארלוימדערישער באשולדיגונג; מען האט איהם אבער פרייגעשפראכען.

נאכדעם, ווי איך בין אפגעזעסען אין לוקסענבורג אן ערך דריי וואכען, זיינען די אמעריקאנער, וואס האבען זיך דאן געפונען אין פאריז, אוועק צו דער קאנווענציע און האבען געפאדערט, אז מען זאל מיך, זייער לאנדכמאן און פריינט, באפרייען; אבער דער פרעזידענט וואדיע, וואס איז אויך געווען פרעזידענט פון דעם ק א מ י ט ע ט פ ו ן ע פ ע נ ט ל י כ ע ר ז י כ ע ר ק י י ט און האט אונטערגעשריבען דעם באפעל צו ארעסטירען מיך, האט זיי געענטפערט, אז איך בין געבוירען געווארען אין ענגלאנד. נאך דעם האב איך שוין מער גארנישט געהערט פון קיינעם ביז ראבעס־פיער'ס פאלען, וואס איז פארגעקומען דעם 9־טען טערמידאר — יולי 27, 1794.

ארום צוויי חדשים פאר אט־דער געשעהעניש האב איך בא־קומען פיבער, וואס האט שפעטער ארויסגעוויזען אלע סימפטאמען פון א טויטליכער קראנקהייט. און דעמאלט האב איך זיך אליין גראטולירט, וואס איך האב אנגעשריבען דעם ערשטען טייל פון „דער צייט פון פארשטאנד". איך האב דעמאלט געהאט ווייניג הא־פענונג צו בלייבען לעבען, און נאך ווייניגער האפענונג האבען גע־האט די מענשען, וואס זיינען געווען ארום מיר. איך האב דעריבער געהאט די ערפארונג, וואס מיינע פרינציפען זיינען אויסגעשטאנען דעם פרואוו פון מיין געוויסען.

עס זיינען געזעסען מיט מיר צוזאמען דריי חברים: יאזעף וואנהועל, פון ברוגע, קארל באסטיני און מיקעל רובינס, פון לואווען.

איך דערמאָן איצט מיט דאַנקבאַרקייט און פאַרגעניגען די אויפמערקזאַמקייט און איבערגעגעבענקייט, וואָס אַט־די דריי פריינט האָבען אַרויסגעוויזען צו מיר בייטאָג און ביינאַכט. עס האָט גראָד פּאַסירט, אַז אַ דאָקטאָר (דר. גרעהעם) און אַ כירורג (טר. באָנד), וואָס האָבען געהערט צו דער סוויטע פון גענעראַל אָ'האַראַ, האָבען זיך דעמאָלט געפונען אין לוקסענבורג. איך ווייס נישט, צי עס וועט זיין גוט פאַר זיי, ווי פאַר מענשען, וואָס געפינען זיך אונטער דער ענגלישער רעגירונג, אַז איך זאָל זיי דאָ אויסדריקען מיין דאַנק, אָבער איך וואָלט זיך נישט געקאָנט מוחל זיין, ווען איך וואָלט דאָס נישט געטון; איך דריק דאָ אויך אויס מיין דאַנק צום דאָקטאָר פון **לוקסענבורג**, דר. מאַרקאָסקי.

איך האָב אַ געוויסען גרונט צו גלויבען, ווייל אַנדערש האָב איך זיך דאָס נישט געקאָנט דערקלערען, אַז צו פאַרדאַנקען אַט־דער קראַנקהייט מיינער האָט מען מיר געשענקט דאָס לעבען. צווישען ראָבעספּיער'ס פּאַפּירען, וואָס אַ קאָמיטעט פון דעפּוטאַטען האָט דורכגעקוקט און באַריכטעט וועגען זיי צו דער קאָנווענציע, איז אויך געווען אַ נאָטיץ, געשריבען אין ראָבעספּיער'ס אייגענער האַנטשריפט, וואָס האָט זיך געלייענט: „**פאַרלאַנגען אַ באַשולדיגונגס־דעקרעט קעגען טאָמאַס פּעין, אין די אינטערעסען פון אַמעריקע און פראַנקרייך**.

איך ווייס נישט און קאָן אויך נישט אויסגעפינען, וואָרום אַט־דער פאַרלאַנג זיינער איז נישט אויסגעפירט געוואָרען, און דעריבער רעכען איך, אַז ער האָט דאָס נישט געקאָנט טון צוליב מיין קראַנקהייט.

כדי צו מאַכען גוט, ווי ווייט דאָס איז נאָר געווען מעגליך, די אומגערעכטיגקייט, וואָס איז קעגען מיר באַגאַנגען געוואָרען, האָט די קאָנווענציע עפענטליך און איינשטימיג מיך איינגעלאַדען צוריקצוקומען; איך האָב דאָס אָנגענומען, כדי צו ווייזען, אַז איך האָב געקאָנט פאַרטראָגען אַ באַליידיגונג, נישט דערלאָזענדיג אָבער, אַז מיינע פּרינציפּען אָדער סימפּאַטיעס זאָלען פאַרלעצט ווערען.

גוטע פרינציפען דארפען נישט פארלאזען ווערען דערפאר, ווייל אימיצער האט זיי פארלעצט.

זינט איך בין באפרייט געווארען, האב איך געזעהען עטליכע ענטפערס אויף דעם ערשטען טייל פון „דער צייט פון פארשטאנד,“ געדרוקט אין אמעריקע און אין ענגלאנד. אויב די פארפאסער פון את־די זאכען האבען דערפון הנאה, וועל איך זיי נישט שטערען. זיי מעגען שרייבען קעגען דעם ווערק און קעגען מיר, וויפיל זיי ווילען נאר אליין; זיי טוען מיר דערמיט א גרעסערע טובה, ווי זיי אליין ווילען עס, און עס קען מיר גארנישט ארען, אז זיי וועלען ווייטער שרייבען. זיי וועלען אבער פון את־דעם טייל, וואס איז אגב נישט געשריבען געווארען, ווי אן ענטפער צו זיי, אויסגעפינען, אז זיי מוזען זיך צוריקקערען צו זייער ארבייט און זיך נעמען ווידער אמאל צו שפינען זייער שפינוועבס, ווייל דאס ערשטע איז על פי צופאל אוועקגערוימט געווארען.

זיי וועלען איצט זעהן, אז איך האב זיך באזארגט מיט א ביבעל און א טעסטאמענט; און איך קאן זיי אויך זאגען, אז איך האב אויסגעפונען, אז דאס זיינען פיל ערגערע ביכער, ווי איך האב עס פריהער גערעכענט. אויב איך האב אין דעם ערשטען טייל פון „דער צייט פון פארשטאנד“ געהאט אין עפּיס א טעות, איז עס געווען אין דעם, וואס איך האב וועגען אייניגע טיילען פון את־די ביכער זיך אויסגעדריקט בעסער, ווי זיי האבען דאס פארדינט.

איך באמערק, אז אלע מיינע אפאנענטען ווענדען זיך נאך הילף צו דעם, וואס זיי רופען אן די באווייזען פון די הייליגע שריפטען און די אויטאריטעט פון דער ביבעל, — אייניגע מער, אייניגע ווייניגער. זיי פארשטייען אזוי ווייניג דעם גאנצען ענין, אז זיי מישען צונויף דעם ויכוח איבער דער עכטקייט פון דער ביבעל מיט א ויכוח איבער דעם, וואס די ביבעל לערנט אונז; איך וועל זיך דעריבער אזוי אפרעכענען מיט זיי, אז אויב זיי ווילען נאר האבען חשק צו שרייבען ווייטער, זאלען זיי ווייניגסטענס וויסען, ווי אזוי אנצוהויבען.

אקטאבער, 1795.

מען חערט אפט זאגען, אז יעדע זאך קאן באוויזען ווערען דורך דער ביבעל; אבער איידער מען לאזט צו, אז עפּיס איז באַ־וויזען געווארען דורך דער ביבעל, מוז מען פריהער באווייזען, ווי ווייט די ביבעל אליין איז אמת׳דיג; ווייל אויב די ביבעל וועט זיך ארויסווייזען צו זיין נישט־אמת׳דיג, אדער איהר אמת וועט גע־שטעלט ווערען אונטער א צווייפעל, וועט זי פארלירען איהר אויטאָ־ריטעט און קיין זאך וועט דורך איהר נישט קאנען באוויזען ווערען.

עס איז די געוואוינהייט פון אלע קריסטליכע קאמענטאטארס פון דער ביבעל און פון אלע קריסטליכע גייסטליכע און פּרעדיגער ארויפצוצווינגען אויף מענשען די ביבעל, ווי א מאסע פון לויטער אמת און ווי דאס ווארט פון גאט; זיי דיספּוטירען און אמפּערען זיך, און זיינען איינער דעם אנדערען מחרים איבער דעם זין פון געוויסע טיילען און שטעלען פון דער ביבעל; איינער זאגט און באשטיים דערויף, אז די און די שטעל באטייט דאס און דאס; אן אנדער זאגט, אז עס באטייט פּונקט דעם הפוך דערפון; און א דריטער זאגט, אז עס באטייט נישט דאס ערשטע און נישט דאס צווייטע, נאר עפּיס גאר אן אנדער זאך; און דאס הייסט ביי זיי פ א ר ש ט י י ן די ביבעל.

אלע ענטפערס אויף דעם ערשטען טייל פון דער „צייט פון פארשטאנד.“ וואס עס איז מיר אויסגעקומען צו לייענען, זיינען גראד געשריבען געווארען פון גייסטליכע; און אט־די פרומע לייט ויכוח׳ען זיך און שטרייטען פּונקט אזוי, ווי זייערע פארגייער, און פּרעטענ־דירען צו פ א ר ש ט י י ן די ביבעל; יעדערער פון זיי פאר־שטייט זי אויף זיין שטייגער, וואס איז אויך, נאטירליך, דער בעסטער; און זיי שטימען צווישען זיך אין קיין זאך נישט, א חוץ אין דעם, וואס זיי זאגען זייערע לעזער, אז טאמאס פּעין פארשטייט נישט די ביבעל.

אבער אנשטאט צו פארלירען אומזיסט די צייט און זיך ארומ־

רייסען אין שארפע ויכוחים איבער טעארעטישע פונקטען, וואס זיי נעמען ארויס פון דער ביבעל, וואלטען די דאזיגע לייט באדארפט וויסען, און אויב זיי ווייסען נישט, וואלט מען זיי דאס באדארפט לאזען וויסען, אז די ערשטע זאך, וואס עס איז נויטיג צו פארשטיין, איז — צי איז פאראן גענוג זיכערקייט אנצונעמען די ביבעל פאר גאט'סווארט, אדער נישט.

עס זיינען אין אט־דעם בוך פאראן זאכען, וואס זיינען, ווי עס ווערט דארט אויסדריקליך געזאגט, געטון געווארען אויפ'ן באפעל פון גאט; און דאך זיינען זיי אזוי אפשטויסענד פאר אונזער געפיל פון מענשליכקייט און פאר יעדען באגריף, וואס מיר האבען וועגען מאראלישען יושר, ווי די מעשים, וואס זיינען אפגעטון געווארען פון ראבעספיער'ן, קאריער'ן און זשאזעף לע־באן — אין פראנקרייך, פון דער ענגלישער רעגירונג — אין אסט־אינדיע, אדער פון וואסער־עס־איז אנדער מערדער פון די מאדערנע צייטען.

ווען מיר לייענען אין די ביכער, וואס ווערען צוגעשריבען צו משה'ן, יהושע'ן און אנד., אז זיי (די קינדער פון ישראל) זיינען אומגעריכט אנגעפאלען אויף פעלקער, וואס האבען זיי גאר קיין שלעכטס נישט געטון; *אז זיי האבען אט־די אלע פעלקער דערשלאגען מיט'ן שווערד; אז זיי האבען נישט געשוינט קיין עלטער און קיין יוגענד; אז זיי האבען אויסגעראטען מענער, פרויען און קינדער; אז זיי האבען נישט איבערגעלאזט קיין לעבעדיגען וועזען* — אויסדריקען, וואס ווערען אזוי פיל מאל איבערגע'חזר'ט אין אט־די ביכער מיט א מין טריאומפירענדיגער גרויזאמקייט — ווען מיר לייענען וועגען אט־די זאכען, זיינען מיר דען זיכער, אז זיי זיינען פאקטען? זיינען מיר דען זיכער, אז דער, וואס האט באשאפען דעם מענשען, האט דאס אלץ געהייסען טון? און זיינען מיר זיכער, אז די ביכער, וואס דערציילען אונז דאס, זיינען אנגעשריבען געווארען מיט זיין הסכמה?

דאס, וואס א מעשה איז אלט, איז גארנישט קיין באוויז פון

איהר אמת'דיגקייט; עס איז, פארקערט, גאר א סימן פון איהר פאבעלהאפטיגקייט; ווייל וואס עלטער א מעשה איז, אלץ מער זעהט זי אויס, ווי א פאבעל. דער אפשטאם פון יעדען פאלק איז פארבארגען אין פאבעלהאפטע לעגענדעס, און מען קאן זיך גאנץ גוט משער זיין, אז דאס אייגענע איז אויך מיט דעם אפשטאם פון די אידען. ארויפצולייגען אויפ'ן אלמעכטיגען די שולד פאר מעשים, וואס זיינען אין זייער טבע און לויט יעדען כלל פון מאראלישען יושר פארברעכענס, ווי עס איז יעדער מין מארד און דערהויפט קינדער־מארד, איז גארנישט קיין קלייניגקייט. די ביבעל זאגט אונז, אז די דאזיגע מארדען זיינען באגאנגען געווארען אויפ'ן **אויסדריקליכען באפעל פון גאט**. און דער־פאר, ווען מיר וואלטען געגלויבט, אז אלץ, וואס די ביבעל זאגט, איז אמת, וואלטען מיר געמוזט **אויפהערען גלויבען** אין דעם מאראלישען יושר פון גאט (ווייל מיט וואס וואלטען וויינענדיגע אדער שמייכלענדיגע קינדער זיך געקאנט פארזינדי־גען?) און וואלטען געמוזט אויסווארצלען פון דעם מענשליכען הארץ יעדען געפיל פון צערטליכקייט, ליבע און גוטסקייט כדי צו קאנען לייענען די ביבעל אן שרעק. ווען איך וואלט נישט געהאט קיין אנדער באווייז, אז די ביבעל איז פאבעלהאפט, אויסער דעם קרבן, וואס איך מוז ברייננען, כדי צו גלויבען אין איהר אמת'דיג־קייט, וואלט דאס אליין שוין געווען גענוג צו באשטימען מיין אויס־וואל.

אבער אחוץ די אלע מאראלישע באווייזען, וואס רעדען קעגען דער ביבעל, וועל איך אין לויף פון דעם דאזיגען ווערק ברייננען נאך אנדערע באווייזען, וואס אפילו א גייסטליכער וועט זיי נישט קאנען אפלייקענען, און וועל דערמיט קלאר מאכען, אז מען קאן נישט אננעמען די ביבעל פאר גאט'ס ווארט.

אבער איידער איך וועל איבערגיין צו אט־דער אויספארשונג, וועל איך פריהער ווייזען מיט וואס די ביבעל שיידט זיך אפ פון אלע אנדערע אוראלטע שריפטען בנוגע צו דעם סארט באַ־ווייזען, וואס זיינען נויטיג כדי צו קאנען פעסטשטעלען איהר עכט־קייט; איך דארף עס נאך מער טון צוליב דעם, ווייל די פארטיידי־

גער פון דער ביבעל זאגען אין זייערע ענטפערס צו דעם ערשטען טייל פון דער „צייט פון פארשטאנד“ און שטרייבען דאס אפילו אונטער, אז די עכטקייט פון דער ביבעל איז פונקט אזוי פעסטגעשטעלט, ווי די עכטקייט פון יעדען אנדערען אוראלטען בוך, גלייך ווי אונזער גלויבען אין דער עכטקייט פון איין בוך קאן ווערען א כלל פאר אונזער גלויבען אין דער עכטקייט פון א צווייטען בוך.

איך וויים פונדעסטוועגען פון איין אוראלטען בוך, וואס רופט ארוים אויף א באפעלענדיגען אופן יעדען איינעמס צושטימונג און צווינגט יעדען איינעם צו גלויבען אין איהם, און דאס איז אייקליד'ס „עלעמענטען פון געאמעטריע“;*) און די אורזאך דערפון איז, וואס דאס דאזיגע בוך איז קלאר פאר זיך אליין, אז שום באווייזען, אז יעדער שייכות צו זיין פארפאסער, צו דער צייט, פלאץ און אומשטענדען. דער מאטעריאל, וואס געפינט זיך אין אט־דעם בוך, וואלט געווען פונקט אזוי איבערצייגענדיג, ווי ער איז, ווען ער וואלט געשריבען געווארען פון וואסער־עס־איז אנדער פערזאן, אדער ער וואלט באקענט געווען אונטער א פארשטעלטען נאמען, אדער דער פארפאסער וואלט אונז געווען אינגאנצען אומבאוואוסט; ווייל אונזער וויסען אויף זיכער, ווער עס איז געווען דער פארפאסער פון אט־דעם בוך, האט גארנישט צו טון מיט אונזער גלויבען אין זיין אינהאלט.

גאנץ אנדערש איז אבער מיט די ביכער, וואס ווערען צוגעשריבען צו משה'ן, יהושע'ן, שמואל'ען און א. וו.; דאס זיינען שוין ביכער פון עדות־זאגע, און זיי זאגען אונז עדות וועגען זאכען, וואס זיינען בטבע אומגלויבליך; און דעריבער שטיצט זיך אונזער גאנצער גלויבען אין דער עכטקייט פון אט־די ביכער, ערשטענס, אויף דער זיכערקייט, אז זיי זיינען געשריבען געווארען פון משה'ן, יהושע'ן און שמואל'ן, און צווייטענס, אויף דעם, וואס מיר גלויבען אין זייער עדות־זאגען. מיר קאנען גלוי־

---

*) איוקליד האט, לויט דער כראנאלאגישער געשיכטע, געלעבט מיט דריי הונדערט יאר פאר קריסטוס'ען און אן ערך הונדערט יאר פאר ארכימעד'ן; ער האט געלעבט אין דער שטאט אלעקסאנדריע, אין עגיפטען.

בען אין דעם ערשטען, ד. ה., אין דער זיכערקייט פון די אנגעגע־בענע פארפאסער, און דאך נישט גלויבען אין דעם, וואס זיי דער־ציילען, פונקט ווי מיר קאנען גלויבען, אז א געוויסע פערזאן האט עדות־געזאגט וועגען עפיס א פאל און דאך נישט גלויבען אין דעם, וואס אט־די פערזאן דערציילט.

ווען עס וואלט אבער אויסגעפונען געווארען, אז די ביכער, וואס ווערען צוגעשריבען צו משה'ן, יהושע'ן און שמואל'ן, זיינען אין דער אמת'ן פארפאסט געווארען נישט פון זיי, וואלטען אט־די ביכער גלייך פארלארען זייער גאנצע אויטאריטעט און קיינער וואלט מער נישט געגלויבט אין זייער עכטקייט; ווייל אזא זאך, ווי גע־פעלשט אדער אויסגעטראכט עדות־זאגען, קאן מען דא נישט צולאזען, ווי מען קאן אויך נישט צולאזען קיין אנאנים עדות־זאגען, דערהויפט נאך בנוגע צו זאכען, וואס זיינען בטבע אומגלויב־ליך, ווי, א שטייגער, דאס רעדען מיט גאט פנים אל פנים, אדער דאס אפשטעלען זיך פון דער זון און דער לבנה, אויפ'ן באפעל פון א מענשען.

דער גרעסטער טייל פון די איבעריגע אור־אלטע ביכער זיינען ווערק פון מענשליכען גענים; צו דעם סארט געהערען די ווערק, וואס ווערען צוגעשריבען צו האמער'ן, פלאטא'ן, אריסטאטל'ען, דעמאסטענ'ען, ציצערא'ן און אנד. דער נאמען פון דעם פארפאסער פון יעדען איינעם פון די דאזיגע ווערק שפילט דא אויך נישט קיין ראלע, ווייל ווי געניאלע ווערק וואלטען זיי אויף קיין האר נישט פארלארען זייער ווערט, ווען זיי וואלטען אפילו געווען אנאנים. קיינער גלויבט איצט נישט, אז די געשיכטע פון טראיא, ווי זי ווערט דערציילט פון האמער'ן, איז אן אמת; מיר באוואונדערען דא דעם פאעט און זיין גרייסקייט ווערט נישט געמינערט דערפון, וואס די געשיכטע איז א פאנטאסטישע. אויב אבער מיר וועלען נישט גלויבען אין דעם, וואס די פארפאסער פון דער ביבעל (למשל, משה) דערציילען אונז, ווי מיר גלויבען נישט אין דעם, וואס האמער דער־ציילט אונז, וועלען מיר מוזען באטראכטען משה'ן פאר א שווינד־לער.

וואס עס איז שייך צו די אוראלטע היסטאריקער, פון הערא־

דאטוס'ן ביז טאציט'ן, גלויבען מיר זיי נאר אויף אזוי פיל, אויף וויפיל זיי דערציילען מעגליכע און גלויבליכע זאכען, אבער נישט מער; ווייל אנדערש וואלטען מיר דאך געמוזט אויך גלויבען אין די צוויי וואונדער, וואס וועספאזיאן האט, לויט טאציט'ן, געטון, אויסהיילענדיג א לאמען און א בלינדען, פונקט ווי דאס ווערט דערציילט וועגען ישו הנוצרי פון זיינע היסטאריקער. מיר וואל־טען אויך געמוזט גלויבען אין דעם, וואס יאזעפוס דערציילט, אז דער ים פאמפיליא האט זיך געשפאלטען, כדי צו לאזען דורכגיין אלקסנדר מוקדון מיט זיינע חילות, פונקט ווי דאס ווערט דערציילט אין שמות וועגען דעם ים סוף.

אט־די וואונדער זיינען פונקט אזוי באגלויבט, ווי די וואונדער, וואס ווערען דערציילט אין דער ביבעל, און דאך גלויבען מיר נישט אין זיי; דאס הייסט, אז כדי צו מאכען אונז גלויבען אין זאכען, וואס זיינען בטבע אומגלויבליך, צי דאס געפינט זיך אין דער ביבעל, אדער ערגיץ אנדערש, פאדערען זיך פיל שטארקערע באווייזען, ווי פאר זאכען, וואס זיינען גאנץ נאטירליך און גלויבליך; און דע־ריבער קאנען די פארטיידיגער פון דער ביבעל נישט פארלאנגען פון א.נ.), אז מיר זאלען גלויבען אין דער ביבעל נאר דערפאר, ווייל מיר גלויבען אין זאכען, וואס ווערען אונז דערציילט אין אנדערע אוראלטע שריפטען; אין אט־די לעצטע גלויבען מיר דאך אויך נאר אויף אזוי פיל, אויף וויפיל זיי זיינען מעגליך און גלויבליך, אדער דערפאר, ווייל זיי זיינען קלאר פאר זיך אליין, ווי, א שטייגער, אייקליד'ס ווערק; אדער מיר באוואונדערען זיי פאר זייער שענ־קייט, ווי האמער'ס ווערק; אדער מיר אנערקענען זיי פאר זייער רוהיגקייט, ווי פלאטא'ס ווערק, אדער פאר זייער חריפות, ווי די ווערק פון אריסטאטעל.

איך וועל איצט איבערגיין צו דער אויספארשונג פון דער עכט־קייט פון דער ביבעל, און וועל אנהויבען מיט די פינף ביכער, וואס גייען אונטער משה'ס נאמען: בראשית, שמות, ויקרא, במדבר און דברים. איך האב אין זינען צו ווייזען, אז די דאזיגע ביכער זיי־

נען געפּעלשט און אַז משה איז נישט זייער פּאַרפאַסער; איך וועל זיך אויך באַמיהען צו ווייזען, אַז זיי זיינען נישט געשריבען געוואָרען אין משה'ס צייטען, נאָר מיט עטליכע הונדערט יאָהר שפּעטער; אַז זיי זיינען נישט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ פאַרזוך, געמאַכט פון עפּיס אומוויסענדיגע און נאַרישע פּאַרפאַסער, וואָס האָבען געלעבט מיט עטליכע הונדערט יאָהר נאָך משה'ן, צו געבען משה'ס לעבענס־באַשרייבונג, ווי אויך די געשיכטע פון דער צייט, ווען ער זאָל האָבען געלעבט, און פון נאָך פריהערדיגע צייטען.

די באַווייזען, וואָס וועלען דאָ געבראַכט ווערען, וועלען גענומען ווערען בלויז פון אַט־די ביכער. ווען איך וואָלט זיך געווענדט נאָך באַווייזען צו וועלכען־עס־איז פון די אוראַלטע מחברים, וואָס די פאַרטיידיגער פון דער ביבעל רופען זיי וועלטליכע שרייבער, וואָלטען זיי אַרויסגעטראָטען קעגען אַט־דעם מיין אויטאָריטעט, ווי איך טרעט אַרויס קעגען זייערער; און דעריבער וועל איך זיך מיט זיי צוזאַמענטרעפען אויף זייער אייגענעם באָדען און באַקעמפען מיט זייער אייגענעם געווער, — מיט דער ביבעל.

קודם כל האָבען מיר נישט קיין פּאָזיטיווען באַווייז, אַז משה איז דער מחבר פון אַט־די ביכער; דאָס איז אַ דורכאויס נישט־באַגרינדעטע מיינונג, און קיינער ווייס נישט פון וואַנען זי האָט זיך גענומען.

דער סטיל און די פאָרם פון אַט־די ביכער גיבען אונז גאָרנישט קיין גרונט צו גלויבען, אָדער אפילו נאָר אָנצונעמען, אַז זיי זיינען געשריבען געוואָרען פון משה'ן, — עס איז דורכאויס דער סטיל און די פאָרם פון אַן אַנדער פּערזאָן, וואָס רעדט וועגען משה'ן. שמות, ויקרא און במדבר (ווייל דער ספר בראשית דערציילט אַלץ וועגען זאַכען, וואָס זיינען פאָרגעקומען פאַר משה'ס צייטען, און עס ווערט דאָרט נישט געגעבען אפילו די מינדסטע אָנטייטונג אויף משה'ן), אַט־די ספרים זיינען אינגאַנצען געשריבען געוואָרען אין דער דריטער פּערזאָן (בלשון נסתר); עס ווערט דאָרט שטענדיג געזאָגט אַזוי: גאָט האָט געזאָגט צו משה'ן, אָדער משה האָט געזאָגט צו גאָט, אָדער משה האָט געזאָגט צום פאָלק, אָדער

דאס פאלק האט געזאגט צו משה'ן; אזוי רעדן היסטאריקער וועגן פערזאנען, וועמענס לעבן און טעטיג־קייט זיי באשרייבן.

מען קאן זאגן, אז א מענש קאן רעדן וועגן זיך אליין אין דער דריטער פערזאן, און מען קאן זיך דעריבער משער זיין, אז משה האט אויך אזוי געטון; אבער א השערה באווייזט נאך גאר־נישט; און אויב די פארטיידיגער פון דעם גלויבן, אז משה אליין האט געשריבן די דאזיגע ביכער, האבן נישט קיין בעסערע מיט־לען פאר זייער פארטיידיגונג, ווי נאר א השערה, וואלטן זיי שוין בעסער געמעגט שווייגן.

און ווען מיר זאלן אפילו צולאזן, אז משה האט געהאט דאס גראמאטישע רעכט צו רעדן וועגן זיך אליין בלשון נסתר, ווייל יעדער מענש קאן אזוי רעדן וועגן זיך, מוז אבער משה דורך אזא מין הנחה נישט איינמאל ערשיינען אין אט־די ביכער אין א לעכערליכען ליכט. נעמט, למשל, דעם פסוק: „והאיש משה עניו מאד, מכל האדם אשר על פי האדמה" (במדבר, יב, ג) — „און משה איז געווען זעהר ענוות'דיג, מער פון אלע מענשען אויף דער ערד". אויב משה וואלט דאס באמת אליין געזאגט וועגן זיך, וואלט ער נישט געווען דער גרעסטער עניו, נאר, פארקערט, דער לייכטזיניגסטער און חוצפה'דיגסטער בעל גאוה; און די פארטיי־דיגער פון אט־די ביכער קאנען איצט אננעמען וואסער צד זיי ווי־לען נאר אליין, ווייל ביידע צדדים רעדן קעגען זיי; אויב משה איז נישט געווען דער פארפאסער, פארבלייבן דאך די ביכער אן יעדער אויטאריטעט; און אויב ער איז געווען דער פארפאסער, קאן מען איהם אויך נישט גלויבן, ווייל דאס בארימען זיך אין ענייוות איז פונקט דער הפוך פון עניוות, עס איז א ליי־גען אין געפיל.

דער סטיל און די פארם פון דעם ספר דברים ווייזט נאך קלערער פון די אנדערע ספרים, אז נישט משה איז געווען דער פארפאסער. די פארם איז דא א דראמאטישע; דער שרייבער הויבט אן מיט א קורצער איינלייטונג; נאך דעם לאזט ער רעדן משה'ן אליין, און ווען משה ענדיגט זיין לאנגע רעדע, נעמט דער

שרייבער ווידער איבער דאס ווארט און רעדט אזוי לאנג, ביז ער פירט ווידער אריין משה'ן, און צום סוף שליסט ער מיט א דער־ציילונג וועגען משה'ס טויט, וועגען זיין באערדיגונג און וועגען זיין כאראקטער.

פיר מאל בייטען זיך אין דעם דאזיגען בוך די מדברים; פון דעם ערשטען פסוק פון דעם ערשטען קאפיטעל ביז'ן סוף פון דעם פינפטען פסוק רעדט דער שרייבער אליין; דערנאך פירט ער אריין משה'ן צו האלטען זיין רעדע, וועלכע ציהט זיך ביז'ן סוף פון דעם 40־טען פסוק פון דעם פערטען קאפיטעל; דא פארלאזט דער שריי־בער משה'ן און דערציילט, ווי א היסטאריקער, וועגען דעם, וואס עס איז געשעהען; ער טוט עס אין א דראמאטישער פארם דורך איבערגעבען משה'ס רייד.

אין דעם ערשטען פסוק פון דעם פינפטען קאפיטעל הויבט דער שרייבער ווידער אן די דערציילונג, הגם נאר מיט די ווערטער, אז משה האט צונויפגערופען גאנץ ישראל; ער פירט אריין משה'ן און לאזט איהם רעדען ביז'ן סוף פון דעם 26־טען קאפיטעל. דאס איינענע טוט ער ביים אנהויב פון דעם 27־טען קאפיטעל און לאזט משה'ן רעדען ביז'ן סוף פון דעם 28־טען קאפיטעל*). ביים 29־טען קאפיטעל רעדט ווידער דער שרייבער אליין דורך דעם גאנצען ער־שטען פסוק און דעם אנהויב פון דעם צווייטען, וואו ער פירט שוין צום לעצטען מאל אריין משה'ן, לאזענדיג איהם רעדען ביז'ן סוף פון דעם 33־טען קאפיטעל.

געענדיגט משה'ס טייל פון דער דערציילונג, טרעט דער שריי־בער ווידער ארויס אליין און רעדט דורך דעם גאנצען לעצטען קא־פיטעל פון דעם דאזיגען ספר; ער דערציילט דעם לעזער, אז משה איז ארויפגעגאנגען אויפ'ן בארג נבו; אז ער האט פון דארט גע־זעהען דאס לאנד, וואס איז (דערציילט דער שרייבער) צוגעזאגט געווארען צו אברהם, יצחק און יעקב; אז ער, משה, איז דארט גע־

---

*) אין די קריסטליכע איבערזעצונגען פון דער ביבעל ענדיגט זיך דאס 28־טע קאפיטעל פון ד ב ר י ם מיט א פסוק פריהער, ווי אין דעם העברייאישען אריגינאל. דער לעצטער פסוק פון דעם דאזיגען קאפיטעל געהערט דארט דעריבער צום 29־טען קאפיטעל. — איבערזעצער.

שטארבען, אין דעם לאנד פון מואב, אבער ביז היינטיגען טאג וויים קיינער נישט דעם פלאץ, וואו ער איז באערדיגט געווארען („ולא ידע איש את קברתו עד היום הזה") ; ד. ה., ביז דער צייט, ווען דער שרייבער פון דעם ספר ד ב ר י ם האט געלעבט. דער שרייבער דערציילט אונז נאך, אז משה איז אלט געווען הונדערט און צוואנציג יאהר, בעת ער איז געשטארבען — אז זיין אויג איז נישט געווען טונקעל און זיין קראפט האט זיך פון איהם נישט אפּגעטאן („לא כהתה עינו ולא נס לחוה") ; און ער שליסט מיט די ווערטער, אז עס איז מ ע ה ר נ י ש ט אויפגעשטאנען אין ישראל נאך אזא נביא, ווי משה, וואס גאט, — זאגט דער אנאנימער שרייבער, — האט איהם געקענט פנים אל פנים.

געוויזען דורך דער גראמאטישער זייט, אז משה איז נישט געווען דער שרייבער פון די דאזיגע ביכער, וועל איך איצט נאך מאכען איינינע באמערקונגען איבער דער נישט־אויסגעהאלטענקייט פון דעם מחבר פון ד ב ר י ם און וועל ווייטער ווייזען דורך היסטארישע און כראנאלאגישע ראיות, וואס געפינען זיך אין די דאזיגע ביכער גופא, אז משה איז נישט געווען; ווייל ע ר ה א ט נ י ש ט ג ע ק א נ ט ז י י ן זייער פארפאסער און אז עס איז דעריבער גאר נישטא קיין זיכערקייט צו גלויבען, אז די אוממענשליכע שוידערהאפטע אויסשלאכטונג פון מענער, פרויען און קינדער איז, לויט אט־די ביכער דערציילען, געטון געווארען אויף גאט'ס באפעל. עס איז די פליכט פון יעדען עכטען דעאיסט צו פארטיידיגען דעם מאראלישען יושר פון גאט קעגען דער פארלוימדעריי פון דער ביבעל.

דער שרייבער פון דעם ספר ד ב ר י ם, ווער ער זאל נישט זיין (ווייל עס איז אן אנאנים ווערק), איז אין דעם, וואס ער דערציילט וועגען משה'ן, נישט קלאר און ווידערשפרעכיג צו זיך אליין.

משה איז ארויף אויפ'ן בארג נבו (און עס ווערט אין ערגיץ נישט דערמאנט, אז ער זאל האבען פון דארט אראפּגעגאנגען), זאגט ער אונז, אז משה איז ד א ר ט געשטארבען אין דעם לאנד פון מואב, און אז ע ר האט איהם באערדיגט אין טאל, אין דעם לאנד פון מואב ; אבער פון דעם פריהערדיגען קאן

מען נישט פארשטיין, ווער עס איז געווען דער „ע ר", וואס האט איהם באערדיגט. אויב דער שרייבער האט געמיינט, אז ע ר (גאט) האט איהם באערדיגט, איז פון וואנען האט ע ר (דער שרייבער) דאס געזאלט וויסען? און ווי אזוי זאלען מיר (די לעזער) איהם גלויבען, אויב מיר ווייסען נישט, ווער עס איז דער שרייבער, וואס דערציילט אונז דאס, ווייל משה אליין האט דאך זיכער נישט געקאנט דערציילען, וואו ער איז באערדיגט געווארען.

דער שרייבער דערציילט אונז אויך, אז קיינער ווייס נישט, וואו עס געפינט זיך משה'ס קבר, ב י ז ה י י נ ט י ג ע ן ט א ג, מיינענדיג דערמיט די צייט, ווען ער (דער שרייבער) האט געלעבט; איז ווי אזוי האט ער געזאלט וויסען, אז משה איז באערדיגט געווארען אין א טאל, אין דעם לאנד פון מואב? אזוי ווי דער שרייבער האט געלעבט לאנג נאך משה'ס צייט, ווי דאס איז קלאר פון זיין אויסדרוק ב י ז ה י י נ ט י ג ע ן ט א ג, מיינענדיג דערמיט א לאנגע צייט נאך משה'ס טויט, איז ער זיכער נישט געווען ביי זיין לויה; און פון דער אנדער זייט איז אוממעגליך, אז משה אליין זאל קאנען זאגען, אז ק י י ן מ ע נ ש ווייס נ י ש ט ב י ז ה י י נ ט י ג ע ן ט א ג, וואו עס געפינט זיך ד ע ר ק ב ר. צו מאכען משה'ן פאר'ן ריידער וואלט געהייסען נאך גיין ווייטער פון א קינד, וואס באהאלט זיך און שרייט: „ק י י נ ע ר ק א ן מ י ך נ י ש ט געפינען!" קיינער קאן נישט געפינען משה'ן!

דער דאזיגער שרייבער דערציילט אונז נישט, וואו ער האט גענומען די רעדעס, וואס ער האט אריינגעגעבען אין משה'ס מויל. און מיר האבען דעריבער א רעכט צו באשליסען, אז אדער ער האט זיי אליין פארפאסט, אדער ער האט זיי אנגעשריבען, ווי זיי זיינען איבערגעגעבען געווארען פון מויל צו מויל. אט־די השערות לייגען זיך זעהר גוט אויפ'ן שכל מחמת דעם, וואס דער פערטער געבאט פון די עשרת הדברות, ווי דער שרייבער גיט איהם אונז אין ד ב ר י ם, לייענט זיך אנדערש, ווי דערזעלביגער געבאט אין דעם 20־טען קאפיטעל פון ש מ ו ת.

אין ש מ ו ת ווערט אנגעגעבען אזא טעם פאר האלטען

שבת: „ווייל (לויטעט דער געבאָט) אין זעקס טעג האָט גאָט באַשאַפען דעם הימעל און די ערד און אין דעם זיבעטען טאָג האָט ער גערוהט"; אָבער אין ד ב ר י ם ווערט שוין אָנגעגעבען גאָר אַן אַנדער טעם פאַר האַלטען שבת: „געדענק (לויטעט דאָ דער געבאָט), אַז דו ביסט געווען אַ קנעכט אין דעם לאַנד מצרים און גאָט האָט דיך פון דאָרט אַרויסגענומען מיט אַ שטאַרקער האַנט און מיט אַן אויסגעשטרעקטען אָרעם. א ו ן ד ע ר פ א ר ה א ט ד י ר ג א ט ב א פ ו י ל ע ן צ ו ה א ל ט ע ן ש ב ת".

אין דעם געבאָט פון ד ב ר י ם ווערט גאָרנישט דערמאָנט וועגען מעשה בראשית, און דער געבאָט פון ש מ ו ת דערמאָנט קיין זאַך נישט וועגען יציאת מצרים.

אין דעם דאָזיגען ספר זיינען פאַראַן נאָך פיל זאַכען, וואָס ווערען אָנגעגעבען פאַר תורת משה, און געפינען זיך גאָרנישט אין די אַנדערע ספרים; צו דעם געהערט דער אוממענשליכער און ווילדער געזעץ (קאַפּ. 21, פסוקים 21—18), וואָס הייסט די עלטערען פון אַ שלעכטען זון, פון אַ בן סורר ומורה, אַרויספירען דעם לעצטען פאַר די מענשען פון שטאָט און איהם לאָזען פאַרשטיינען אויף טויט.

אָבער די פּריסטער האָבען שטענדיג ליב געהאַט צו רעדען אין זייערע דרשות וועגען דעם ספר ד ב ר י ם, ווייל אין אַט־דעם ספר ווערט גערעדט וועגען מעשר פאַר די פּריסטער (פאַר די כהנים און לויים); און פון אַט־דעם ספר האָבען זיי עס אַרויסגענומען די פראַזע, וואָס זיי האָבען אָנגעווענדט צו מעשר־געבען: „פאַרשליס נישט דעם אָקס דעם מויל, בעת ער דרעשט" — („לא תחסם שור בדישו")*) און כדי אַט־די פראַזע זאָל נישט פאַרבלייבען אומ־

*) דער דאָזיגער פסוק ווערט אין דעם נייעם טעסטאַמענט צוויי מאָל ציטירט און אויסגעטייטשט אין דעם זין, וואָס טאָמאַס פעין דערמאָנט: דער אָקס ארבעט, פאַרדינט ער דעריבער, אַז מען זאָל איהם לאָזען פריי זיין מויל צו עסען פון דער געטריידע, וואָס ער דרעשט. אַזוי אויך די פּריסטער: „ווייסט איהר דען נית — ווענדט זיך אַפּאָסטעל פּולוס צו די קאָרינטער — אַז די, וואָס דינען ביי הייליגען זאַכען, עסען פון דעם בית המקדש, און די, וואָס דינען ביי דעם מזבח, האָבען אַ טייל פון דעם מזבח?" (קאָרינטער א, קאַפּ. 9, פסוק 13).

באַמערקט, האָבען זיי זי אוועקגעשטעלט אין דעם אינהאַלט־פאַר־צייכעניש, ביים אָנהויב פון דעם קאַפּיטעל, כאָטש דאָס איז נישט מער, ווי איין קורצער פסוק. אַ, פּריסטער, פּריסטער! עס אַרט אייך נישט צו ווערען פאַרגליכען אפילו צו אַן אָקס, אָבי נאָר צו קריגען אייער חלק. כאָטש עס איז פאַר אונז אוממעגליך צו ווי־סען גענוי, ווער עס איז געווען דער שרייבער פון ד ב ר י ם, איז אָבער נישט שווער אויסצוגעפינען, וואָס ער איז געווען, לויט זיין פּראָפעסיע—דאָס איז געווען אַ אידישער פּריסטער, וואָס האָט גע־לעבט, ווי איך וועל דאָס ווייזען אין לויף פון דעם דאָזיגען ווערק, װעניגסטענס מיט דריי הונדערט און פופציג יאָהר נאָך משה'ס צייט.

איך וועל איצט איבערגיין צו די היסטאָרישע און כראָנאָלאָ־גישע באַווייזען. די כראָנאָלאָגיע, וואָס איך וועל זיך מיט איהר דאָ באַנוצען, איז די כראָנאָלאָגיע פון דער ביבעל, ווייל איך וויל נישט נעמען קיין באַווייזען פון ערגיץ אַנדערש אויסער דער בי־בעל, נאָר לאָזען די ביבעל אַליין באַווייזען, סיי היסטאָריש און סיי כראָנאָלאָגיש, אַז משה איז נישט געווען דער פאַרפאַסער פון די ביכער, וואָס ווערען איהם צוגעשריבען.

פאַר די לעזער, וואָס ווייסען דאָס נישט, וועל איך דאָ באַ־מערקען, אַז אין די גרעסערע ביבעלס און אויך אין איינִיגע קלע־נערע געפינען זיך אויפ'ן ראַנד פון די בלעטער כראָנאָלאָגישע דאַ־טעס, וואָס ווייזען די צייט פאַר קריסטוסען, ווען עס זיינען, אָדער מען רעכענט, אַז עס זיינען פאָרגעקומען, די היסטאָרישע געשע־הענישען, וואָס װעגען זיי דערציילט די ביבעל, און ממילא ווייזען שוין אָט־די דאַטעס די צייט צווישען איין היסטאָרישער געשע־העניש און דער צווייטער.

איך וועל אָנהויבען מיט'ן ספר ב ר א ש י ת. אין דעם 14־טען קאַפּיטעל פון אָט־דעם ספר דערציילט דער שרייבער וועגען אַ שלאַכט פון פיר קיניגען קעגען פינף, וואו לוט איז גענומען און

דאָס צווייטע מאָל ווערט אָט־דער פסוק געבראַכט פאַר דעמזעלביגען צוועק אין טימאָטעאוס, א, קאַפּ. 5, פסוק 18. — איבערזעצער.

אַוועקגעפירט געוואָרען אין געפאַנגענשאַפט; און ווען דאָס איז דערגאַנגען צו אברהמ'ן, האָט ער באַוואָפענט אַלע זיינע מענשען און האָט זיך אַוועקגעלאָזט באַפרייען לוט'ן פון זיינע פאַנגער און נאָכגעיאָגט זיי ביז דן (וירדוף עד דן, בראשית, 31, 31).

כדי צו ווייזען, ווי אַזוי דער אויסדרוק „נאָכיאָגען ביז דן“ ווערט אין דעם פאַל באַנוצט, וועל איך דאָ ברייגנען אַ ביישפּיל: די שטאָט אין אַמעריקע, וואָס ווערט איצט אָנגערופען ניו־יאָרק, האָט לכתחילה געהייסען ניו־אַמסטערדאַם, און די שטאָט אין פראַנקרייך, וואָס ווערט פון נישט לאַנג אָנגערופען האַוור מאַרא, האָט פריהער געהייסען האַוור דע גראַס. דער נאָמען ניו־אַמסטערדאַם איז פאַרביטען געוואָרען אויף ניו־יאָרק אין יאָהר 1664; האַוור דע גראַס איז פאַרביטען געוואָרען אויף האַוור מאַרא אין 1793. וואָלט מען געפונען עפּיס אַ שריפט, הגם נישט דאַטירט, אין וועלכער עס וואָלט דערמאָנט געוואָרען דער נאָמען ניו־יאָרק, וואָלט עס געדינט פאַר אַ זיכערען באַווייז, אַז אַט־די שריפט האָט נישט געקאָנט אָנגעשריבען ווערען פאַר דעם, ווי ניו־אַמסטערדאַם איז פאַרביטען געוואָרען אויף ניו־יאָרק, ד. ה. נישט פריהער פון דעם יאָהר 1664, און אַז זי האָט אומבאַדינגט געמוזט אָנגעשריבען ווערען שפּעטער, אָדער ווענינגסטענס אין פאַרלויף פון אַט־דעם יאָהר. פּונקט אַזוי וואָלט יעדע נישט־דאַטירטע שריפט, וואָס וואָלט געהאָט אין זיך דעם נאָמען האַוור מאַרא, געווען אַ זיכערער באַווייז, אַז זי האָט געמוזט אָנגעשריבען ווערען ערשט נאָכדעם, ווי פון האַוור דע גראַס איז געוואָרען האַוור מאַרא, ד. ה. נישט פריהער פון דעם יאָהר 1793, אָדער ווענינגסטענס אין פאַרלויף פון אַט־דעם יאָהר.

איך וועל איצט ווייזען, אַז אַזאַ פּלאַץ, ווי ד ן, איז גאָרנישט געווען בנמצא ביז פיל יאָהר נאָך משה'ס טויט און אַז ממילא האָט משה נישט געקאָנט זיין דער שרייבער פון דעם ספר ב ר א ש י ת, וואו עס ווערט דערציילט וועגען נאָכיאָגען לוט'ס פאַנגער ביז ד ן. דער פּלאַץ, וואָס ווערט אין דער ביבעל אָנגערופען דן, איז פריהער געווען אַ נישט־אידישע שטאָט מיט'ן נאָמען ליש; און ווען דער שבט דן האָט פאַרכאַפּט די דאָזיגע שטאָט,

האָט ער זי אַ נאָמען געגעבען דן, נאָכ'ן נאָמען דן, דעם פאָטער פון אַט־דעם שבט און אברהמ'ס אוראייניקעל.

כדי צו מאַכען דאָס קלאָר, מוזען מיר איבערגיין פון בראשית צום 18־טען קאַפּיטעל פון ספר שופטים. עס ווערט דאָרט געזאָגט (פסוק 27), אַז זיי (די בני־דן) זיינען געקומען קיין ליש, צו אַ פאָלק, וואָס איז געווען רוהיג און זיכער, און זיי האָבען זיי דערשלאָגען מיט דער שאַרף פון שווערד (די ביבעל איז פול מיט מאָרדען) און פאַרברענט די שטאָט; און זיי האָבען אויפגעבויט די שטאָט (פסוק 28), און האָבען זיך באַזעצט אין איהר. און זיי האָבען גערופען די שטאָט מיט'ן נאָמען דן, נאָכ'ן נאָמען דן, זייער פאָטער, אָבער פריהער איז דער נאָמען פון דער שטאָט געווען ליש.

די דערציילונג וועגען דעם, ווי די בני־דן האָבען פאַרנומען די שטאָט ליש און געביטען איהר נאָמען אויף דן, פאָלגט אין ספר שופטים גלייך נאָך דער דערציילונג וועגען שמשונ'ס טויט. דאָס לעצטע, זאָגט מען, האָט געטראָפען מיט 1120 יאָהר פאַר קריסטוס'ן; משה איז געשטאָרבען מיט 1451 יאָהר פאַר קריסטוס'ן; און דעריבער, ווי דאָס ווייזט דער היסטאָרישער גאַנג פון די געשעהענישען, האָט מען דעם פּלאַץ אָנגעהייבען רופען דן ערשט מיט 331 יאָהר נאָך משה'ס טויט.

אַ מערקווירדיגער פּלאָנטער הערשט אין דער היסטאָרישער און כראָנאָלאָגישער איינאָרדענונג פון דעם ספר שופטים. די פינף לעצטע קאַפּיטלען, לויט דעם ווי זיי שטייען אין בוך, די קאַפּיטלען 17, 18, 19, 20 און 21, זיינען כראָנאָלאָגיש איינגעשטעלט פאַר אַלע פריהערדיגע קאַפּיטלען; זייער כראָנאָלאָגישע דאַטע איז מיט 23 יאָהר פריהער פון דעם 16־טען קאַפּיטעל, מיט 226 יאָהר פריהער פון דעם 15־טען, מיט 245 יאָהר פריהער פון דעם 13־טען, מיט 195 יאָהר פריהער פון דעם 9־טען, מיט 90 יאָהר פריהער פון דעם 4־טען און מיט 15 יאָהר פריהער פון דעם ערשטען קאַפּיטעל.

דאס אלץ ווייזט דעם נישט־זיכערען און פאבעלהאפטען צו־שטאנד פון דער ביבעל.

לויט דער כראנאלאגישער איינארדענונג, איז דאס נעמען די שטאט ליש און דאס געבען איהר דעם נאמען דן פארגעקומען מיט 20 יאר נאכ'ן טויט פון יהושע, משה'ס נאכפאלגער; און לויט דעם היסטארישען גאנג פון די געשעהענישען, ווי דאס ווערט געגעבען אין דעם בוך, איז עס פארגעקומען מיט 306 יאהר נאכ'ן טויט פון יהושע און מיט 331 יאהר נאך משה'ס טויט; אבער משה האט סיי־ווי־סיי נישט געקאנט זיין דער מחבר פון בראשית, ווייל איןביידע פאלען האט אין זיין צייט נישט עקזיסטירט אזא פלאץ, ווי די שטאט דן; און מחמת דעם האט דער מחבר פון בראשית געמוזט זיין אזא איינער, וואס האט געלעבט נאך דעם, ווי די שטאט ליש האט באקומען דעם נאמען דן; אבער קיינער ווייס נישט, ווער דער מחבר איז געווען, און דאס הייסט, אז דער ספר בראשית איז אנאנים און אן יעדער אויטאריטעט.

איך וועל איצט ברייגנען נאך איין ראיה, ארויסגענומען פון דעם היסטאריש־כראנאלאגישען טייל פון דער ביבעל, וואס וועט אזוי, ווי אין דעם פריהערדיגען פאל, ווייזען, אז משה איז נישט געווען דער פארפאסער פון דעם ספר בראשית.

אין דעם 36־טען קאפיטעל פון בראשית ווערט געגעבען א גענעאלאגיע פון עשו'ס זין און נאכקומער, וואס ווערען אנגערו־פען בני־אדם, און אויך א רשימה פון די קיניגען פון אדום; אין אנהויב פון אט־דער רשימה ווערט געזאגט אזוי (פסוק 31): „און דאס זיינען די קיניגען, וואס האבען געקיניגט אין דעם לאנד אדום, איידער נאך א קיניג האט געקיניגט ביי די קינ־דער פון ישראל.

ווען איך וואלט געפונען נישט־דאטירטע שריפטען, אין וועל־כע דער שרייבער, רעדענדיג וועגען פאראגאנגענע געשעהענישען, וואלט, א שטייגער, געזאגט אזוי: אט־די זאכען האבען געטראפען, איידער עס איז נאך געווען א קאנגרעס אין אמעריקע, אדער איי־דער עס איז נאך געווען א קאנווענציע אין פראנקרייך, — וואלט

דאס געווען א קלארער באווייז, אז אט־די שריפטען האבען נישט געקאנט געשריבען ווערען פאר דעם, ווי עס איז געווען א קאנגרעס אין אמעריקע, אדער א קאנווענציע אין פראנקרייך, און אז ממילא האבען זיי נישט געקאנט געשריבען ווערען פון א פערזאן, וואס איז געשטארבען פאר דעם, ווי עס איז געווען א קאנגרעס אין דעם ערשטען לאנד און א קאנוועאציע אין דעם צווייטען.

עס איז א גאנץ געוויינטליכע זאך אין שריפט און אין גע־שפרעך צו באציהען זיך אויף א פאקט, אנשטאט א דאטע; עס איז העכסט־נאטירליך צו טון אזוי, ערשטענס, ווייל א פאקט געדענקט זיך בעסער, ווי א דאטע, און, צווייטענס, דערפאר, ווייל דער פאקט שליסט אין זיך איין די דאטע און רופט ארוים צוויי פארשטעלונגען מיט אמאל; אין אזא פארם פון אויסדרוק ווערט אלע מאל פאר־שטאנען, ווי א זיכערע זאך, אז דער פאקט, אויף וועלכען עס ווערט אנגעטייט, איז א ז א ך פ ו ן ד ע ר פ א ר ג א נ ג ע נ ־ ה י י ט. ווען איינער דערציילט עפיס און זאגט דערביי אזוי: „דאס איז פארגעקומען, איידער איך האב געהייראט, אדער איידער מיין זון איז געבוירען געווארען, אדער איידער איך בין געפארען קיין אמעריקע, אדער איידער איך בין געפארען קיין פראנקרייך." — ווערט אבסאלוט פארשטאנען (און דאס איז דער דערציילער טאקע אויסען), אז ער האט שוין געהאט געהייראט, אז ער האט שוין געהאט א זון, אז ער איז געווען אין אמעריקע, אדער אין פראנק־רייך. די שפראך דערלאזט נישט צו נוצען די דאזיגע אויסדרוקס־פארם אין וואסער־עס־איז אנדער זין; און וואו מען זאל אזא אויס־דרוק נישט געפינען, קאן ער פארשטאנען ווערען נאר אין אט־דעם איינציגען זין.

דער פסוק, וואס איך האב דא פריהער ציטירט — „און דאס זיינען די קיניגען, וואס האבען געקיניגט אין דעם לאנד אדום, איידער נאך א קיניג האט געקיניגט ביי די קינדער פון ישראל" — אט דער פסוק האט געקאנט אנגעשריבען ווערען ערשט נאכדעם, ווי דער ערשטער קיניג האט אנגעהויבען קיניגען איבער די קינדער פון ישראל; און דעריבער האט דער ספר ב ר א ש י ת, וואס משה איז זיכער נישט געווען זיין פארפאסער, געמוזט אנגעשריבען

ווערען וועניגסטענס נישט פריהער פון שמואל'ס צייטען. דאס איז דער פאזיטיווער זין פון דעם דאזיגען פסוק; אבער אונטער'ן אויסדרוק „א" ק י נ י ג דארף פארשטאנען ווערען, אז דער שרייבער פון אט־דעם פסוק האט שוין געוואוסט מער, ווי פון איין קיניג, יעדענפאלס פון צוויי. און דאס פירט דעם אויסדרוק צו דער צייט פון דוד המלך; און אויב מיר ווילען איהם נאך נעמען אין אן אלגעמיינעם זין, קאן ער גילטען פאר דער גאנצער צייט פון דער אידישער מאנארכיע.

וואלטען מיר דעם דאזיגען פסוק געטראפען ערגיץ אין אן אנדער פלאץ פון דער ביבעל, אין אזא פלאץ, וואס וואלט נישט איבערגעלאזט קיין שום ספק, אז ער איז געשריבען געווארען ערשט נאכדעם, ווי מלכים האבען אנגעהויבען קיניגען אין ישראל, וואלט געווען אוממעגליך נישט צו זעהן, וואוהין אט־דער פסוק געהערט. און דאס קומט גראד פאר אין דעם דאזיגען פאל: די צוויי ביכער „דברי הימים," וואס גיבען אונז די געשיכטע פון אלע קיניגען פון ישראל, זיינען פאקטיש געשריבען געווארען נאכדעם, ווי עס האט זיך אנגעהויבען די אידישע מאנארכיע; און דער פסוק, וואס איך האב אויבען ציטירט, ווי אויך די אלע איבעריגע פסוקים פון דעם 63־טען קאפיטעל פון ב ר א ש י ת, געפינען זיך ווארט אין ווארט אין דעם ערשטען קאפיטעל פון ד ב ר י ה י מ י ם, אנגעהויבענדיג פון פסוק 43.

און ווען דער שרייבער פון „דברי הימים" זאגט אין דברי הימים א, קאפ. 1, פסוק 43: ד א ס ז י י נ ע ן ד י ק י נ י ג ע ן, ו ו א ס ה א ב ע ן ג ע ק י נ י ג ט א י ן ד ע ם ל א נ ד א ד ו ם, א י י ד ע ר נ א ך א ק י נ י ג ה א ט ג ע ק י נ י ג ט ב י י ד י ק י נ ד ע ר פ ו ן י ש ר א ל, איז עס גאנץ אויסגעהאלטען, ווייל באלד נאך דעם גיט ער אונז א רשימה פון די מלכים, וואס האבען געקיניגט אין ישראל; און אזוי ווי עס איז אוממעגליך, אז די זעלביגע פראזע זאל קאנען באנוצט ווערען אויך אין א פריהערדיגער צייט, איז עס דעריבער א זיכערע זאך, אז אט־דער טייל פון ב ר א ש י ת איז גענומען געווארען פון ד ב ר י ה י מ י ם און ממילא איז דער ספר ב ר א ש י ת

נישט אַזוי אַלט, ווי ד ב ר י ה י מ י ם, און וואַרשיינליך אויך נישט אַזוי אַלט, ווי האָמער'ס ווערק אָדער עזאָפּ'ס פּ אַ ב ל ע ן, אויב, נאַטירליך, מיר וועלען אָננעמען די כראָנאָלאָגישע דאַטעס, אַז האָמער איז געווען אַ צייט־חבר פון דוד'ן אָדער שלמה'ן און אַז עזאָפּ האָט געלעבטביים סוף פון מלכות ישראל.

נעמט אַוועק דעם גלויבען, אַז משה איז געווען דער פאַרפאַסער פון ספר ב ר א ש י ת, וואָס אויף דעם האַלט זיך דער מאָדנער גלויבען, אַז אַט־דער ספר איז ד אַ ס ו ואָ ר ט פ ו ן ג אָ ט, און עס וועט פאַרבלייבען נישט מער, ווי אַן אַנאָנים בוך פון מעשיות, פאַבלען, מינדליך איבערגעליפערטע אָדער אויסגעטראַכטע נאַרישקייטען, אָדער אָפענע ליגענס. די מעשה מיט חוה'ן און דער שלאַנג, אָדער מיט'ן נח און דער תיבה שטייט אויף דערזעלביגער הייך, וואָס די אַראַבישע מעשה'לעך, כאָטש נישט אַזוי פאַרכאַפּענדיג, ווי די לעצטע; און דאָס, וואָס עס ווערט דאָרט דערציילט, אַז מענשען האָבען געלעבט ביז אַכט און ניין הונדערט יאָהר איז פונקט אַזוי פאַבעלהאַפט, ווי די אומשטערבליכקייט פון די מיטאָלאָגישע ריזען.

אחוץ דעם איז משה'ס כאַראַקטער, ווי ער ווערט געשילדערט אין דער ביבעל, דער שרעקליכסטער, וואָס מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלען. אויב דאָס, וואָס עס ווערט וועגען איהם דערציילט, איז אמת, איז ער געווען דער אוממענש, וואָס האָט דער ערשטער אָנגעהויבען און אָנגעפירט מלחמות אונטער אַ רעליגיעזען אויסרייד, און איז אונטער אַט־דער מאַסקע באַגאַנגען אַזוינע שוידערליכע מעשים, וואָס האָבען קוים צו זיך אַ גלייכען אין דער געשיכטע פון וואַסער־עס־איז פאָלק; איך וועל דאָ ברייננען נאָר איין ביישפּיל.

ווען די אידישע אַרמיי האָט זיך אומגעקערט צוריק פון איינער פון איהרע רויב־און־מאָרד־עקספּעדיציעס, ווערט דערציילט אַזוי: (במדבר, קאַפּ. 31, פּסוק 13 און ווייטער) —

„און משה, און אלעזר הכהן, און אַלע פירשטען פון דער געמיינדע זיינען אַרויס זיי אַנטקעגען, אויסער'ן לאַגער; און משה האָט זיך דערצאָרענט אויף די אָנפירער פון דער אַרמיי, אויף די

הויפטלייט איבער טויזענטער און אויף די הויפטלייט איבער הונדערטער, וואס זיינען געקומען פון דער שלאכט; און משה האט זיי געזאגט: האט איהר געלאזט לעבען אלע פרויען? זעהט, זיי זיינען דאך געווען בלעמ׳ס מיטעל צו בריינגען די קינדער פון ישראל צו זינד קעגען גאט דורך פעור, און עס איז געווען א מגפה אין דער געמיינדע פון גאט. און דערפאר דערשלאגט יעדען זכר צווישען די קליינע קינדער און יעדע פרוי, וואס האט דערקענט דעם געלעגער פון א מאן; אבער אלע פרויען־קינדער, וואס האבען נישט דערקענט דעם געלעגער פון א מאן, לאזט לעבען פון אייערט וועגען.

צווישען די אפשייליכע פארברעכער, וואס האבען אין וואסער־עס־איז צייט פון דער מענשליכער געשיכטע געמאכט צו שאנד דעם נאמען מענש, איז אוממעגליך צו געפינען א גרעסערען פארברעכער פון משה׳ן, אויב נאר אט־די דערציילונג איז אמת׳דיג.

אט האט איהר זיין באפעל אויסצוהרג׳ענען די אינגלעך און די מוטערס, און צו שענדען די טעכטער. זאל יעדע מוטער זיך פארשטעלען אין דער לאגע פון יענע מוטערס: איין קינד — דערהרג׳עט, דאס אנדערע — איבערגעגעבען צו פארגוואלטיגונג, און זי אליין — אין די הענט פון א רוצח; זאל יעדע טאכטער זיך פארשטעלען אין דער לאגע פון יענע טעכטער, וואס ווערען איבערגעגעבען, ווי א רויב, צו די מערדער פון זייערע מוטערס און ברידער — און וואס פאר א געפילען וועט דאס ביי זיי ארויסרופען? אומזיסט אונזער פלייסען זיך צו באצווינגען די מענשליכע נאטור, דאס נאטירליכע געפיל וועט זיך אלע מאל דערוועקען, און די רעליגיע, וואס גרייפט פיינליך אן דאס געפיל פון מענשענליבע, איז א פאלשע רעליגיע.

נאך אט־דעם אפשייליכען באפעל פאלגט א באשרייבונג פון דעם רויב, וואס איז גענומען געווארען, און ווי אזוי ער איז צעטיילט געווארען; און די פריסטערליכע צביעות, וואס פארשוועכט יעדע הייליגקייט, פארגרעסערט נאך דא די צאל פון פארברעכענס.

פסוק 37 פון דעמזעלביגען קאפיטעל: „און דער אפצאל צו גאט פון די שעפסען איז געווען זעקס הונדערט פינף און זיבעציג; און די רינדער זיינען געווען זעקס און דרייסיג טויזענט, וואס פון זיי איז דער אפצאל צו גאט געווען צוויי און זיבעציג; און די אייזלען זיינען געווען דרייסיג טויזענט און פינף הונדערט, וואס פון זיי איז דער אפצאל צו גאט געווען איין און זעכציג; און די מענשליכע וועזענס זיינען געווען זעכצען טויזענט, וואס פון זיי איז דער אפצאל צו גאט געווען צוויי און דרייסיג".

מיט איין ווארט, דאס דאזיגע קאפיטעל, ווי אויך פיל אנדערע טיילען פון דער ביבעל, איז צו שרעקליך, אז א מענש מיט געפיל זאל נישט אויפשוידערען ביים לייענען: פון פסוק 35 פון דעמזעלביגען קאפיטעל איז צו זעהן, אז די פרויען־קינדער, וואס זיינען, אויף משה'ס באפעל, באשטימט געווארען געשענדט צו ווערען, האבען דערגרייכט די צאל פון צוויי און דרייסיג טויזענט.

מענשען ווייסען בכלל גארנישט, וויפיל שלעכטקייט עס איז פאראן אין דעם כלומר'שטיגען ווארט פון גאט. דערצויגען אין אבערגלויבענס, נעמען זיי אן אלץ, וואס עס געפינט זיך אין דער ביבעל, פאר אמת און גוט; זיי וואגען גארנישט צו צווייפלען אין דעם און פירען אריבער די השגות, וואס זיי שאפען זיך וועגען דעם גוטען ווילען פון דעם אלמעכטיגען, אויף דעם בוך, וואס איז געשריבען געווארען (אזוי האט מען זיי געלערנט צו גלויבען) דורך זיין געבאט. מיין גאט, עס איז דאך פונקט דער היפוך דערפון! עס איז א בוך פון ליגענס, בייזקייט און גאטלעסטערונג; ווייל קאן דען נאך זיין א גרעסערע גאטלעסטערונג, ווי צוצושרייבען די מענשליכע פארדארבענקייט צו די באפעלען פון דעם אלמעכטיגען?

אבער איך וועל זיך אומקערען צוריק צו מיין ענין — צו ווייזען, אז משה איז נישט געווען דער פארפאסער פון די ביכער, וואס ווערען איהם צוגעשריבען, און אז די ביבעל איז געפעלשט.

די צוויי ביישפילען, וואס איך האב געבראכט פריהער, וואלטען שוין געווען גענוג צו באווייזען קלאר די נישט־עכטקייט פון א בוך, וואס פרעטענדירט צו זיין אויף פיר אדער פינף הונדערט

יאהר עלטער פון די זאכען, וואס ווערען אין איהם באהאנדעלט, ווי פאקטען; ווייל אין דעם פאל פון אברהמ'ען, וואס האט זיי נאכגעיאגט ביז דן און פון די מלכים, וואס האבען געקיניגט איבער די קינדער פון ישראל, איז אויסגעשלאסען יעדע מעגליכקייט צו דערקלערען די זאך מיט נביאות. אט־די אויסדריקען זייפען אין דער פארגאנגענער צייט, און עס וואלט געווען עכטער אידיאטיזם גאר צו זאגען, אז א מענש קאן נביאות זאגען אין דער פארגאנגענער צייט.

עס זיינען אבער פאראן נאך פיל אנדערע שטעלען, צעווארפען איבער די דאזיגע ביכער, וואס פירען אונז צו אונזער ציל. אין שמות (וואס ווערט אגב אויך צוגעשריבען צו משה'ן) ווערט געזאגט אזוי (קאפ. 16, פסוק 35): „און די קינדער פון ישראל האבען געגעסען דעם מן פערציג יאהר, ביז וואנען זיי זיינען געקומען צו א באוואוינטען לאנד; זיי האבען געגעסען דעם מן, ביז וואנען זיי זיינען געקומען צו דער גרענעץ פון דעם לאנד כנען".

צי די קינדער פון ישראל האבען געגעסען מן, אדער נישט, און וואס עס איז אזוינס געווען אט־דער מן, צי איז ער געווען א מין שוועמעל, אדער עפּיס אן אנדער מין געוויקס, וואס מען האט געטראפען לרוב אין יענעם טייל פון לאנד, — דאס איז פאר מיר איצט נישט וויכטיג; וואס איך וויל דא ווייזען, איז, אז משה האט דאס נישט געקאנט אנשרייבען. לויט דער ביבעל (אבער אין אזא בור־פון ליגענס און ווידערשפּרוכען קאן מען נישט וויסען, וואס צו גלויבען, אדער צי מען זאל דא בכלל עפּיס גלויבען), — לויט די ביבעל דערציילט אונז, איז משה געשטארבען אין מדבר און איז קיינמאל נישט צוגעקומען צו די גרענעצען פון דעם לאנד כנען, און ממילא האט ער נישט געקאנט זאגען, וואס די קינדער פון ישראל האבען געטון, אדער וואס זיי האבען געגעסען, ווען זיי זיינען אנגעקומען אהין. די דאזיגע געשיכטע מיט'ן מן־עסען, וואס מען דערציילט אונז, אז משה האט זי אנגע־

שריבען, ציהט זיך ביז צו דער צייט פון יהושע, משה׳ס נאכפאלגער, ווי דאס איז צו זעהן פון דעם, וואס עס ווערט געזאגט אין ספר י ה ו ש ע נאכדעם, ווי די קינדער פון ישראל זיינען אריבער דעם ירדן און צוגעקומען צו דעם לאנד כנען. יהושע, קאפ. 5, פסוק 12: „א ו ן ד ע ר מ ן ה א ט א ו י פ ג ע ה ע ר ט א ו י פ׳ ן א נ ד ע ר ע ן ט א ג, ו ו י ז י י ה א ב ע ן ג ע ג ע ס ע ן פ ו ן ד ע ר ג ע ט ר יי ד ע פ ו ן ל א נ ד; א ו ן ד י ק י נ ד ע ר פ ו ן י ש ר א ל ה א ב ע ן מ ע ר ק יי ן מ ן נ י ש ט ג ע ה א ט, א ו ן ה א ב ע ן י ע־ נ ע ם י א ה ר ג ע ג ע ס ע ן פ ו ן ד י פ ר ו כ ט פ ו ן ד ע ם ל א נ ד כ נ ע ן“.

איך וועל דא ברענגען נאך א ביישפיל, גענומען פון דעם ספר ד ב ר י ם, א ביישפיל, וואס איז נאך מערקווירדיגער פון דעם פריהערדיגען און ווייזט נישט נאר, אז משה האט נישט געקאנט זיין דער שרייבער פון אט־דעם בוך, נאר אויך די פאבעלהאפטע פארשטעלונגען, וואס די מענשען האבען דעמאלט געהאט וועגען ריזען. אין דעם 3־טען קאפיטעל פון ד ב ר י ם ווערט, צווישען אנדערע נצחונות, וואס משה האט אפגעהאלטען, אויך דערציילט וועגען זיין זיג איבער עוג מלך הבשן (פסוק 11): „ווייל עוג מלך הבשן איז געווען דער איינציגער, וואס איז פארבליבען פון די ריזען־מענשען (רפאים); זיין בעט איז געווען א בעט פון אייזען; געפינט זי זיך נישט אין רבה פון די קינדער פון עמון? ניין איי־לען איז געווען איהר לענג און פיר איילען איהר ברייט, נאך דער אייל פון א מענשען“. אז אייל איז 1 פוס און 9.888 צאלען; דאס הייסט, אז די לענג פון דער בעט איז געווען אן ערך 16 פוס און 4 צאלען, און די ברייט — 7 פוס און 4 צאלען. דאס איז אלץ, וואס מיר קאנען זאגען מכח דער בעט. און וואס אנבאלאנגט דעם היסטארישען טייל פון אט־דער שטעל, קאן ער, אמת, נישט דינען פאר א״א דירעקטען און פאזיטיווען באווייז, ווי די שטע־לען, וואס מיר האבען זיך באנוצט מיט זיי פריהער, אבער דאך קאן מען איהם אננעמען פאר א גאנץ גוטען באווייז, וואס איז

אפילו בעסער פון דעם ב ע ס ט ע ן באוויז פון דעם צווייטען צד.

כדי צו באווייזען, אז דער דאזיגער ריז האט באמת עקזיס־טירט, ווייזט דער שרייבער און אויף זיין בעט, ווי אויף א פ א ר־צ י י ט י ג ע ר ר ע ל י ק ו י ע, און זאגט: געפינט זי זיך נישט אין רבה פון די קינדער פון עמון? — דורך אט־דער פראגע ווערט די זאך באשטעטיגט, ווייל דאס איז דער מעטאד צו באשטעטיגען זאכען, וואס מען טרעפט איהם גאנץ אפט אין דער ביבעל.

אבער משה האט דאס נישט געקאנט זאגען, ווייל ער האט גארנישט געקאנט וויסען וועגען רבה און אויך נישט וועגען דעם, וואס עס האט זיך דארט געפונען. רבה איז נישט געווען קיין שטאט, וואס האט געהערט צו עוג מלך הבשן, און אויך נישט איי־נע פון די שטעט, וואס משה האט איינגענומען. אז די דאזיגע בעט האט זיך געפונען אין רבה, ווי אויך די פרטים פון איהר גרייס, האט מען געקאנט אויסגעפינען ערשט נאכדעם, ווי רבה איז איינגע־נומען געווארען, און דאס איז פארגעקומען נישט פריהער, ווי מיט א פיר הונדערט יאהר נאך משה'ס טויט; זעה צוליב דעם שמואל ב, קאפיטעל 12, פסוק 23: „און יואב (דוד'ס גענעראל) האט גע־שטריטען קעגען ר ב ה פ ו ן ד י ק י נ ד ע ר פ ו ן ע מ ו ן און האט איינגענומען די קעניגליכע שטאט".

אזוי ווי איך בין דא נישט אויסען אנצואווייזען אויף אלע ווידערשפרוכען אין צייט, פלאץ און אומשטענדען, וואס די אזוי־גערופענע ת ו ר ת מ ש ה איז מיט זיי פול, און וואס ווייזען אויפ'ן קלארסטען אופן, אז אט־די ביכער האבען נישט געקאנט געשריבען ווערען פון משה'ן און אויך נישט אין משה'ס צייט, וועל איך איצט איבערגיין צום ספר י ה ו ש ע און ווייזען, אז יהושע איז נישט געווען דער פארפאסער פון אט־דעם ספר, אז דאס איז אן אנאנימער ספר און האט נישט קיין שום אויטאריטעט. די בא־ווייזען, וואס איך וועל ברענגען, געפינען זיך אין דעם ספר גופא; איך וועל נישט נעמען קיין באווייזען קעגען דער כלומר'שטיגער עכטקייט פון דער ביבעל פון ערגעץ אנדערש, אויסער פון דער

ביבעל אליין. פאַלש עדות־זאָגען טראָגט שטענדיג אין זיך באַ־ווייזען קעגען זיך אַליין.

יהושע איז, לויט דעם ערשטען קאַפּיטעל פון דעם ספר י ה ו ש ע, געוועזן משה'ס אוממיטעלבארער נאָכפאָלגער; ער איז געווען אַ קריגסמאַן, וואָס משה איז דאָס נישט געווען, און האָט אָנגעהאַלטען די פירערשאַפט איבער'ן פאָלק ישראל אין פאַרלויף פון 25 יאָהר, ד. ה. פון דער צייט, וואָס משה איז געשטאָרבען, וואָס דאָס איז, לויט דער ביבלישער כראָנאָלאָגיע, געווען מיט 1451 יאָהר פאַר קריסטוס'ן, ביז'ן יאָהר 1426 פאַר קריסטוס'ן, ווען יהושע איז, לויט דער זעלביגער כראָנאָלאָגיע, געשטאָרבען. אויב מיר וועלען דעריבער געפינען אין אָט־דעם בוך, וואָס ווערט צוגעשריבען צו יהושע'ן, אַן אָנווייזונג אויף פ א ק ט ע ן, וואָס זיינען פ א ר ג ע ק ו מ ע ן נאָך יהושע'ס טויט, וועט עס זיין אַ באַווייז, אַז יהושע האָט נישט געקאָנט זיין דער פאַרפאַסער און אַז דאָס בוך האָט נישט געקאָנט אָנגעשריבען ווערען פריהער פון דעם לעצטען פאַקט, וואָס ווערט אין איהם פאַרצייכענט. וואָס אָנבאַלאַנגט דעם כאַראַקטער פון דעם בוך, איז עס שרעקליך; עס איז אַ קריגס־געשיכטע פון רויבעריי און מאָרד, וואָס זיינען פונקט אַזוי ברוטאַל און ווילד, ווי די, וואָס ווערען צוגעשריבען צו משה'ן, זיין פאָרגייער אין געמיינהייט און צביעות; און פונקט ווי די פריהערדיגע ביכער, שרייבען זיי אויף אַ גאָטלעסטערענדיגען אופן צו די דאָזיגע מעשים צו די באַפעלען פון דעם אַלמעכטיגען.

דער ספר י ה ו ש ע, ווי די פריהערדיגע ספרים, איז אויך געשריבען בלשון נסתר; דאָס רעדט אַזוי יהושע'ס היסטאָריקער, ווייל עס וואָלט געווען אַן אַבסורד און אַ נאַרישע באַרימעריי, ווען יהושע אַליין וואָלט געזאָגט וועגען זיך, ווי עס ווערט וועגען איהם געזאָגט אין דעם לעצטען פסוק פון דעם זעקסטען קאַפּיטעל: „ו י ה י ש מ ע ו ב כ ל ה א ר ץ".

איך וועל איצט גלייך צוטרעטען צו דעם באַווייז. אין דעם 24־טען קאַפּיטעל, פסוק 31, ווערט געזאָגט אַזוי: „און ישראל האָט געדינט גאָט אַלע טעג פון יהושע און א ל ע ט ע ג פ ו ן ד י ע ל ט ס ט ע, ו ו א ס ה א ב ע ן א י ב ע ר ג ע ל ע ב ט

י ה ו ש ע ׳ ן (האריכו ימים אחרי יהושע)". איצט זאגט אליין, האט יהושע געקאנט דערציילען, וואס דאס פאלק האט געטון נאכדעם, ווי ער איז שוין געווען טויט? דאס האט געמוזט גע־שריבען ווערען פון א היסטאריקער, וואס האט געלעבט נישט נאר נאך יהושע׳ן, נאר אויך נאך די עלטסטע, וואס האבען אויף לאנג איבערגעלעבט יהושע׳ן.

איבער דעם בוך י ה ו ש ע זיינען צעווארפען נאך אנדערע שטעלען, וואס ווייזען, הגם אויף אן אלגעמיינעם אופן און נישט אזוי גענוי, ווי די אויבען־ציטירטע שטעל, אז דאס בוך איז גע־שריבען געווארען שפעטער פון יהושע׳ס צייטען. אין דער פרי־הערדיגער שטעל ווערט די צייט צווישען יהושע׳ס טויט און דעם טויט פון די עלטסטע אנגעצייכענט אזוי קלאר, אז עס לאזט גאר נישט איבער קיין צווייפעל אין דעם, אז דאס בוך האט נישט גע־קאנט אנגעשריבען ווערען פריהער, ווי נאך דעם טויט פון די עלטסטע.

אבער כאטש די שטעלען, וואס איך וועל דא באלד ברייני־גען, צייכענען נישט אן קיין באשטימטע צייט, קאן מען פונ־דעסטוועגען קלאר איינזעהן, אז מען דארף אונטער זיי פארשטיין א פיל לענגערע צייט פון די טעג פון יהושע, ווי די צייט צווישען יהושע׳ס טויט און דעם טויט פון די עלטסטע. אזא איז, א שטיי־גער, די שטעל, וואס פאלגט נאך דער מעשה וועגען דעם, ווי די זון איז, אויף יהושע׳ס באפעל, געבליבען שטיין איבער גבעון און די לבנה — אין דעם טאל אילון (א מעשה, וואס פאסט זיך פאר קינדער), און לייענט זיך אזוי (קאפיטעל 10, פסוק 14): „און עס איז מער נישט געווען אזא טאג, ווי דער, נישט פאר איהם און נישט נאך איהם, אז גאט זאל געהארכען דעם קול פון א מענשען".

די דאזיגע מעשה מיט דער זון און דער לבנה איז איינע פון יענע פאבלען, וואס גיבען זיך אליין אוים. אזא זאך וואלט נישט געקאנט געשעהן, אז זי זאל נישט באוואוסט זיין איבער דער גאנצער וועלט. איין העלפט פון דער וועלט וואלט זיך געחידוש׳ט, ווארום די זון איז נישט אויפגעגאנגען, און די צווייטע — ווארום זי איז נישט פארגאנגען; אזא געשעהעניש וואלט דורך מינדלי־

כער איבערליפערונג באוואוסט געווען איבער גאָר דער וועלט, בעת אין דער אמת'ן איז גאָר נישטאָ קיין פאַלק, וואָס זאָל פון דעם וויסען. אָבער צוליב וואָס האָט די לבנה געמוזט בלייבען שטיין? אויף וואָס האָט געקאָנט אין מיטען בייטאָג טויגען איהר ליכט, און דערצו נאָך, ווען די זון האָט געשיינט? ווי אַ פּאָעטישע פיגור, איז די פּראָזע אַ גאַנץ פיינע; זי איז ענליך צו דער פיגור, וואָס געפינט זיך אין שירת דבורה וברק: „די שטערען האָבען פון זייערע וועגען מלחמה געהאַלטען מיט סיסראַ'ן" (הכוכבים ממסלותם נלחמו עם סיסרא); עס איז אָבער שוואַכער פון דעם פיגוראַטיווען ענטפּער, וואָס מחמד האָט געגעבען די מענשען, וואָס זיינען געקומען איהם אויסרעדען פאַר זיין אויפפירונג: „וואָלסטו, — האָט ער געזאָגט, — געקומען צו מיר מיט דער זון אין דיין רעכטער האַנט און מיט דער לבנה — אין דיין לינקער, וואָלט דאָס אויך נישט געענדערט מיין וועג". כדי ידושע זאָל איבערשטייגען מחמד'ן, וואָלט ער באַדאַרפט אריינלייגען די זון אין איין קעשענע און די לבנה — אין דער צווייטער, און זיי איבערטראָגען, וואוהין ער האָט נאָר אליין געוואָלט, צו לאָזען זיי דאָרט שיינען.

דאָס דערהויבענע און דאָס לעכערליכע געפינען זיך אָפטמאָל אין אזא נאָהענטער שייכות איינס צום אנדערען, אז עס איז שווער זיי פאַנאַנדערצושיידען. די מעשה מיט דער זון און דער לבנה, אפּגעזעהן פון איהר פּאָעטישקייט, ווייזט נאָך יהושע'ס אומוויסענקייט, ווייל ער וואָלט דאַך גאָר באַדאַרפט הייסען דער ערד בלייבען שטיין.

כדי די פריהער־געבראַכטע שטעל זאָל האָבען די שטאַרקייט פון אויסדרוק, מוז מען אונטער די ווערטער נאָך דעם דאָזיגען טאָג, וואָס זיינען דאָרט אוועקגעשטעלט, ווי אַ פאַרגלייך צו דער צייט, וואָס איז פאַריבער פאַר דעם טאָג, פאַרשטיין אַ זעהר לאַנגע צייט; עס וואָלט געווען לעכערליך צו זאָגען דאָס, אַ שטייגער, אויפ'ן צווייטען טאָג,

אַדער אויף דער צווייטער וואָך, אַדער אין דעם אַנדערען חודש, אַדער אין דעם אַנדערען יאָר; און דערפאַר, כדי אַז־די שטעל זאָל האָבען די באַטייטונג, וואָס דאַרף איהר געגעבען ווערען, ווען פאַר־גליכען מיט דעם וואונדער, וואָס ווערט אין איהר דערציילט, און מיט דער צייט פאַר דעם דאָזיגען וואונדער, מוז מען אונטער דעם אויסדרוק נ א ך ד ע ם ד אָ ז י ג ע ן ט אָ ג פארשטיין גאַנצע הונדערטער יאָרען.

אַ לאַנגע צייט ווערט אויך אויסגעדריקט, הגם נאָר אויף אַן אַל־געמיינעם אופן, אין דעם 8־טען קאַפּיטעל; נאָך דער דערציילונג וועגען דעם איינגעמען די שטאָט ע י ווערט דאָרט געזאָגט אַזוי (פּסוק 28): „און יהושע האָט פאַרברענט די שטאָט ע י און האָט זי געמאַכט צו אַ וויסטען הויפען אויף אייביג, ב י ז צ ו ם ה י י נ ט י ג ע ן ט אָ ג". דער צווייטער פּסוק דערציילט וועגען דעם קיניג פון ע י, וואָס יהושע האָט איהם אויפגעהאַנגען און באַ־גראָבען ביים אַריינגאַנג פון שטאָט־טויער, און ענדיגט זיך אַזוי: „און מען האָט אויפגעשטעלט איבער איהם אַ גרויסען הויפען שטיי־נער, (וואָס איז פאַראַן דאָרט) ב י ז צ ו ם ה י י נ ט י ג ע ן ט אָ ג", ד. ה. ביז דעם טאָג אָדער ביז דער צייט, ווען דער פאַר־פאַסער פון דעם ספר י ה ו ש ע האָט געלעבט. און ווייטער, אין דעם 10־טען קאַפּיטעל, וואו עס דערציילט זיך וועגען די פינף קי־ניגען, וואָס יהושע האָט זיי אויפגעהאַנגען אויף פינף ביימער און דערנאָכדעם אַריינגעוואָרפען א ן אַ הייל, ווערט געזאָגט: „און מען האָט אַרויפגעלייגט גרויסע שטיינער אויף דער עפענונג פון הייל, (וואָס זיינען דאָרט פאַראַן) ביז צום היינטיגען טאָג" (פּסוק 27).

אין דעם 15־טען קאַפּיטעל, וואו עס ווערען אויסגערעכענט די אויפטוען פון יהושע און פון די שבטים, און די פּלעצער, וואָס זיי האָבען איינגענומען, אָדער זיינען באַפאַלען, ווערט געזאָגט (פּסוק 63): „און די יבוסים, די באַוואוינער פון ירושלים, האָבען די קינ־דער פון יהודה ניט געקאָנט פאַרטרייבען; און די יבוסים זיינען פאַרבליבען מיט די קינדער פון יהודה א י ן י ר ו ש ל י ם ב י ז צ ו ם ה י י נ ט י ג ע ן ט אָ ג". עס שטעלט זיך דאָ די פראַגע: ווען האָבען די בני־יהודה און די יבוסים געוואוינט צוזאַמען אין

ירושלים? אזוי ווי מיר טרעפען זיך ווידער מיט'ן זעלביגען עניו אין דעם 1־טען קאַפּיטעל פון ש ו פ ט י ם, וועל איך אָפּוואַרטען מיט מיינע באַמערקונגען, ביז וואַנען איך וועל צוקומען צו אָט־דעם טייל פון דער ביבעל.

געוויזען אויף אַזאַ אופן דורך דעם ספר י ה ו ש ע גופא, אַז יהושע איז ניט געווען זיין פאַרפאַסער, אַז עס איז אַן אַנאָנימער ספר און ממילא האָט ער ניט קיין שום אויטאָריטעט, וועל איך איצט איבערגיין צו דעם ספר ש ו פ ט י ם.

דער ספר ש ו פ ט י ם איז אַנאָנים אויפ'ן ערשטען בליק און ממילא קאָן מען גאָר אפילו ניט האָבען די פּרעטענציע צו רופען איהם ד אָ ס ו ו אָ ר ט פ ו ן ג אָ ט; דער דאָזיגער ספר האָט גאָר קיין שיינדעל ניט; ער איז אינגאַנצען אַן אַ טאַטען.

ער הויבט זיך אָן מיט'ן זעלביגען אויסדרוק, וואָס דער ספר י ה ו ש ע. דער לעצטער הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „ויהי אחרי מות משה"; דער ספר ש ו פ ט י ם הויבט זיך אָן: „ויהי אחרי מות יהושע". דאָס, ווי אויך די ענליכקייט פון סטיל, אין וועלכען די דאָזיגע צוויי ביכער זיינען געשריבען געוואָרען, ווייזט, אַז זיי זיינען די ווערק פון איין־און־דעמזעלביגען מחבר, וואָס איז אָבער אונז אינגאַנצען ניט־באַוואוסט; דאָס איינציגע, וואָס מען קאָן אויסגעפינען וועגען דעם מחבר פון דעם ספר ש ו פ ט י ם, איז, אַז ער האָט געלעבט לאַנג נאָך יהושע'ס צייט; ווייל כאָטש דער ספר הויבט זיך אָן, ווי ער וואָלט געבאָלגט גלייך נאָך יהושע'ס טויט, שטעלט אָבער דאָס צווייטע קאַפּיטעל פאָר מיט זיך אַ קצור פון דעם גאַנצען בוך, באַהאַנדעלט, לויט דער ביבלישער כראָנאָלאָגיע, אַ פּעריאָד פון 306 יאָר, ד. ה., פון יהושע'ס טויט (1426 יאָר פאַר קריסטוס'ן) ביז דעם טויט פון שמשון הגבור (1120 יאָר פאַר קריסטוס'ן) און נאָך 20 יאָר פאַר דעם, ווי שאול איז געגאַנגען זוכען זיין פאָטער'ס אייזלען און איז געזאַלבט געוואָרען פאַר אַ מלך. עס איז אָבער פאַראַן אַ גוטער גרונט צו גלויבען, אַז עס איז אָנגעשריבען געוואָרען וועניגסטענס ניט פריהער, ווי אין דוד'ס צייטען, און

אז דער ספר י ה ו ש ע איז אויך דעמאָלט אָנגעשריבען גע־וואָרען.

געמאָלדען וועגען יהושע׳ס טויט, דערציילט דער שרייבער פון ש ו פ ט י ם איז דעם ערשטען קאַפּיטעל, וואָס עס איז פאָרגעקו־מען צווישען די בני־יהודה און די געבירטיגע איינוואוינער פון דעם לאַנד כנען. ווען עס קומט איהם גראַד אויס צו דערמאָנען אין דעם 7־טען פּסוק די שטאָט ירושלים, זאָגט ער באַלד נאָך דעם, ווי ער וואָלט געגעבען אַ דערקלערונג: „און די בני־יהודה ה אָ ב ע ן מלחמה געהאַלטען מיט ירושלים און זי א י י נ ג ע נ ו מ ע ן"; דאָס הייסט, אַז דאָס בוך האָט ניט געקאָנט אָנגעשריבען ווערען פאַר דעם, ווי ירושלים איז גענומען געוואָרען. דער לעזער וועט זיך דערמאָנען אַן דער שטעל פון י ה ו ש ע (קאַפּ. 15, פּסוק 63), וואָס איך האָב פריהער געבראַכט; עס ווערט דאָרט געזאָגט, אַז די יבוסים האָבען געוואוינט מיט די קינ־דער פון יהודה אין ירושלים ביז צו דעם היינטיגען טאָג, וואָס דאָס הייסט ביז צו דער צייט, ווען דער ספר י ה ו ש ע איז אָנגעשריבען געוואָרען.

די ראיות, וואָס איך האָב ביז איצט געבראַכט צו ווייזען, אַז די ביכער, וואָס איך האָב דאָ באַהאַנדעלט, זיינען ניט פאַרפאַסט געוואָרען פון די פּערזאָנען, צו וועלכע זיי ווערען צוגעשריבען, נאָר ערשט מיט פיל יאָר נאָך זייער טויט, אויב נאָר אַזוינע פּערזאָ־נען האָבען ווען־עס־איז געלעבט, — די ראיות זיינען שוין אַזוי פיל, אַז איך קאָן זיך דערלויבען ניט אָפּצושטעלען זיך אויף די אַלע אויס־פירען, וואָס קאָנען געמאַכט ווערען פון דער פריהערדיגער שטעל. אויף וויפיל מען קאָן אָננעמען, וואָס די ביבעל דערציילט אונז, איז די שטאָט ירושלים איינגענומען געוואָרען ערשט אין דוד׳ס צייטען און ממילא זיינען די ביכער י ה ו ש ע און ש ו פ ט י ם אָנ־געשריבען געוואָרען ערשט נאָך דעם אָנהויב פון מלכות־דוד, וואָס דאָס איז פאָרגעקומען מיט 370 יאָר נאָך יהושע׳ס טויט.

די שטאָט ירושלים האָט אין אָנהויב געהייסען יבוס און איז געווען די הויפּט־שטאָט פון די יבוסים. וועגען דוד׳ס איינגעמען די שטאָט ווערט דערציילט אין ש מ ו א ל ב, קאַפּ. 5, פּסוק

4 און ווייטער, און אויך אין ד ב ר י ק י מ י ם ג, קאפ. 14, פסוק 4 און ווייטער. אין קיין שום אנדער פלאץ פון דער ביבעל ווערט ניט דערמאנט אדער אנגעטייט, אז ירושלים זאל געגומען ווערען וועך־עס־איז פאר דעם. ניט אין ש מ ו א ל און ניט אין ד ב ר י ה י מ י ם ווערט ניט געזאגט, אז ז י י ה א ב ע ן ד ע ר ש ל א ג ע ן מ ע נ ע ר, פ ר ו י ע ן א ו ן ק י נ ד ע ר; א ז ז י י ה א ב ע ן נ י ט א י ב ע ר ג ע ל א ז ט ק י י ן ל ע ב ע ד י ג ע ן נ פ ש, ווי דאס ווערט געזאגט ביי אנדערע עראבערונגען; פון דעם שטילשווייגען, וואס ווערט דא אפגעהיט, קאן מען פארשטיין, אז די שטאט האט זיך אונטערגעגעבען און די יבוסים, איהרע געבירטיגע איינוואוינער, זיינען פארבליבען דארט וואוינען אויך נאכדעם, ווי זי איז איינגענומען געווארען. און דאס, וואס עס ווערט דערציילט אין יהושע, אז ד י י ב ו ס י ם וואוינען מיט די קינדער פון יהודה אין ירושלים ביז צו דעם היינטיגען טאג, פאסט זיך נאר פאר דער צייט נאך דוד׳ס איננעמען די שטאט.

איך וועל איצט איבערגיין צו די צוויי ביכער ש מ ו א ל און ווייזען, אז ניט שמואל איז געווען זייער פארפאסער, אז זיי זיינען אנגעשריבען געווארען א לאנגע צייט נאך שמואל׳ס טויט און זיינען, ווי אלע פריהערדיגע ביכער, אנאנים און האבען ניט קיין שום אויטאריטעט.

כדי צו איבערצייגען זיך, אז די דאזיגע ביכער זיינען אנגעשריבען געווארען פיל שפעטער, ווי אין שמואל׳ס צייטען, איז גענוג איבערצולייענען די מעשה פון שאול׳ן, וואס גייט זוכען זיין פאטער׳ס אייזלען, און פון זיין צוזאמענטרעפען זיך מיט שמואל׳ן, צו וועמען ער איז געגאנגען אנפרעגען וועגען די פארלארענע אייזלען פונקט אזוי, ווי נארישע מענשען גייען היינט צו א „טרעפער“ אנצופרעגען וועגען פארלארענע זאכען.

דער שרייבער דערציילט אונז ניט אט־די מעשה פון שאול׳ן, שמואל׳ן און די אייזלען, ווי א זאך, וואס האט נאר וואס געטראפען, נאר ווי א פ א ר צ י י ט י ג מ ע ש ה ׳ ל ע: ער דערציילט עס אין דער שפראך פון ש מ ו א ל ׳ ס צייטען, און איז

דעריבער געצוואונגען צו דערקלערען עס אין דער שפראך פון זיין, דעם ש ר י י ב ע ר ׳ ס, אייגענער צייט.

אין דעם ערשטען פון גאט־די ביכער (קאפיטעל 9) ווערט שמואל אנגערופען ד ע ר ז ע ה ע ר (רואה); און שאול פרעגט זיך נאך אויף איהם מיט אט־דעם נאמען (פסוק 11): „ווען זיי (שאול און זיין דינער) זיינען ארויפגעגאנגען ביי דעם אויפגאנג פון דער שטאט, האבען זיי געטראפען יונגע מיידלעך, וואס זיינען ארויסגע־גאנגען שעפען וואסער; און זיי האבען צו זיי געזאגט: א י ז ד א פ א ר א ן ד ע ר ז ע ה ע ר?" שאול איז אוועק אין דער ריכטונג, וואס די מיידלעך האבען איהם אנגעוויזען; אויפ׳ן וועג האט ער באגעגענט שמואל׳ן און, ניט קענענדיג איהם, צו איהם אזוי געזאגט (פסוק 18): „זאג מיר, איך בעט דיך, וואו איז ד ע ם ז ע ה ע ר ׳ ס ה ו י ז? און שמואל האט געענטפערט שאול׳ן און געזאגט: א י ך ב י ן ד א ס ד ע ר ז ע ה ע ר".

אזוי ווי דער שרייבער פון דעם ספר ש מ ו א ל גיט איבער די דאזיגע פראגען און ענטפערס אין דער שפראך, וואס מען האט געהאט באנוצט דאן, ווען זיי זיינען ארויסגעזאגט געווארען, און אזוי ווי די דאזיגע רעד־ארט איז שוין געווען א זאך פון דער פארגאנ־גענהייט, בעת אט־דער שרייבער האט געשריבען, האט ער דעריבער געהאלטען פאר נויטיג צו דערקלערען אין וואסער א זין עס זיינען באנוצט געווארען די ווערטער פון אט־די פראגען און ענטפערס; און ער טוט עס אין דעם 9־טען פסוק, ווען ער זאגט: „עס איז פ א ר צ י י ט ע ן אזוי געווען אין ישראל, אז איינער איז גע־גאנגען צו פארשען גאט, האט ער געזאגט: קומט, לאמיר געהן צום זעהער, ווייל דער, וואס היינט רופט מען אים נביא, האט פ א ר צ י י ט ע ן געהייסען זעהער". דאס באווייזט, ווי איך האב שוין פריהער געזאגט, אז די דאזיגע מעשה מיט שאול׳ן, שמואל׳ן און די אייזעלען איז געווען א פארצייטיג מעשה׳לע, בעת די ביכער ש מ ו א ל זיינען געשריבען געווארען; שמואל האט דעריבער ניט געקאנט זיין זייער פארפאסער און ממילא זיינען די ביכער ניט עכט.

אבער אויב מיר וועלען זוכען ווייטער אין די דאזיגע ביכער,

וועלען מיר געפינען נאָך מעהר זיכערע ראיות, אז שמואל איז ניט געוועזן זייער פאַרפאַסער, ווייל עס ווערען דאָרט דערציילט זאַכען, וואָס האָבען פּאַסירט ערשט מיט עטליכע הונדערט יאָר נאָך שמואל׳ס טויט.

שמואל איז געשטאָרבען פאַר שאול׳ן, ווייל אין ש מ ו א ל א, קאַפּיטעל 28, ווערט דערציילט, אז שאול און די מכשפה פון עין־דור האָבען באַשוואוירען שמואל׳ן נאָכדעם, ווי ער איז שוין געוועזן טויט; און דאָך ווערט אין אָט־די ביכער דערציילט ווייטער וועגען געשעהענישען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין שאול׳ס ווייטערדיגען לעבען און ביז די לעצטע יאָרען פון דוד׳ן, שאול׳ס נאָכפאָלגער. וועגען שמואל׳ס טויט און וועגען זיין באַערדיגונג (אַ זאַך, וואָס ער האָט דאָס אליין ניט געקאָנט אָנשרייבען) ווערט דערציילט אין דעם 25־טען קאַפּיטעל פון ש מ ו א ל א, און די כראָנאָלאָגישע דאַטע, וואָס איז צוגעגעבען צו דעם דאָזיגען קאַפּיטעל, ווייזט, אז דאָס איז פאָרגעקומען מיט 1060 יאָר פאַר קריסטוס׳ן; די געשיכטע פון אָט־דעם ע ר ש ט ע ן בוך גייט נאָך ווייטער, ביז 1056 יאָר פאַר קריסטוס׳ן, ד. ה. ביז שאול׳ס טויט, וואָס איז פאָרגעקומען מיט פיר יאָר נאָכ׳ן טויט פון שמואל׳ן.

ש מ ו א ל ב הויבט זיך אָן מיט געשעהענישען, וואָס זיינען פאָרגעקומען ניט פריהער, ווי מיט פיר יאָר נאָך שמואל׳ס טויט: עס הויבט זיך אָן מיט דער הערשאַפט פון דוד׳ן, שאול׳ס נאָכפאָלגער, און ענדיגט זיך מיט׳ן סוף פון דוד׳ס הערשאַפט, וואָס דאָס האָט פּאַסירט מיט דריי־און־פערציג יאָר נאָך שמואל׳ס טויט. עס איז קלאָר, אז שמואל האָט די דאָזיגע ביכער נישט אָנגעשריבען.

איך בין דורכגעגאַנגען אַלע ביכער אין דעם ערשטען טייל פון דער ביבעל, וואָס די אַזוי־גערופענע קריסטליכע קירך האָט זיי אַרויפגעצוואונגען אויף דער וועלט, ווי די שריפטען פון משה, יהושע און שמואל, און האָב אויפגעדעקט און באַוויזען, ווי פאַלש עס איז די גאַנצע זאַך. און איצט, איהר פּריסטער, וואָס איהר האָט גע־פּרעדיגט און געשריבען קעגען דעם ערשטען טייל פון אָט־דעם בוך, וואָס האָט איהר איצט צו זאָגען? וועט איהר מיט אָט־דער גאַנצער מאַסע ראיות, וואָס וואַרפען זיך אַזוי אין די אויגען, נאָך האָבען דעם

מוט ארויפציקומען ווייטער אויף דער בימה און ארויפצוצווינגען די דאזיגע ביכער אויף אייערע קירכען־געמיינדעס, ווי די ווערק פון געטליך־באגייסטערטע שרייבער און ווי דאס ווארט פון גאט, ווען עס איז קלאר, אז די פערזאנען, וואס איהר גיט זיי ארויס פאר די פארפאסער, זיינען נישט די פארפאסער פון אט־די ביכער און אז איהר ווייסט ניט, ווער די אמת'ע פארפאסער זיינען. וואס פאר א תירוץ קאנט איהר איצט אנגעבען פאר אנגיין ווייטער מיט אייער גאטלעסטערענדיגען שווינדעל? וואס פאר א מיטלען קאנט איהר נאך אנווענדען קעגען דער ריינער און מאראלישער רעליגיע פון דעאיזם, כדי צו פארטיידיגען אייער סיסטעם פון פאלשקייט, געצענדינסט און כלומר'שטיגער אנטפלעקונג?

ווען די גרויזאמע און בלוטדורשטיגע באפעלען, וואס די ביבעל איז מיט זיי פול, און די אומצייליגע הינריכטונגען פון מענער, פרויען און קינדער, וואס זיינען באגאנגען געווארען, ווי אן אויספיר פון די דאזיגע באפעלען, וואלטען צוגעשריבען געווארען צו אייערען א פריינט, וואס זיין אנדענק איז פאר אייך הייליג, וואלט איהר געוועזן גליקליך אויפצודעקען די פאלשקייט פון אזא באשולדיגונג און מיט פרייד זיך גענומען פארטיידיגען זיין ערליכען נאמען. זייט איהר טאקע אזוי פארזונקען אין דעם תהום פון אבערגלויבען, אדער איהר פילט גארנישט קיין אינטערעס אין דעם כבוד פון אייער באשעפער, וואס איהר קאנט גאר פארנעמען די שוידערהאפטע מעשיות פון דער ביבעל, אדער אויסהערען זיי אין פולער גלייכגילטיגקייט?

די ראיות, וואס איך האב ביז איצט געבראכט און וועל ווייטער בריינגען אין לויף פון דעם דאזיגען ווערק צו באווייזען, אז די ביבעל האט ניט קיין שום אויטאריטעט, וועלען בארוהיגען מיליאנען מענשען און בריינגען זיי א געפיל פון דערלייכטערונג; דאס וועט זיי באפרייען פון יענע שווערע געדאנקען איבער דעם אלמעכטיגען, וואס די פאלשקייט פון די פריסטער און די ביבעל האבען אריינגעגעבען אין זייערע מחות און וואס האבען קיינמאל ניט געקאנט שטימען מיט זייערע השגות פון גאט'ס מאראלישען יושר און גוטען ווילען.

איך וועל איצט צוטערטען צו די צוויי ביכער מ ל כ י ם און צו די צוויי ביכער ד ב ר י ה י מ י ם*).

דאס זיינען דורכאויס היסטאריע־ביכער, וואס פארנעמען זיך דער עיקר מיט'ן לעבען און טעטיגקייט פון די אידישע מלכים, וועלכע צייכענען זיך, בכלל גערעדט, ווייט ניט אויס מיט קיין איבערינער מענשליכקייט; אבער דאס זיינען אלץ זאכען, וואס זיינען אונז נוגע ניט מעהר, ווי די רוימישע אימפעראטארס אדער האמער'ס דערציילונג פון דער טראיאנישער מלחמה. און אזוי ווי די דאזיגע ווערק זיינען נאך דערצו אנאנים און מיר ווייסען גארנישט פון דעם שרייבער, קאנען מיר אויך ניט וויסען, ווי ווייט מיר זאלען גלייבען, וואס עס ווערט אין זיי דערציילט. ווי אלע אנדערע פארצייטיגע געשיכטעס, זעהען זיי אויס צו זיין א פלאנטער פון אויסגעטראכטע און אמת'דיגע מעשיות, פון מעגליכע און ניט־מעגליכע זאכען, וואס זיינען אבער מחמת דער ווייטקייט פון צייט און פלאץ, וואס טיילט אונז אפ פון זיי, ווי אויך מחמת די ענדערונגען, וואס זיינען זינט דעמאלט פארגעקומען אין דער וועלט, געווארען פארעלטערט און ניט־אינטערעסאנט.

איך וועל די דאזיגע ביכער פארגלייכען איינע מיט די אנדערע, ווי אויך מיט אנדערע טיילען פון דער ביבעל, כדי צו ווייזען דעם גאנצען פלאנטער, די ווידערשפרעכיגקייט און גרויזאמקייט פון אט־דעם כלומר'שטיגען ווארט פון גאט.

דער ספר מ ל כ י ם א הויבט זיך אן מיט שלמה'ס הערשאפט, וואס דאס איז, לויט דער ביבלישער כראנאלאגיע, פארגעקומען מיט 1015 יאר פאר קריסטוס'ן; און דער ספר מ ל כ י ם ב ענדיגט זיך מיט 588 פאר קריסטוס'ן, א ביסעל שפעטער נאך דער הערשאפט פון צדקיהו, ווען נבוכדנאצר האט אוועקגעפירט אין געפאנגענשאפט קיין בבל נאכדעם, ווי ער האט איינגענומען ירושלים. די צוויי ביכער שליסען איין אין זיך א פעריאד פון 427 יאר.

---

*) אין די קריסטליכע איבערזעצונגען פון תנ"ך פאלגען ד ב ר י ה י מ י ם נאך מ ל כ י ם. — איבערז.

די צוויי ביכער ד ב ר י ה י מ י ם שטעלן פאר מיט זיך א געשיכטע פון דיזעלביגע צייטן און, אין אלגעמיין, פון דיזעלביגע פערזאנען, געשריבן פון אן אנדער פארפאסער, ווייל עס וואלט געווען אן אומזין גאר צו רעכענען, אז איין־און־דערזעלביגער שרייבער האט צוויי מאל אנגעשריבן די דאזיגע געשיכטע.

ד ב ר י ה י מ י ם א (נאכדעם, ווי עס ווערט געגעבן די גענעאלאגיע פון אדמ'ן ביז שאול'ן, וואס פארנעמט די ערשטע ניין קאפיטלען) הויבט זיך אן מיט דער הערשאפט פון דוד'ן; און ד ב ר י ה י מ י ם ב ענדיגט זיך, אזוי ווי מ ל כ י ם ב, באלד נאך דער הערשאפט פון צדקיהו, ארום 588 יאר פאר קריסטוס'ן. די לעצטע צוויי פסוקים פון דעם לעצטן קאפיטל ברייננגען די געשיכטע אויף 52 יאר ווייטער, ד. ה., ביז'ן יאר 536. אבער די דאזיגע פסוקים געהערן ניט צום בוך, ווי איך וועל דאס ווייזן, ווען איך וועל צוקומען צום ספר ע ז ר א.

אין די צוויי ביכער מ ל כ י ם ווערט, א חוץ דער געשיכטע פון שאול'ן, דוד'ן און שלמה'ן, וואס האבן געהערשט איבער ג א נ ץ ישראל, נאך דערציילט בקצור וועגן 17 מלכים און איין קיניגין, וואס ווערן אנגערופן מ ל כ י ־ י ה ו ד ה און וועגן 19 מלכים, וואס ווערן אנגערופן מ ל כ י ־ י ש ר א ל, ווייל דאס אידישע פאלק האט באלד נאך שלמה'ס טויט זיך צעשפאלטן אויף צוויי פארטייען, וואס האבן אויסגעקליבן פאר זיך באזונדערע מלכים און אנגעפירט איינע קעגן די אנדערע די פארביטערטסטע מלחמות.

די דאזיגע צוויי ביכער שטעלן פאר מיט זיך אין זייער גרעסטן טייל א געשיכטע פון הריגות, פארראט און מלחמות. די געוואלט־טאטען, וואס די אידען זיינען געוואוינט געווען צו באגיין קעגן די כנענים, פארכאפענדיג און בארויבענדיג זייער לאנד אונטער'ן אויסרייד, אז עס איז זיי געגעבן געווארן, ווי א מתנה פון גאט, זיינען זיי שפעטער מיט דערזעלביגער ווילדער אכזריות באגאנגען איינע קעגן די אנדערע. אפשר נאר א העלפט פון זייערע קיניגן זיינען געשטארבן מיט א נאטירליכן טויט, און אין אייניגע פאלן זיינען גאנצע פאמיליעס אויסגעראטן געווארן, כדי

צו פארזיכערען די מלוכה פאר איין קיניג, וואס האט אין עטליכע יאר ארום און אמאל נאר אין עטליכע חדשים ארום געהאט דעמ־זעלביגען סוף.

אין מ ל כ י ם ב, קאפיטעל 10, ווערט דערציילט וועגען זיבעציג דערמארדעטע קינדער, וואס מען האט זייערע קעפלעך אוועקגעלייגט אין צוויי הויפענס ביים טויער פון שטאט; דאס זיינען געווען די קינדער פון אחאב, און זיי זיינען דערמארדעט געווארען אויפ'ן באפעל פון יהוא, וואס אלישע, דער נביא פון גאט, האט איהם געזאלבט פאר א מלך פון ישראל, כדי ער זאל באגיין אט־דעם בלוטיגען אויפטו און טויטען זיין פארגייער. און אין מ ל כ י ם ב, קאפיטעל 15, פסוק 16, ווערט געזאגט, אז מנחם (איינער פון די מלכי־ישראל, וואס האט גע־הרג'עט שלומ'ען נאכדעם, ווי יענער האט געקיניגט איין חודש צייט) האט פארלענדט תפסח, און אלע, וואס איז אין איהר געווען, ווייל מען האט איהם ניט געוואלט עפענען די שטאט. א ו ן ע ר ה א ט ד ע ר ש ל א ג ע ן א ל ע א י ה ר ע ש וו א נ ג ע ר ע פ ר וי ע ן, א ו ן ע ר ה א ט ז י י א וי פ ג ע ש נ י ט ע ן.

האבען מיר נאר געקאנט צולאזען דעם געדאנק, אז דער אל־מעכטיגער זאל איין פאלק באערען מיט'ן נאמען ז י י ן א וי ס־ד ע ר וו י י ל ט פ א ל ק, מוזען מיר שוין אננעמען, אז אט־דאס פאלק האט באדארפט זיין פאר דער גאנצער וועלט א מוסטער פון דער ריינסטער גאטספארכטיגקייט און מענשליכקייט און ניט קיין פאלק פון רוצחים און מערדער. ווי די אוראלטע אידען זיינען דאס געווען, — ניט קיין פאלק, וואס איז געגאנגען אין די טריט פון אזוינע מאנסטערס און פארפירער, ווי משה און אהרן, ווי יהושע, שמואל און דוד, און האט מיט זיין בארבאריי און גאטלאזיגקייט איבערגעטראפען אלע פעלקער פון דער ערד. אויב מיר ווילען נאר נישט איינשפארען זיך צו האלטען אונזערע אויגען פארמאכט און צו פארשטאפען אונזערע הערצער, וועלען מיר, ניט געקוקט אויף די אלע אלטע אבערגלויבענס, וואס באצווינגען אונזער גייסט, מוזען איינזעהן, אז דער שמייכעלהאפטער נאמען ז י י ן א וי ס ד ע ר־

ווייל ט פאלק איז ניט מעהר, ווי אליגען, וואס די אידישע פריסטער און מנהיגים האבען אויסגעטראכט, כדי צוצודעקען דערמיט די געמיינהייט פון זייערע אייגענע כאראקטארען. און וואס די קריסטליכע פריסטער, אפטמאל פונקט אזוינע פארדארבענע און געמיינע, ווי די אידישע, האבען עפענטליך אנערקענט.

די צוויי ביכער דברי הימים זיינען א ווידערהוילונג פון דיזעלביגע פארברעכענס, אבער די געשיכטע ווערט דא אין אייניגע פלעצער אונטערבראכען פון דעם שרייבער, וואס לאזט דורך די הערשאפט פון אייניגע מלכים; דא, אזוי ווי אין מלכים, איז דער איבערגאנג פון די מלכי־יהודה צו די מלכי־ישראל און פון די מלכי־ישראל צו די מלכי־יהודה אזא אפטער, אז די דערציילונג איז זעהר ניט קלאר צום לייענען. צייטענווייז ווידערשפרעכט די געשיכטע זיך אליין אין איין־און־דעמזעלביגען בוך; צום ביישפיל, אין מלכים ב, קאפיטעל 1, פסוק 17, ווערט געזאגט, כאטש אויף אן אומבאשטימטען אופן, אז נאכ'ן טויט פון אחזיה, דעם קיניג פון ישראל, האט אויף זיין ארט געקיניגט יהורם (פון בית־אחאב), אין דעם צווייטען יאר פון יהורם, דעם זון פון יהושפט, דעם קיניג פון יהודה; און אין קאפיטעל 8, פסוק 16, פון דעמזעלביגען בוך ווערט געזאגט אזוי: „און אין דעם פינפטען יאר פון יורם, דעם זון פון אחאב, דעם קיניג פון ישראל, — — איז יהורם, דער זון פון יהושפט, געווארען דער קיניג פון יהודה"; איין קאפיטעל זאגט, אז יהורם פון ישראל האט אנגעהויבען קיניגען אין דעם צווייטען יאר פון יהורם פון יהודה, און דאס אנדערע קאפיטעל זאגט, אז יהורם פון יהודה האט אנגעהויבען קיניגען אין דעם פינפטען יאר פון יורם פון ישראל.

אמאל טרעפט, אז אין איין פלאץ ווערט דערציילט וועגען עפיס אן אויסערגעווייגטליכער זאך, וואס זאל האבען פאסירט אין דער צייט פון א געוויסען מלך, בעת אין דעם צווייטען פלאץ, וואס באשרייבט די זעלביגע צייט, ווערט וועגען דעם גארנישט דערמאנט; צום ביישפיל, די צוויי ערשטע מלכים נאך שלמה'ס טויט, וואס

האבען געשטרייט צווישען זיך, זיינען געווען רהבעם און ירבעם; און עס ווערט דערציילט אין מלכים א, קאפ. 12 און 13, אז בעת ירבעם האט געבראכט א קרבן עולה (בראנד־אפער) האט א געטליכער מאן אויסגערופען צום מזבח (קאפיטעל 13, פסוק 2): „מזבח, מזבח! אזוי זאגט גאט — א זון וועט געבוירען ווערען צו דוד'ס הויז, מיט'ן נאמען יאשיהו, און ער וועט אויף דיר שעכטען די כהנים פון די במות, וואס רויכערען אויף דיר, און מענשען־ביינער וועט מען אויף דיר פארברענען". פסוק 4: „און ווען דער קיניג ירבעם האט דערהערט די רייד פון דעם געטליכען מאן, וואס ער האט אויסגערופען צום מזבח פון בית־אל, האט ער אויסגעשטרעקט זיין האנט פון דעם מזבח, זאגענדיג: גרייפט איהם אן! — און זיין האנט, וואס ער האט אויסגעשטרעקט אויף איהם, איז איינגעדארט געווארען און ער האט זי ניט געקאנט צוריקברייגען צו זיך".

ווען אזא אויסערגעוויינטליכע זאך (וואס ווערט אנגבאצייכענט, ווי א צייכען פון גאט) וואלט באמת געטראפען מיט'ן הויפט פון איינער פון די פארטייען, און דאס נאך גלייך אין אנהויב, ווי די קינדער פון ישראל האבען זיך צעטיילט אויף צוויי פעלקער, וואלט זי אודאי פארצייכענט געווארען אין ביידע געשיכטע־ביכער. אבער כאטש אין שפעטערע צייטען האבען די מענשען געגלויבט אין אלץ, וואס די נביאים האבען זיי געזאגט, זעהט עס פונדעסטוועגען ניט אויס, אז אט־די נביאים אדער היסטאריקער זאלען האבען געגלויבט איינע די אנדערע; זיי האבען זיך צו גוט געקענט.

א לאנגע געשיכטע ווערט דערציילט אין מלכים וועגען אליהו'ן. זי ציהט זיך דורך עטליכע קאפיטלען און שליסט זיך מיט די ווערטער (מלכים ב, קאפ. 2, פסוק 11): „און אזוי ווי זיי (אליהו און אלישע) זיינען געגאנגען און האבען גערעדט, ערשט א פייערדיגער וואגען און פייערדיגע פערד האבען זיי ביידען פאנאנדערגעשיידט. און אליהו איז דורך א שטורעם ארויף אויפ'ן

ה י מ ע ל". ווי וואונדערליך אט־די מעשה איז ניט, ווערט זי אבער מיט קיין ווארט ניט דערמאנט פון דעם שרייבער פון ד ב ר י־ ה י מ י ם. כאטש ער דערמאנט דארט גראד אליהו'ס נאמען; ער דערמאנט אויך ניט מיט קיין ווארט די מעשה, וואס ווערט דער־ציילט צום סוף פון דעם 2־טען קאפיטעל פון דעמזעלביגען ספר מ ל כ י ם, די מעשה מיט די קליינע אינגלעך, וואס האבען גע־שריגען צו אלישע'ן: ג י י ד י ר, ק א ל ־ ק א פ! ג י י ד י ר, ק א ל ־ ק א פ!" — און ווי ער, דער דאזיגער ג ע ט ל י כ ע ר מ ע נ ש, „האט זיך אומגעקערט, זיי דערזעהען. א ו ן ג ע ש א ל ט ע ן א י ז ד ע ם נ א מ ע ן פ ו ן ג א ט; און עס זיינען ארויסגעקומען פון וואלד צוויי בערען און האבען צעריסען פון זיי צוויי־און־פערציג קינדער".

דער שרייבער פון ד ב ר י ה י מ י ם פארשווייגט אויך די מעשה, וואס ווערט דערציילט אין מ ל כ י ם ב, קאפיטעל 13, ווי מען האט א טויטען מענשען אריינגעווארפען אין אלישע'ס קבר, און ווען דער טויטער קערפער האט זיך אנגערירט אן אלישע'ס ביינער, איז ער (דער טויטער) ל ע ב ע ד י ג ג ע וו א ר ע; א ו ן ה א ט ז י ך ג ע ש ט ע ל ט א ו י ף ז י י נ ע פ י ס (פסוק 21). עס ווערט ניט דערציילט ווייטער וואס מען האט געטון מיט דעם מענשען, צי מען האט איהם באגראבען, ניט גע־קוקט אויף זיין לעבעדיג־ווערען, אדער מען האט איהם צוריק ארויס־געצויגען פון קבר. דער שרייבער פון ד ב ר י ה י מ י ם פאר־שווייגט אט־די אלע מעשיות, ווי דאס וואלט געטון יעדער שרייבער פון היינטיגער צייט, וואס וואלט ניט געוואלט, אז מען זאל איהם באשולדיגען אין ל י ג ע ן ־ ז א ג ע ן אדער וועניגסטענס אין איבערטרייבונג.

אין איין זאך קומען פונדעסטוועגען די דאזיגע צוויי היסטא־

ריקער זיך צוזאמען, און דאס איז, וואסביידע גלייך פאַרשוויינען זיי די אַזוי־גערופענע נביאים, פון וועמענס שריפטען עס באשטייט דער צווייטער טייל פון דער ביבעל. ישעיה, וואָס האָט געלעבט אין יחזקיהו׳ס צייטען, ווערט דערמאָנט אין מלכים און אין דברי הימים, בעת אַט־די היסטאָריקער רעדען וועגען יענער צייט; אָבער אַ חוץ אפשר נאָך צוויי אַזעלכע פאַלען, וואָס אויך דאָ ווערען זיי דערמאָנט נאָר פאַרבייגעהענדיג, ווערט וועגען די איבעריגע נביאים אין ערגעץ ניט גערעדט, אָדער נאָר אפילו אָנגעטייט, כאָטש זיי האָבען, לויט דער ביבלישער כראָנאָלאָגיע, געלעבט אין דער צייט, ווען די דאָזיגע געשיכטעס זיינען געשריבען געוואָרען, און אייניגע פון זיי — אַ לאַנגע צייט פאַר דעם. אויב די דאָזיגע נביאים זיינען אין זייער צייט באמת געווען אַזוינע אָנגעזעהענע מענשען, ווי די צוזאַמענשטעלער פון דער ביבעל, די פּריסטער און די אויסטייטשער, שטעלען זיי פאַר אונז פאַר, איז ווי געשיקט זיך עס, אַז קיינע פון אַט־די געשיכטעס זאָל וועגען זיי גאָרנישט זאָגען?

די געשיכטע, וואָס געפינט זיך אין די ביכער מלכים און דברי הימים, ווערט צוגעפירט, ווי איך האָב שוין דאָס פריהער געזאָגט, ביז׳ן יאָר 588 פאַר קריסטוס׳ן; עס וועט דעריבער זיין פּאַסיג אויסצופאָרשען, ווער פון די דאָזיגע נביאים האָט געלעבט פאַר יענער צייט.

איך ברייננ דאָ אַ רשימה פון אַלע נביאים, אינאיינעם מיט די צייטען, ווען זיי האָבען געלעבט פאַר קריסטוס׳ן, לויט דער כראָנאָלאָגיע, וואָס ווערט צוגעגעבען צום ערשטען קאַפּיטעל פון יעדען בוך פון די נביאים, ווי אויך די צאָל יאָרען, וואָס זיי האָבען געלעבט פאַר דעם, ווי די ביכער מלכים און דברי הימים זיינען אָנגעשריבען געוואָרען.

די רשימה פון די נביאים.

נעמען	יאָרען פאַר קריסטוס'ן	יאָרען פאַר מלכים און דברי הימים	באַמערקונגען
ישעיה	760	172	דערמאָנט
ירמיה	629	41	דערמאָנט נאָר אין דעם לעצטען קאַפּיטעל פון דברי הימים
יחזקאל	595	7	נישט דערמאָנט
דניאל	607	19	נישט דערמאָנט
הושע	785	97	נישט דערמאָנט
יואל	800	212	נישט דערמאָנט
עמוס	789	199	נישט דערמאָנט
עובדיה	789	199	נישט דערמאָנט
יונה	862	274	זעה די אַנמערקונג*)
מיכה	750	162	נישט דערמאָנט
נחום	713	125	נישט דערמאָנט
חבקוק	620	38	נישט דערמאָנט
צפניה	630	42	נישט דערמאָנט
חגי }	נאָכ'ן יאָר 889		
זכריה }			
מלאכי }			

נאָך איין באמערקונג וועגען דברי הימים — און איך וועל איבערגיין צו די איבעריגע ביכער פון דער ביבעל.

רעדענדיג וועגען דעם ספר בראשית, האָב איך ציטירט פון דאָרט א שטעל (קאַפּיטעל 36, פסוק 31), וואָס באַציהט

*) אין מלכים ב, קאַפּ. 14, פסוק 25, ווערט דערמאָנט יונה'ס נאָמען, אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, וואָס ירבעם האָט צוריק אויפגעשטעלט א געוויסע גרעניץ; אָבער מעהר ווערט דאָרט גאָרנישט געזאָגט וועגען איהם; עס ווערט ניט דערמאָנט ניט דער ספר יונה, ניט זיין נסיעה קיין נינוה און ניט זיין ערפאַרונג מיט'ן וואַלפיש.

זיך אַז צווייפעל צו אַזאַ צייט, ווען די קינדער פון ישראל האָבען שוין געהאַט מלכים, און האָב געוויזען, אַז אַט־דער פסוק, ווי אויך אַ גרויסער טייל פון דעם 36־טען קאַפּיטעל, זיינען אַרויסגענומען געוואָרען וואָרט־אין־וואָרט פון דברי הימים א, (קאַפּ. 1, פּסוק 43); איך האָב אויך געוויזען, אַז דער ספר בראשית, הגם ער פאַרנעמט דעם ערשטען פּלאַץ אין דער ביבעל און ווערט צוגעשריבען צו משה'ן, איז אָנגעשריבען געוואָרען פון עפּיס אַן אומבאַוואוסטען מחבר ערשט נאָך דברי הימים. וואָס דאָס איז ווייניגסטענס אַכט הונדערט און זעכציג יאָר נאָך משה'ס צייטען. אויף דעם לעצטען איז פאַראַן אַ גאַנץ קלאָרער באַווייז. ערשטענס, ווי איך האָב דאָס שוין פריהער געזאָגט, ווייזט אַט די שטעל גופא פון בראשית, אַז זי באַציהט זיך צו דער צייט פון דברי הימים; און צווייטענס, איז דער ספר דברי הימים ניט אָנגעהויבען געוואָרען פריהער, ווי ווייניגסטענס מיט אַכט הונדערט און זעכציג יאָר נאָך משה'ס צייטען. אין דעם קאָנען מיר זיך לייכט איבערצייגען, ווען מיר וועלען אַריינקוקען אין דברי הימים א, קאַפּ. 3, פּסוק 15, וואו דער שרייבער, גיבענדיג די גענעאלאָגיע פון די בני־דוד, דערמאָנט צדקיהו'ן; און עס איז געווען אין דער צייט פון צדקיהו'ן, וואָס נבוכדנאצר האָט איינגענומען ירושלים; לויט דער ביבלישער כראָנאָלאָגיע, איז דאָס פאָרגעקומען מיט 588 יאָר פאַר קריסטוס'ן, און ממילא אַריבער 860 יאָר נאָך משה'ס צייטען.

די מענשען, וואָס רימען אָבערגלויביג די אורעלטקייט פון דער ביבעל, און דערהויפּט פון די ביכער, וואָס ווערען צוגעשריבען צו משה'ן, טוען עס נאָר מחמת זייער לייכטגלויביגקייט, אָבער ניט דערפאַר, ווייל זיי האָבען די זאַך גרינטליך אויסגעפאָרשט; פון די היסטאָריש־כראָנאָלאָגישע באַווייזען, וואָס מיר האָבען, איז צו זעהן, אַז אפילו דאָס סאַמע ערשטע בוך פון דער ביבעל איז מיט אַריבער דריי הונדערט יאָר אינגער פון האָמער'ס ווערק און פון אַן ערך דעמזעלבינען עלטער, וואָס עזאָפּ'ס פאַבלען.

איך נעם זיך דאָ ניט אָן פאַר דער מאָראַליטעט פון האָמער'ן;

איך האלט, פארקערט, אז עס איז אן אומגערעכט־באריממט בוך, וואס האט די טענדענץ ארויסצורופען אוממאראלישע און שעדליכע באַגריפען וועגען ערע; און וואס גם איז שייך צו עזאפ'ן, איז די מאראל פון זיינע פאבלען בכלל א גערעכטע, דערפאר אבער זיינען די פאבלען גופא אפטמאל גרויזאם, און דאס ווירקט זעהר דעמאראַליזירענדיג אויף די געפילען, דערהויפט אויף די געפילען פון א קינד.

פארטיג מיט מ ל כ י ם און ד ב ר י ה י מ י ם, וועל איך איצט איבערגיין צום נעכסטען ספר, צום ספר ע ז ר א*).

עס איז גענוג צו מאכען א פארגלייך צווישען די ערשטע דריי פסוקים פון ע ז ר א און די לעצטע צוויי פון ד ב ר י ה י מ י ם. כדי צו זעהן, אין וואסער אומארדענונג די ביבעל, אט־דאס כלומר'שטיגע ווארט פון גאט, איז צוזאמענגעשטעלט געווארען און ווי ווייט מיר קאנען ניט זיין זיכער, ווער עס זיינען געווען איהרע מחברים; ווייל ווי אזוי אנדערש האט זיך עס געקאנט מאכען, אז די ערשטע דריי פסוקים פון ע ז ר א זאלען זיין די לעצטע צוויי פסוקים פון ד ב ר י ה י מ י ם. אדער פארקערט? אדער די פארפאַסער האבען ניט געקענט זייערע אייגענע ווערק, אדער די צוזאמענשטעלער האבען ניט געקענט די פארפאסער.

דער לעצטער פסוק פון ד ב ר י ה י מ י ם ווערט איבערגעריסען אין מיטען זאַץ מיט'ן ווארט „ויעל" — זאל ער גיין — ניט אנווייזענדיג וואוהין. אט־דאס ניט פארענדיגען דעם זאץ, ווי אויך דאס ערשיינען פון איין־און־דיזעלביגע פסוקים אין פארשיידענע ביכער, ווייזט, ווי געזאגט, די אומארדענונג און די אומוויסענקייט, אין וועלכע די ביבעל איז צוזאמענגעשטעלט געווארען. און כמילא קאנען מיר ניט גלויבען אין דער אויטאריטעט פון די דאזיגע צוזאמענשטעלער**).

*) לויט דער ארדענונג פון די קריסטליכע איבערזעצונגען פון תנ"ך. — איבערז.

**) דורכקוקענדיג די ביבעל, האב איך באמערקט נאך איניגע פערלערהאפטיגע און זינלאזע שטעלען; איך האב זיי אבער ניט באטראכט פאר גענוג וויכטיג, אז איך זאל זיך מיט זיי באנוצען פאר מיין אויפגאבע; אזא שטעל איז א שטייגער די פון ש מ ו א ל א, קאפיטעל

די לעצטע צוויי פּסוקים פון ד ב ר י ה י מ י ם.

פּ ס ו ק 22. ובשנת אחת לכורש מלך פּרס, לכלות דבר ה׳ ב פ י י ר מ י ה ו, העיר ה׳ את־רוח כורש מלך פּרס, ויעבר קול בכל מלכותו, וגם במכתב, לאמר:

פּ ס ו ק 23. כה אמר כורש מלך פּרס, כל ממלכות הארץ נתן לי ה׳ אלהי השמים, והוא פּקד עלי לבנות לו בית בירושלים, אשר ביהודה. מי בכם מכל עמו, ה׳ א ל ה י ו ע מ ו, ויעל.

די ערשטע דריי פּסוקים פון ע ז ר א.

פּ ס ו ק 1. ובשנת אחת לכורש מלך פּרס, לכלות דבר ה׳ מ פ י י ר מ י ה, העיר ה׳ את־רוח כורש מלך פּרס, ויעבר קול בכל מלכותו, וגם במכתב, לאמר:

פּ ס ו ק 2. כה אמר כרש מלך פּרס, כל ממלכות הארץ נתן לי ה׳ אלהי השמים, והוא פּקד עלי לבנות לו בית בירושלים אשר ביהודה.

פּ ס ו ק 3. מי בכם מכל עמו, י ה י א ל ה י ו ע מ ו, ויעל ל י ר ו ש ל י ם, א ש ר ב י ה ו ד ה, ו י ב ן א ת ב י ת ה׳ א ל ה י י ש ר א ל, ה ו א ה א ל ה י ם, א ש ר ב י ר ו ש ל י ם.

די איינציגע זאַך, וואָס זעהט אויס צו זיין זיכער אין דעם בוך ע ז ר א, איז די צייט, ווען עס איז אָנגעשריבען געוואָרען; דאָס איז געווען גלייך נאָכ׳ן צוריקקער פון די אידען פון גלות בבל, ארום 536 יאָר פאָר קריסטוס׳ן. עזרא (וועלכער איז, לויט די אי־

13, פּסוק 1, וואו עס ווערט געזאָגט: „שאול האָט געקיניגט איין יאָר; און ווען ער האָט רעגירט איבער ישראל צוויי יאָר, אַזוי האָט שאול זיך אויסדערוויילט דריי טויזענט מאַן“ און א. וו. דער אָנהויב פון דעם פּסוק, אז שאול האָט געקיניגט איין יאָר, האָט קיין שום זין ניט, ווייל עס ווערט אונז ניט געזאָגט, וואָס אַזוינס שאול האָט געטון, אָדער וואָס עס האָט געטראָפען צום סוף פון אָט־דעם איינעם יאָר; און ווייטער איז עס דאָך אבסורד צו זאָגען, אז ער האָט געקיניגט איין יאָר, ווען גלייך נאָך דעם שטייט, אז ער האָט געקיניגט צוויי יאָר, ווייל האָט ער געקיניגט צוויי יאָר, איז דאָך אוממעגליך געווען פאַר איהם ניט צו האָבען פריהער געקיניגט איין יאָר.

אַן אַנדער שטעל אַזאַ געפינט זיך אין יהושע, קאַפּ. 5, וואו דער שרייבער דערציילט אונז וועגען א מלאך (אַזוי ווערט ער אָנגערופען אין דעם אינהאַלט־פאַרצייכעניש פון דעם דאָזיגען קאַפּיטעל), וואָס האָט זיך באַוויזען צו יהושע׳ן; און די מעשה ווערט איבערגעריסען אין דער מיט און אָן יעדען שלום. די דאָזיגע שטעל לייענט זיך אַזוי (פּסוקים 15־13): „און ווען יהושע איז געווען ביי יריחו, האָט ער אויפגעהויבען זיינע אויגען און געזעהען — א מאַן שטייט אנטקעגען איהם מיט אן אויסגע־צויגענער שווערד אין זיין האַנט; און יהושע איז צו איהם צוגעגאַנגען

דישע מפרשים, דיזעלביגע פּערזאָן, וואָס ווערט אָנגערופען עזדראס אין די כתובים אחרונים) איז געווען איינער פון די צוריקגעקור־מענע, וואָס דאָס האָט ער, ווי עס ווייזט אויס, אָנגעשריבען די דאָ־זיגע געשיכטע. נחמיה, וואָס זיין בוך איז דאָס צווייטע נאָך עזרא'ס, איז אויך געווען איינער פון די צוריקגעקומענע אידען און האָט מסתמא אויך אָנגעשריבען דיזעלביגע געשיכטע אין דעם בוך, וואָס טראָגט זיין נאָמען. אבער די דאָזיגע דערציילונגען קאָנען האָבען א באזונדערען אינטערעס נאָר פאַר אידען, ווי א טייל פון דער געשיכטע פון אידישען פאָלק; אין די ביכער איז פאַראַן אַזוי פיל גאָט'ס וואָרט, ווי אין וואָסער־עס־איז אנדער היסטאָריע־בוך, ווי, א שטייגער, אין דער געשיכטע פון פראַנקרייך, אָדער אין ראַ־פּינ'ס „געשיכטע פון ענגלאַנד“, אָדער אין דער געשיכטע פון יעדען אַנדערען לאַנד.

אָבער אפילו אין ריין־היסטאָרישע ענינים קאָן מען זיך אויך

און האָט צו איהם געזאָגט: געהערסטו צו אונז, אָדער צו אונזער פיינט? און ער האָט געזאָגט: ניין, איך בין דער האַר איבער דעם חיל פון גאָט, איך בין יעצט געקומען. אַזוי איז יהושע אַנידערגעפאלען מיט זיין פּנים צו דער ערד, און ער האָט זיך געבוקט, און האָט צו איהם געזאָגט: „וואָס רעדט מיין האַר צו זיין קנעכט?“ און דער האַר פון גאָט'ס חיל האָט גע־זאָגט צו יהושע'ן: „נעהם אַראָפּ די שיך פון דיינע פיס, ווייל דאָס אָרט, וואָס דו שטייסט אויף איהם, איז הייליג“. און יהושע האָט אַזוי געטון“. און וואָס ווייטער? ווייטער איז גאָרנישט, ווייל דאָ ענדיגט זיך די מעשה, אינאיינעם מיט'ן קאַפּיטעל.

אָדער די געשיכטע איז איבערגעריסען אין דער מיט, אָדער עס איז אַ מעשה, דערציילט פון עפּיס א אידישען הומאָריסט, כדי אָפּצולאַכען פון יהושע'ס כלומר'שטיגער שליחות פון גאָט; און די קאָמפּילאַטאָרס פון דער ביבעל, ניט איינזעהענדיג די דאָזיגע כונה פון דעם מעשה'לע, האָבען עס איבערגעגעבען, ווי אַן ערנסטע זאַך. ווי אן הומאָריסטיש מעשה'לע איז עס גאַנץ שאַרף, ווייל עס פירט מיט פּאַראַד אַריין א מלאך אין דער געשטאַלט פון א מענשען, מיט אַ בלאַנקער שווערד אין האַנט, און יהושע פאַלט פאַר איהם מיט'ן פּנים צו דער ערד און בוקט זיך צו איהם, וואָס דאָס איז קעגען דעם צווייטען געבאָט; און דער דאָ־זיגער שליח פון הימעל לאָזט אויס דערמיט, וואָס ער הייסט יהושע'ן אויסטון די שיך.

עס איז זיכער, אז די אידען האָבען ניט געגלויבט אין אַלץ, וואָס זייערע פירער האָבען זיי געזאָגט. ווי דאָס איז צו זעהן פון דעם העפלי־כען אופן, ווי זיי רעדען וועגען משה'ן, בעת ער איז אַרויף אויפ'ן באַרג. „כי זה משה האיש — — לא ידענו מה־היה לו“ (שמות, קאַפּיטעל 32, פּסוק 1).

ניט פארלאזען אויף די דאזיגע ביידע שרייבער. אין דעם צווייטען קאפיטעל פון עזרא גיט דער שרייבער א רשימה פון די שבטים און משפחות און די גענויע צאל מענשען פון יעדער משפחה, וואס האבען זיך אומגעקערט צוריק פון בבל קיין ירושלים: די דאזיגע רעגיסטראציע פון די צוריקגעקומענע זעהט אויס צו זיין איינס פון די הויפט־צילען פון אט־דעם בוך; אבער דוקא דא איז פאראן א טעות, וואס צעשטערט די אפזיכט פון דער אונטערנעמונג.

די רעגיסטראציע הויבט זיך אן אזוי (קאפ. 2, פסוק 3): „די קינדער פון פרעוש — צוויי טויזענט הונדערט צוויי־און־זיבעציג". פסוק 4: „די קינדער פון שפטיה — דריי הונדערט צוויי־און־זיבעציג". אויף דעמזעלביגען אופן רעכענט דער שרייבער אויס אלע פאמיליעס; און אין דעם 64־טען פסוק פירט ער אונטער דעם סך הכל און זאגט אזוי: „די גאנצע פארזאמלונג צוזאמען איז געווען צוויי־און־פערציג טויזענט דריי הונדערט און זעכציג".

ווען מיר ווילען אבער זיך נעמען די מיה צוזאמענצורעכענען די אלע געגעבענע צאלען, ווילען מיר אויסגעפינען, אז דער סך הכל איז ניט מעהר, ווי 29,818; עס ווערט אזוי ארום געמאכט דא א טעות אין 12.542. און ווי קאנען מיר גאר נאך דעם זיין זיכער אין עפּיס, וואס ווערט אונז דערציילט אין דער ביבעל?

נחמיה גיט אונז אויך א רשימה פון די צוריקגעקערטע פאמיליעס און די צאל מענשען פון יעדער פאמיליע. פונקט, ווי עזרא, הויבט ער אן אזוי (קאפ. 7, פסוק 8): „די קינדער פון פרעוש — צוויי טויזענט הונדערט צוויי־און־זיבעציג", און א. וו. נחמיה'ס רשימה איז אין איינינע צאלען אנדערש פון עזרא'ס. אין דעם 66־טען פסוק פירט ער אונטער דעם סך הכל מיט דיזעלביגע ווערטער, וואס עזרע: „די גאנצע פארזאמלונג צוזאמען איז געווען צוויי־און־פערציג טויזענט דריי הונדערט און זעכציג". אבער דער סך הכל פון אלע צאלען, וואס ווערען געגעבען אין דער דאזיגער רשימה, איז 31.089, ד. ה. מיט 11,271 ווייניגער.

דאס צווייטע בוך נאך דעם איז מגלת אסתר. אויב אסתר האט געהאלטען פאר א כבוד פארצושלאגען זיך פאר א מעטרעסע

צו אחשורוש'ן, אדער צו ווערען די ליבעס-געגנעריןְ פון ושתי המלכה, וועלכע האט זיך אפגעזאגט צו באווייזען זיך פאר א שכור'ן מלך אין דער מיט פון א שכור'ער קאמפאניע (ווייל עס ווערט דער-ציילט, אז זיי האבען געטרונקען זיבען טעג און זיינען געווען פריי-ליך). איז עס איהר אייגענע און מרדכי'ס אנגעלעגענהייט; אונז איז אבער די גאנצע זאך ווייניג וואס נוגע; א חוץ דעם זעהט עס אוים צו זיין אינגאנצען א פאנטאסטישע געשיכטע, און איז נאך דערצו אויך אנאנים. איך וועל דעריבער גלייך איבערגיין צום ספר א י ו ב.

דער דאזיגער ספר איז אינגאנצען אנדערש פון די ספרים, וואס מיר זיינען דורכגעגאנגען ביז איצט. פאראט און מארד זיינען דא ניט בנמצא; דאס זיינען מעדיטאציעס פון איינעם, וואס איז שטארק געטראפען געווארען אין לעבען, איבער דער ניט-זיכער-קייט פון דעם מענשליכען מזל; אמאל גיט ער זיך אונטער דער ניט-געזעהענער מאכט, וואס אונטער איהר שליטה געפינט זיך דעם מענשען'ס מזל, און אמאל ווייזט ער איהר ארויס א ווידערשטאנד. עס איז א פיינע פארפאסונג, וואו דאס געפיל פון געדולדיגער הכנעה בייט זיך מיט'ן געפיל פון ניט-וויליגער אומצופרידענקייט; דער מענש ווערט דא געוויזען אין דעם מאמענט פון דער העכסטער רעזיגנאציע, וואס איז אפילו איבער זיינע כחות. איוב איז גראד ניט קיין איבעריג גרויסער סבלן; דאס געפיל פון צער ברויזט אין איהם אפטמאל אויף מיט א געוואלטיגער קראפט, אבער ער בא-מיהט זיך אליץ צו האלטען עס אין צאם, און זעהט אויס צו זיין אנטשלאסען ארויפצוצווינגען אויף זיך דעם שווערען חוב פון אנ-נעמען פאר ליב די אלע אומגליקען, וואס באפאלען איהם.

אין דעם ערשטען טייל פון דער „צייט פון פארשטאנד" האב איך גערעדט מיט סימפאטיע וועגען דעם דאזיגען בוך; דעמאלט האב איך אבער נאך ניט געוואוסט, אז עס געהערט ניט, ווי עס ווייזען דאס אלע ראיות, וואס מען קאן נאר ברייגנען, צו דער ביבעל.

איך האב געזעהען די מיינונג פון צוויי אידישע מפרשים, פון אבן-עזרא און שפינאזא, איבער דעם דאזיגען ענין. זיי זאגעןביי-

דע, אַז דאָס בוך א י ו ב טראָגט ניט אין זיך גופא קיין באַווייז, אַז עס איז אַ העברייאיש בוך; אַז סיי דער גייסט פון דעם דאָזיגען ווערק און סיי זיין פאָרם, וועלכע איז דראַמאַטיש, זיינען ניט אידיש; אַז עס איז אַן איבערזעצונג פון אַן אַנדער שפּראַך און אַז דער פאַרפאַסער איז ניט געווען קיין איד; אַז דער כאַראַקטער, וואָס ווערט פאַרגעשטעלט אונטער דעם נאָמען ש ט ן (דער דאָזיגער נאָמען ווערט אגב מעהר ניט דערמאָנט אין דער גאַנצער ביבעל, ווי נאָר אין א י ו ב), אַנטשפּרעכט ניט קיין שום אידישען באַגריף; אַז עס שטימען אויך ניט מיט'ן אידישען גייסט די צוויי פאַרזאַמלונגען, וואָס גאָט האָט אָפּגעהאַלטען מיט די אַזוי גערופענע ז י ן פ ו ן ג אָ ט, ווי אויך די פאַמיליאַרע באַציהונג פון דעם שטן צו דעם אַלמעכטיגען, ווי דאָס ווערט אין דעמזעלביגען בוך געשילדערט.

עס איז אויך לייכט צו זעהן, אַז דאָס בוך איז געשאַפען געוואָרען פון אַ מענשען, וואָס איז געווען געניט אין וויסענשאַפט; אָבער די אידען פון אַמאָל זיינען געווען גאַנץ אומוויסענדיג. מען באַגעגענט דאָ זעהר אָפט אַנדייטונגען אויף ענינים פון דער נאַטור־וויסענשאַפט, וואָס דאָס קאָן באַין אופן ניט געזאָגט ווערען וועגען אַנדערע העברייאישע ביכער. די אַסטראָנאָמישע נעמען פ ל ע י אַ ד ע ן, אַ ר י אָ ן און אַ ר ק ט ו ר ו ס זיינען גריכישע און ניט העברייאישע נעמען; און עס זעהט ניט אויס פון קיין זאַך, וואָס מען קאָן געפינען אין דער ביבעל, אַז די אידען זאָלען האָבען אַ ידיעה אין אַסטראָנאָמיע, אָדער אַז זיי זאָלען זי שטודירען; זיי האָבען ניט געקאָנט איבערזעצען די דאָזיגע נעמען אין זייער אייגענער שפּראַך און האָבען זיי אָנגענומען אַזוי, ווי זיי זיינען אין דער פּאָעמע*).

*) דאָס איז ניט אמת. טאָמאַס פּעין האָט דעם אָריגינאַל פון תנ"ך ניט געלייענט און האָט דעריבער מיט זיין השערה איבער די נעמען פון די הימעל־קערפּער, וואָס ער זאָגט זי דאָ אגב אַרויס, ווי אַ גאַנץ זיכערע זאַך, געטראָפען טאַקע מיט'ן פינגער אין הימעל אַריין. די ווערטער אין העברעאיש זיינען גאַנץ אַנדערש פון די גריכישע (זעה א י ו ב, קאַפּ. 38, פסוקים 31 און 32). — זאָל דאָ ביי דער געלעגענהייט באַמערקט ווערען איינמאָל פאַר אַלע מאָל, אַז די אַלע באַטראַכטונגען איבער דער ביבעל און די אויספירען, וואָס טאָמאַס פּעין דערלויבט זיך דאָ צו

עס איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אז די אידען האָבען איבער־געזעצט אין העברייאיש די ליטעראַרישע ווערק פון ניט־אידען און זיי צונויפגעמישט מיט זייערע אייגענע; דאָס 31־טע קאַפּיטעל פון מ ש ל י איז א באווייז דערפון; עס ווערט דאָרט געזאָגט אזוי (פּסוק 1): „ד י ו ו ע ר ט ע ר פ ו ן מ ל ך ל מ ו א ל, ד י נ ב ו א ה, ו ו אָ ס ז י י ן מ ו ט ע ר ה אָ ט א י ה ם ג ע ל ע ר נ ט“. דער דאָזיגער פּסוק איז, ווי אַן אריינפיר צו די שפּריכווערטער, וואָס פאָלגען נאָך איהם, און זיינען למואל'ס און ניט שלמה'ס שפּריכווערטער; און דער דאָזיגער למואל איז ניט געוועזן קיין קיניג פון ישראל אָדער פון יהודה, נאָר פון עפּיס אַן אַנ־דער לאַנד, און איז ממילא ניט געוועזן קיין איד. די אידען האָבען פונדעסטוועגען אַנגענומען זיינע שפּריכווערטער.

אזוי ווי די אידען קאָנען ניט אַנווייזען, ווער עס איז געוועזן דער פאַרפאַסער פון א י ו ב און פון וואַנען דאָס דאָזיגע בוך האָט זיך צו זיי גענומען, און אזוי ווי עס אונטערשיידט זיך מיט זיין כאַראַקטער פון אַלע אַנדערע העברייאישע שריפטען און איז מיט קיין זאַך ניט פאַרבונדען מיט וואָסער־עס־איז אַנדער בוך אָדער קאַפּיטעל פון דער ביבעל, איז עס גאַנץ קלאָר, אז עס איז לכתחילה געוועזן א ניט־אידיש בוך*).

מאַכען, ליידען בכלל פון א שטאַרקען דילעטאַנטיזם, שוין אָפּגערעדט פון זייער טאָן. דער ענין איז פיל טיפער, ווי טאָמאַס פעין האָט איהם אויפ־געפאַסט. — איבערז.

*) די תפלה, וואָס איז באַוואוסט אונטער'ן נאָמען אַ ג ו ר ' ס ת פ ל ה, אין דעם 30־טען קאַפּיטעל פון מ ש ל י (אַזוי ווערט דאָס דאָזיגע קאַפּיטעל באַטיטעלט אין די קריסטליכע איבערזעצונגען פון דער ביבעל. — איבערז.), איין קאַפּיטעל פאַר למואל'ס שפּריכווערטער, איז די איינציגע פאַרנינפטיגע, פיין־אויפגעפאַסטע און שען־אויסגעדריקטע תפלה, וואָס געפינט זיך אין דער ביבעל, און עס ווייזט אויס, אַז זי איז איבערגענומען געוואָרען פון אַן אַנדער פאָלק. דער נאָמען אגור ווערט, אויסער ווי אין דעם דאָזיגען פאַל, מעהר ניט דערמאָנט; און ער ווערט אַריינגעפירט, אינאיינעם מיט דער תפלה, וואָס ווערט איהם צוגעשריבען, אויף דעמזעלביגען אופן און כמעט מיט דיזעלביגע ווערטער, ווי למואל און זיינע שפּריכווערטער ווערען אריינגעפירט אין דעם צווייטען קאַ־פּיטעל. דער ערשטער פּסוק פון דעם 30־טען קאַפּיטעל לייענט זיך אַזוי: „די ווערטער פון אגור, דעם זון פון יקה, די נבואה“. דאָס וואָרט נבואה ווערט דאָ, אזוי ווי אין דעם פאָלגענדיגען קאַפּיטעל פון למואל, באַנוצט אָן יעדער שייכות צו וואָסער־עס־איז פאָראויסזאָגונג. די תפלה פון אגור

די צוזאַמענשטעלער פון דער ביבעל און די, וואָס האָבען אויס־נעאַרבייט איהר כראָנאָלאָגיע, האָבען, ווייזט אויס, ניט געוואוסט, וואָס צו טון מיט'ן ספר איוב און וואוהין זיי זאָלען איהם אוועק־שטעלען; עס געפינט זיך ניט אין דעם דאָזיגען בוך קיין שום היס־טאָרישע אַנדייטונג, וואָס זאָל קאָנען באַשטימען זיין פּלאַץ אין דער ביבעל. אזוי ווי עס האָט אבער ניט געפּאַסט פאַר די דאָזיגע לייט צו מודה זיין זיך אין זייער אומוויסענקייט, האָבען זיי צוגעשטעלט צום בוך די כראָנאָלאָגישע דאַטע פון 1520 יאָר פאַר קריסטוס'ן, ד. ה. צו דער צייט, ווען די אידען זיינען געווען אין מצרים; און מען קאָן זיי אין דעם פּונקט אזוי גלויבען, ווי ווען מען וואָלט מיר געקאָנט גלויבען, ווען איך וואָלט געזאָגט, אז דאָס בוך איז פאַר־פאַסט געוואָרען מיט טויזענט יאָר פאַר דער דאָזיגער צייט. מען דאַרף פונדעסטוועגען אָננעמען, אז עס איז עלטער פון יעדען אַנ־דערען בוך אין דער ביבעל; און עס איז דאָס איינציגע בוך, וואָס מען קאָן לייענען אָן פאַרדרוס און עקעל.

מיר ווייסען נישט, וואָס אזוינס די אזוי־גערופענע געצענדי־נערישע וועלט האָט פאַרגעשטעלט מיט זיך פאַר דער צייט פון די אידען; די לעצטע האָבען געוויינטליך פאַרלוימדט אַלע אַנדערע פעלקער און ארויסגעשטעלט זייער כאַראַקטער אין א טונקעלען ליכט; און נאָר פון די אידישע דערציילונגען האָבען מיר זיך עס אויסגעלערנט אָנצורופען זיי געצענדינער. אָבער ווי ווייט מיר ווייסען, זיינען זיי, פאַרקערט, געווען יושר'דיגע און מאָראַלישע מענ־שען און ניט איבערגעגעבען, ווי די אידען, צו אכזריות און נקמה. מיר זיינען ניט באַקאַנט געגנוי מיט זייער גלויבען, אָבער עס זעהט אויס, אז זיי פלעגען דאָס גוטע און דאָס שלעכטע פערזאָניפיצירען

לייענט זיך אין דעם 8־טען און 9־טען פסוק אזוי: „דערוויטער פון מיר פאַלשקייט און ליגען; גיב מיר ניט קיין אָרימקייט און ניט קיין רייכ־קייט, נאָר שפּייז מיך מיט מיין ברויט, וואָס איז גוט פאַר מיר. וואָרים טאָמער וועל איך צו זאַט ווערען און דיך פאַרלייקענען, און איך וועל זאָגען: ווער איז דער גאָט? אָדער טאָמער וועל איך פאַראָרימט ווערען און איך וועל גנב'נען, און איך וועל פאַרלעצען דעם נאָמען פון מיין גאָט". די דאָזיגע תפלה זעהט ניט אויס צו זיין א אידישע תפלה, ווייל די אידען פלעגען בעטען גאָט נאָר אין אַן עת צרה, און אַלע מאָל נאָר אויף א נצחון, אויף נקמה און אויף רייכקייט.

דורך סטאטועז און בילדער, ווי דאס ווערט אין אונזער צייט געטון פון דער סקולפטור און דער מאלעריי; עס איז אבער דערפון נאך ניט געדרונגען, אז זיי האבען פארגעטערט די סטאטועז און די בילדער מעהר, ווי מיר טוען דאס איצט.

איך גיי איבער צום **תהלים**, איבער וועלכען עס איז ניט נויטיג פיל צו רעדען. אייניגע קאפיטלען זיינען מאראליש און אנדערע — פול מיט נקמה־געפילען; און דער גרעסטער טייל פון בוך באציהט זיך צו געוויסע ארטיגע אומשטענדען פון דעם אידישען פאלק אין דער צייט, ווען דאס איז געשריבען געווארען, און מיר האבען מיט דעם גארנישט וואס צו טון. עס איז א טעות צוצושרייבען דעם גאנצען בוך צו דוד'ן. עס איז א זאמלונג, פארפאסט פון פארשיידענע דיכטער, וואס האבען געלעבט אין פארשיידענע צייטען. דאס 137־טע קאפיטעל האט ניט געקאנט אנגעשריבען ווערען פריהער, ווי מיט אריבער 400 יאר נאך דוד'ס טויט, ווייל עס איז אנגעשריבען געווארען צום אנדענק פון א געשעהעניש, וואס איז פארגעקומען ערשט אין יענער צייט — צום אנדענק פון גלות בבל. „ביי די טייכען פון בבל — דארט זיינען מיר געזעסען און האבען געוויינט, דערמאנענדיג זיך אן ציון. אויף די ווערבעס האבען מיר אויפגעהאנגען אונזערע הארפען. ווארים דארטען האבען אונזערע פאנגער פארלאנגט פון אונז, מיר זאלען זיי זינגען, און אונזערע אפשפעטער — מיר זאלען זיי פרייליך מאכען. „זינגט אונז די לידער פון ציון!“

איך האב געבראכט די דאזיגע שטעל נאר כדי צו ווייזען נאך איין מאל, ווי ווייט מיר לעבען אין טעות בנוגע צו די פארפאסער פון דער ביבעל. די צוזאמענשטעלער פון דער ביבעל האבען זיך גארנישט גערעכענט מיט דער צייט, פלאץ און אומשטענדען און האבען צו אייניגע ביכער צוגעשטעלט נעמען פון פערזאנען, וואס

האָבען פּונקט אַזוי ניט געקאָנט זיי אָנשרייבען, ווי עס איז אוממעגליך פאַר אַ מענשען נאָכצוגיין נאָך זיין אייגענער לויה.

דאָס בוך מ ש ל י. דאָס דאָזיגע בוך, פּונקט ווי ת ה ל י ם, שטעלט אויך פאָר מיט זיך אַ זאַמלונג, וואָס איהרע שרייבער געהערען ניט צום אידישען פאָלק, ווי איך האָב דאָס געוויזען אין מיין באַמערקונג איבער'ן בוך א י ו ב; אייניגע משלים, וואָס ווערען צוגעשריבען צו שלמה'ן, האָבען ניט געקאָנט ערשיינען פריהער, ווי מיט צוויי הונדערט און פופציג יאָר נאָך שלמה'ס טויט; ווייל עס ווערט געזאָגט אין קאַפּ. 25, פּסוק 1: „א ו י ך ד א ס ז יי נ ע ן ש ל מ ה ' ס מ ש ל י ם, ו ו א ס ד י ל יי ט פ ו ן ח ז ק י ה ו, ד ע ם ק י נ י ג פ ו ן י ה ו ד ת, ה א ב ע ן א י ב ע ר ג ע ז ע צ ט". פון שלמה'ן ביז חזקיהו'ן איז אַ משך פון צוויי הונדערט און פופציג יאָר. ווען אַ מענש איז באַרימט, שרייבט מען איהם צו זאַכען, וואָס ער האָט גאָר קיינמאָל ניט געזאָגט אָדער געטהון, און דאָס איז העכסט־וואַרשיינליך אויך פאָרגעקומען מיט שלמה'ן. עס ווייזט אויס, אַז אין יענער צייט איז עס געווען אין דער מאָדע צו פאַרפאַסען שפּריכווערטער, ווי עס איז היינט אין דער מאָדע צוזאַמענצושטעלען זאַמלונגען פון אַנעקדאָטען און זיי צושרייבען צו מענשען, וואָס האָבען פון זיי גאָרנישט געהערט.

דאָס בוך ק ה ל ת ווערט אויך צוגעשריבען צו שלמה'ן, אָבער שוין מיט מעהר רעכט, אויב ניט אינגאַנצען ריכטיג. דאָס זיינען אומעטיגע געדאַנקען פון אַ מענשען, וואָס איז מיד געוואָרען פון זיין אויסגעלאַסענעם לעבען, ווי דאָס איז פאָרגעקומען מיט שלמה'ן, און, קוקענדיג צוריק אויף די סצענעס, וואָס ער קאָן פון זיי מעהר ניט הנאה האָבען, רופט ער אויס: „ה ב ל ה ב ל!" אַ גרויסער טייל פון די מעטאַפאָרען און געפילען זיינען ניט קלאָר, העכסט־וואַרשיינליך דורך דער איבערזעצונג; עס איז אָבער נאָך פאַרבליבען גענוג צו ווייזען די שטאַרקע אויסדרוקס־קראַפט, וואָס דאָס בוך מוז האָבען אין אָריגינאַל. לויט דעם, וואָס עס ווערט אונז דערציילט פון שלמה'ס כאַראַקטער, איז ער געווען קלוג, אַמביציעז, צעלאָזען, און איז צום סוף פון זיין לעבען אַריינגעפאַלען

אין מרה שחורה. ער האט געלעבט א שטורעמדיג לעבען און איז, א מידער פון דער וועלט, געשטארבען אין עלטער פון אכט־און־פופ־ציג יאר.

זיבען הונדערט ווייבער און דריי הונדערט קעבסווייבער קאנען אפשר ברייגגען מיט זיך אן אילוזיע פון גרויסער פרייד, אבער אין דער אמת'ען מוז דאס צעשטערען דאס גליק פון ליבע, ווייל עס לאזט ניט איבער פאר'ן געפיל קיין באשטימטען פונקט, וואס עס זאל זיך אויף איהם קאנען קאנצענטרירען. אזוי איז טאקע געווען דער פאל מיט שלמה'ן. און אויב ער האט מיט אלע זיינע פרעטענ־ציעס אויף חכמה ניט געקאנט דאס וויסען פאראויס, איז ער ווערט געווען די אלע יסורי הנפש, וואס ער האט שפעטער געליטען. פון דעם דאזיגען שטאנדפונקט איז זיין פרעדיגען גאנץ איבעריג, ווייל כדי צו פארשטיין די רעזולטאטען, איז מעהר ניט נויטיג, ווי נאר צו וויסען די אורזאך. אנשטאט צו געבען אונז דעם בוך, וואלט גע־נוג געווען צו לאזען אונז וויסען וועגען זיינע זיבען הונדערט ווײ־בער און דריי הונדערט קעבסווייבער. עס איז נאך דעם געווען גאנץ איבעריג צו זאגען „הכל הבל ורעות רוח", ווייל עס איז דאך אוממעגליך צו זוכען גליק אין דער געזעלשאפט פון די, וואס מיר בארויבען זיי פון זייער גליק.

כדי צו זיין גליקליך אויף דער עלטער, איז נויטיג, אז מיר זאלען זיך צוגעוואוינען צו זאכען, וואס קאנען אונז באלייטען אויף אונזער גאנצען לעבענס־וועג, און באטראכטען אלע איבעריגע זא־כען פאר גוט אין זייער ציים. דער מענש, וואס זוכט ניט אין לע־בען קיין אנדער זאך, ווי נאר פארגעניגענס, איז אויף דער עלטער אן אומגליקליך באשעפעניש; דערפאר אבער איז די נאטור־וויסענ־שאפט, די מאטעמאטישע און מעכאנישע וויסענשאפט, אן אומ־אויסשעפליכער קוואל פון רוהיגען פארגעניגען; אין שטודירען די דאזיגע זאכען, און ניט אין אבערגלויבענס אדער אין די שווערע דאגמען פון די פריסטער, באשטייט די אמת'ע טעאלאגיע; זי לערנט אונז צו קענען און צו באוואונדערען דעם באשעפער, ווייל די פרינציפען פון דער וויסענשאפט זיינען אין דער באשאפונג און.

ווי די לעצטע, זיינען זיי אויך אומפּאַרענדערליך און פון אַ געטלי־כען מקור.

די, וואָס האָבען געקענט בענדזשאַמין פראַנקלין, וועלען זיך דערמאָנען, אַז זיין גייסט איז שטענדיג יונג געווען און זיין געמיט — שטענדיג לוסטיג; די וויסענשאַפט, וואָס ווערט קיינמאָל ניט אַלט, איז שטענדיג געווען זיין האַרצענס־געליבטע. עס האָט איהם קיינמאָל ניט אויסגעפעלט קיין זאַך, וואָס זאָל פאַרנעמען זיין אינ־טערעס, ווייל ווען דאָס טרעפט מיט אונז, ווערען מיר, ווי אַן אינ־וואַליד, וואָס וואַרט אין שפּיטאָל אויף זיין טויט.

שלמה׳ס געזאַנגען זיינען גאַנץ צערטליך און שטיפעריש, אָבער דער פאַלשער פאַנאַטיזם האָט זיך פונדעסטוועגען ניט אָפּגעשטעלט אויף זיי אָנצורופען געטליך. די ביבעל־צוזאַמענשטעלער האָבען אוועקגעשטעלט שיר השירים נאָך קהלת, און די כראָנאָלאָגיסטען האָבען צוגעגעבען צו שיר השירים די דאַטע פון 1014 יאָר פאַר קריסטוס׳ן, וואָס אין יענער צייט איז שלמה, לויט דער זעלביגער כראָנאָלאָגיע, אַלט געווען ניינצען יאָר און האָט דעמאָלט צוזאַמענגעשטעלט זיין האַרעם פון ווייבער און קעבס־ווייבער. די ביבעל־צוזאַמענשטעלער און די כראָנאָלאָגיסטען וואָלטען באַדאַרפט אביסעל בעסער איינאָרדענען דעם מאַטעריאַל: זיי וואָלטען באַדאַרפט אָדער גאַרנישט זאָגען וועגען דער צייט, אָדער אויסקלייבען אַזאַ צייט, וואָס וואָלט זיך בעסער געפּאַסט צו דער כלומר׳שטיגער הייליגקייט פון די דאָזיגע געזאַנגען, ווייל שלמה האָט זיך דאַן געפונען אויפ׳ן סאַמע שפּיץ פון זיין טויזענדפאַכער אויסגעלאַסענקייט.

זיי וואָלטען אויך באַדאַרפט פאַרשטיין, אַז שרייבענדיג, אויב ער האָט עס נאָר געטון, דעם בוך קהלת אַ לאַנגע צייט נאָך שיר השירים, האָט ער אין זיין אויסגעשריי הכל הבל ורעות רוח אויך איינגעשלאָסען די דאָזיגע גע־זאַנגען. און דאָס איז נאָך זיכערער, ווייל ער אַליין, אָדער אימי־צער אַנדערש זאָגט פאַר איהם (קהלת, קאַפּיטעל 2, פּסוק 8): „עשיתי לי שרים ושרות; והנה (פּסוק 11) הכל הבל ורעות רוח“. אָבער די צוזאַמענשטעלער האָבען געטון זייער

ארבייט נאר אויף העלפט, ווייל אויב זיי האבן אונז געגעבן די שירים, האבן זיי שוין אונז אויך באדארפט געבן די מעלא־דיעס, אז מיר זאלן זיי קאנען זינגען.

די ביכער, וואס ווערען אנגערופען ספרי הנביאים, פילען אויס דעם איבעריגען טייל פון דער ביבעל; זיי זיינען זעכ־צען אין צאל, אנהויבענדיג פון ישעיהו'ן און אויסלאזענדיג מיט מלאכי'ן. וואס זייער רשימה האב איך דא געגעבען פריהער, ווען איך האב גערעדט וועגען דברי הימים. פון די דאזיגע זעכצען נביאים, וואס האבען אלע, אויסער די לעצטע דריי (חגי, זכריה און מלאכי), געלעבט אין דער צייט, ווען עס זיינען געשריבען געווארען די ביכער מלכים און דברי הימים, ווע־רען אין דעם געשיכטליכען טייל פון די דאזיגע ביכער דערמאנט נאר צוויי — ישעיהו און ירמיהו. איך וועל אנהויבען מיט אט־די צוויי, איבערלאזענדיג, וואס איך האב צו זאגען וועגען דעם אלגעמיינעם כאראקטער פון די אזוי־גערופענע נביאים, פאר אן אנדער פלאץ פון דעם דאזיגען בוך.

ווער עס וועט זיך נאר נעמען די מיה צו לייענען דאס בוך, וואס ווערט צוגעשריבען צו ישעיהו'ן, וועט געפינען, אז דאס איז איינע פון די ווילדסטע און אומגעלומפערטסטע פארפאסונגען, וואס זיינען ווען־עס־איז צוזאמענגעשמעלט געווארען; עס האט ניט קיין אנהויב, ניט קיין מיטען און ניט קיין סוף און איז, מיט דער אויס־נאם פון א קורצען היסטארישען טייל און איינינע היסטארישע סקי־צען אין א פאר פון די ערשטע קאפיטלען, אן אויסגוס פון הויך־מליצה'דיגע פראזען, וואס האבען ניט צווישען זיך קיין שום צו־זאמענהאנג. אזוי זעהט עס יעדענפאלס אויס אין דער איבער־זעצונג.

דער היסטארישער טייל הויבט זיך אן ביים 36־טען קאפי־טעל און ציהט זיך ביז'ן סוף פונ'ם 39־טען קאפיטעל. ער באַ־ציהט זיך צו זאכען, וואס זאלען האבען פאסירט אין דער צייט פון חזקיהו, דעם קיניג פון יהודה, וואס דאס איז אויך געווען די צייט, ווען ישעיהו האט געלעבט.

דער דאזיגער היסטארישער פראגמענט הויבט זיך אן און ענ־

דיגט זיך גאַנץ אַפּגעריסען; ער האַט ניט די מינדסטע פאַרבינדונג ניט מיט'ן קאַפּיטעל, וואָס פאַר איהם, ניט מיט'ן קאַפּיטעל, וואָס פאָלגט נאָך איהם, און ניט מיט וואָסער־עס־איז אַנדער טייל פון בוך. עס ווייזט אויס, אַז דעם דאָזיגען פראַגמענט האַט ישעיהו אַליין אַנגעשריבען, ווייל ער האַט זיך אַליין באַטייליגט אין די גע־שעהענישען, וועגען וועלכע עס ווערט דאַ דערציילט; אָבער אַ חוץ דעם דאָזיגען טייל, זיינען אין דעם גאַנצען בוך קוים פאַראַן צוויי קאַפּיטלען, וואָס זאָלען האָבען עפּיס אַ פאַרבינדונג איינס מיט'ן אַנדערען; איין קאַפּיטעל ווערט באַטיטעלט אין אָנהויב פון דעם ערשטען פּסוק: „משא בבל"; אַן אַנדער קאַפּיטעל: משא מואב"; אַן אַנדערס: „משא דמשק"; נאָך אַן אַנדערס: „משא מצרים"; נאָך אַן אַנדערס: „משא מדבר־ים"; און נאָך איינס: „משא גיא חזיון*) — ווי איהר וואָלט, אַשטייגער, געזאָגט: „די מעשה מיט'ן ריטער פון דעם ברענענדיגען באַרג" אָדער „די קינדער אין וואַלד", און אַזוי ווייטער און ווייטער.

איך האָב שוין געוויזען דורכ'ן ביישפּיל פון די לעצטע צוויי פּסוקים פון ד ב ר י ה י מ י ם און די ערשטע דריי פּסוקים פון ע ז ר א, אַז די צוזאַמענשטעלער פון דער ביבעל האָבען צו־נויפגעמישט איינע מיט די אַנדערע די שריפטען פון פאַרשיידענע פאַרפאַסער, וואָס דאָס אַליין, ווען קיין אַנדער באַווייז וואָלט ניט געווען, וואָלט גענוג געווען צו צעשטערען די עכטקייט פון יעדער קאָמפּילאַציע, ווייל דאָס ווייזט זעהר קלאָר, אַז די צוזאַמענשטע־לער אַליין האָבען ניט געוואוסט, ווער עס זיינען געווען די פאַר־פאַסער. אַ זעהר קלאָרער באַווייז דערפון געפינט זיך אין דעם בוך, וואָס ווערט צוגעשריבען צו ישעיה'ן; דער סוף פון דעם 44־טען קאַפּיטעל און דער אָנהויב פון דעם 45־טען האָבען געקאָנט אָנגע־שריבען ווערען נאָר פון אַ מענשען, וואָס האַט געלעבט וועניגס־טענס מיט הונדערט און פופציג יאָר נאָך ישעיה'ס טויט.

די דאָזיגע קאַפּיטלען זיינען אַ לויב צו כורש'ן, וואָס האַט דער־לויבט די אידען אומצוקערען זיך פון גלות בבל קיין ירושלים, ווי־

*) זעה דעם אָנהויב פון קאַפּיטלען 13, 15, 17, 19, 21 און 22.

דער אויפצובויען די שטאט און דעם בית המקדש, ווי דאס ווערט דערציילט אין עזרא. דער לעצטער פסוק פון דעם 44־טען קאפיטעל און דער אנהויב פון דעם 45־טען לייענען זיך אזוי: „דער, וואס זאגט וועגען כורש: ער איז מיין הירט, ער וועט פולקאמען מאכען אלץ, וואס איך באגער, און ער וועט זאגען צו ירושלים, דו זאלסט ווידער אויפגעבויט ווערען, און צו דעם היכל, דו זאלסט ווידער געגרונטפעסטיגט ווערען. אזוי זאגט גאט צו זיין געזאלבטען, צו כורש'ן, וואס איך דערהאלט איהם מיט מיין רעכטער האנט, כדי פעלקער פאר איהם אונטערטעניג צו מאכען, און איך וועל אויפמאכען די לענדען פון מלכים, און איך וועל פאר איהם אויפמאכען די טירען, און די טויערען זאלען ניט פארשלאסען ווערען; איך וועל פאר דיר גיין, און איך וועל דאס קרומע גראד מאכען, איך וועל אויף שטיקער צעברעכען די קופערנע טויערען און די אייזערנע ריגלען וועל איך צעהאקען" און א.וו.

ווי גרויס עס מוז זיין די אומפארשעמטקייט פון דער קירך און די אומוויסענקייט פון די פריסטער צו קאנען ארויפצווינגען אויף דער וועלט דאס דאזיגע בוך, ווי די שריפטען פון ישעיה, בעת דער לעצטער איז, לויט זייער אייגענער כראנאלאגיע, געשטארבען באלד נאך חזקיהו'ן, ד. ה. ארום 698 יאר פאר דער קריסטליכער צייטרעכענונג, און בעת כורש'עס דעקרעט, וואס האט דערלויבט די אידען אומצוקערען זיך צוריק קיין ירושלים, איז, לויט דערזעלביגער כראנאלאגיע, ארויסגעגעבען געווארען מיט 536 יאר פאר קריסטוס'ן, וואס דאס הייסט, אז צווישען די צוויי געשעהענישען איז געווען א משך פון 162 יאר. איך שטעל זיך פאר, אז די קאמפילאטארס פון דער ביבעל האבען ניט פארפאסט אליין די דאזיגע

ביכער, נאָר צונויפגעקליבען איינציגע אנאָנימע ווערק און זיי צו־זאַמענגעשטעלט אינאיינעם אונטער די נעמען פון אַזוינע פּראָפּע־סער, וואָס עס האָט געפּאַסט צום בעסטען. זיי האָבען אַזוי אַרום געהאָלפען פאַרשפּרייטען איבער דער וועלט דעם דאָזיגען ליגען, וואָס דאָס איז כמעט דאָזעלביגע, ווי זיי וואָלטען איהם אליין אויס־געטראַכט, ווייל עס איז דאָך ניט מעגליך, אַז זיי זאָלען איהם ניט האָבען באַמערקט.

ווען מיר זעהען, ווי די צוזאַמענשטעלער פון די „הייליגע שריפ־טען" האָבען אנגעווענדט זייער גאַנצע חריפות צו ווייזען דורך יע־דען טייל פון דעם דאָזיגען פּאַנטאַסטישען בוך די מאָנסטרועזע השגה פון א זון פון גאָט, וואָס א יונגפרוי האָט געבוירען דורך א גייסט, איז גאָר נישטאָ אויף דער וועלט אַזאַ ליגען, וואָס מיר זאָ־לען ניט זיין בארעכטיגט זיי צו פאַרדעכטיגען אין איהם. יעדע פראַזע און יעדע געשעהעניש טראָגט אויף זיך סמנים פון א באַר־באַרישער האַנט, וואָס האָט מיט געוואַלט אַרויפגעצוואונגען אויף זיי א ניט־מעגליכען זין. יעדעם קאַפּיטעל און יעדעם בלעטעל זיינען באַצירט מיט אויבערשריפטען פון די נעמען פון קריסטוס'ן און פון דער קירך, אַזוי אַז דער לייכטגלויביגער לעזער זאָל אריינגענאַרט ווערען אין דעם טעות נאָך איידער ער הויבט אָן צו לייענען.

די ווערטער פון ישעיה (קאַפּ. 7, פּסוק 14) „ז ע ה, ד י י ו נ ג פ ר ו י ו ו ע ט ט ר א ג ע ד י ג ו ו ע ר ע ן א ו ן ג ע ו ו י נ ע ן א ז ו ן" זיינען אויסגעטייטשט געוואָרען אַזוי, אַז דער נביא האָט אונטער זיי געמיינט ישו הנוצרי און זיין מוטער מרים; די דאָזיגע ווערטער האָבען איבער טויזענט יאָר אָפּגעקלונ־גען אין דער קריסטליכער וועלט און אויפגעהויבען אַזאַ שטורעם, אַז עס איז נישטאָ גאָר קיין פּלאַץ אויף דער ערד, וואוהין דער שטורעם האָט נאָר דערגרייכט, וואָס זאָל ניט זיין באַפלעקט מיט בלוט.

כאָטש מיין אַפזיכט איז ניט אריינצולאָזען זיך אין אַזעלכע מיני ויכוחים, נאָר צו ווייזען, אַז די ביבעל איז געפעלשט און אוועק־צירויסען דעם פונדאַמענט, וואָס אויף איהם האַלט זיך דער גאַנצער בנין פון אַבערגלויבענס, וועל איך פונדעסטוועגען זיך דאָ אָפּשטעל־

לען, כדי צו ווייזען, ווי פאלש דער דאזיגער פסוק ווערט אויסגעטייטשט.

אויב ישעיה האט געוואלט מאכען שפאס פון אחז'ן, דעם קיניג פון יהודה, צו וועמען די דאזיגע ווערטער זיינען געווענדט, איז מיר ניט נוגע; איך וויל נאר ווייזען די ניט־ריכטיגע אויסטייטשונג פון דעם פסוק און אז ער באציהט זיך צו קריסטוס'ן און צו זיין מוטער ניט מער, ווי עס באציהט זיך צו מיר און צו מיין מוטער.

די געשיכטע איז אזא: דער מלך פון סיריע און דער מלך פון ישראל (איך האב שוין דערמאנט אין אן אנדער פלאץ, אז די אידען האבען זיך צעשפאלטען אויף צוויי פעלקער, וואס איינס פון זיי האט זיך גערופען יהודה און געהאט ירושלים פאר דער הויפטשטאט, און דאס צווייטע — ישראל) זיינען צוזאמען געגאנגען מלחמה האלטען מיט אחז'ן, דעם מלך פון יהודה, און האבען געצויגען זייערע חילות אויף ירושלים. אויף אחז'ן און זיין פאלק איז אנגעפאלען א פחד און עס ווערט אין ישעיה (קאפיטעל 7, פסוק 2) געזאגט וועגען דעם אזוי: „און זיין הארץ און דאס הארץ פון פאלק האבען געציטערט, ווי די ביימער אין וואלד פון ווינט“.

ביי אזוינע אומשטענדען ווענדט זיך ישעיה צו אחז'ן און פארזיכערט איהם אין דעם נאמען פון גאט, אז די דאזיגע צוויי מלכים וועלען ניט האבען די אויבערהאנט איבער איהם; און כדי צו איבערצייגען אחז'ן, אז אזוי וועט עס זיין, הייסט ער איהם פארלאנגען א צייכען. אחז, ווערט ווייטער דערציילט, האט זיך דערפון אפגעזאגט, דערקלערענדיג, אז ער וויל ניט בריינגען גאט צו א פרואוו; אויף דעם האט ישעיה געענטפערט (פסוק 14): „דערום וועט אייך גאט אליין געבען א צייכען. — זעה, די יונגפרוי וועט טראגעדיג ווערען און זי וועט געווינען א זון“; און דער 16־טער פסוק זאגט ווייטער אזוי: ווארים איידער נאך דאס קינד וועט פארשטיין צו פארווארפען דאס שלעכטע און אויסצוקלייבען דאס גוטע, וועט דאס לאנד (מיינענדיג דערמיט

סיריע און מלכות־ישראל), וואס דו האסט, זיין פארלאזען פון זיינע צוויי מלכים". אט־דא האט איהר דעם צייכען און אויך די באַשרענקטע צייט, ווען דער צוזאג האט באדארפט דערפילט ווערען.— „איידער דאס קינד וועט פארשטיין צו פארווארפען דאס שלעכטע און אויסצוקלייבען דאס גוטע".

אוועק אזוי ווייט, האט ישעיה שוין געמוזט אננעמען ווייטערע מיטלען צו באווייזען דעם צייכען, כדי מען זאל איהם נישט קאָנען באטראכטען פאר א פאלשען נביא, וואס דאס וואלט איהם קיין גוטס ניט געבראכט. עס איז אודאי קיינמאל ניט שווער צו געפינען א מיידעל מיט א קינד, אדער צו לאזען א מיידעל האבען א קינד, און אפשר האט ישעיה געוואוסט פון אזא איינער נאך פון פריהער; ווייל איך גלויב ניט, אז מען האט די נביאים פון יענער צייט געקאנט פארטרויען מער, ווי די פריסטער פון אונזער צייט. אבער ווי די זאך זאל ניט זיין, זאגט ישעיה אין דעם צווייטען קאַפיטעל, פסוק 2: „און איך האב מיר גענומען באגלויבטע עדות, דעם כהן אוריה און זכריהו, דעם זון פון יברכיהו, און **א י ך האב מיך גענענט צו דער נביאה, און זי איז טראגעדיג געווארען און האט געוואונען א זון**".

אט־דאס איז די גאנצע מעשה מיט'ן קינד און מיט דער יונגפרוי; און אויף דער דאזיגער נארישער מעשה, וואס די אומפארשעמטקייט און די נידעריגע אינטערעסען פון די פריסטער פון די שפעטערע צייטען האבען זי גאנץ אפען צעדרייט, איז עס אויפגעבויט געווארען די טעאריע, וואס זיי רופען זי „די הייליגע בשורה טובה"; די דאזיגע מעשה, זאגען זיי, איז אן אנקינדיגונג וועגען ישו הנוצרי, וועלכער זאל האבען געבוירען ווערען פון א יונגפרוי דורך א הייליגען גייסט מיט 700 יאר נאך דעם. ווי אט־די נארישע מעשה איז דערציילט געווארען. עס איז מיין טיפע איבערצייגונג, אז די דאזיגע טעאריע איז אזוי פאנטאסטיש און פאלש, ווי גאט איז אמת'דיג*).

*) אין דעם 14־טען פסוק פון דעם 7־טען קאפיטעל ווערט געזאגט, אז מען זאל דאס קינד א נאמען געבען עמנואל; אבער דער דאזיגער נאָ־

אבער כדי צו זעהן די פאלשקייט פון ישעיה'ן, דארפען מיר נאר דורכקוקען דעם סוף פון דער דאזיגער מעשה, וואס אין דעם ספר ישעיה ווערט ער אגב פארשוויגען; מיר געפינען איהם אין דעם 28־טען קאפיטעל פון דברי הימים ב, וואו עס ווערט דערציילט, אז אנשטאט די צוויי מלכים, וואס זיינען אנגעפאלען אויף אחז'ן, דעם קיניג פון יהודה, זאלען, ווי ישעיה האט עס פאראויסגעזאגט אין דעם נאמען פון גאט, האבען א נידערלאגע, האבען זיי נאר געהאט א נצחון; אחז איז באזיגט און פארניכטעט געווארען, א הונדערט און צוואנציג טויזענט פון זיינע מענשען זיינען אויסגעהרג'עט געווארען, ירושלים איז געווארען אויסראבירט און צוויי הונדערט טויזענט פרויען, זין און טעכטער זיינען אוועקגעפירט געווארען אין געפאנגענשאפט.

דערמיט װעלען מיר שליסען אונזערע באמערקונגען איבער דעם דאזיגען פאלשען נביא און איבער דעם בוך פון פאלשקייטען, וואס טראגט זיין נאמען, און װעלען איבערגיין צום בוך פון ירמיהו.

דער דאזיגער נביא האט געלעבט אין דער צייט, ווען נבוכדנאצר האט באלאגערט ירושלים, אין דער צייט פון צדקיהו, דעם לעצטען מלך פון יהודה, ער איז געווען אונטער א שטארקען פארדאכט, אז ער האט געדינט די אינטערעסען פון נבוכדנאצר'ן. אלץ, וואס באציהט זיך צו ירמיהו'ן, ווייזט איהם, ווי א מענשען מיט א טאפעלטען כאראקטער; אין זיין משל מיט'ן טעפער און דעם ליים (קאפ. 18) דריקט ער זיך אויס אזוי פארזיכטיג, אז ער לאזט פאר זיך איבער אן אפען טירעל צו קאנען דורך דעם אנטלויפען, אין פאל די געשעהניש ווערט זיך ארויסווייזען צו זיין אנדערש, ווי ער האט זי פאראויסגעזאגט.

אין די פסוקים 7 און 8 פון דעם דאזיגען קאפיטעל לאזט ער דעם אלמעכטיגען זאגען אזוי: „אין איין רגע וועל איך רעדען וועגען א פאלק און וועגען א קיניגרייך, אז איך וועל עס אויסרייסען, צעשטערען און פארלענדען. אבער ווען דאס פאלק, וואס איך

מען איז ניט געגעבען קיינעם פון די קינדער. דאס קינד פון דער נביאה האט מען א נאמען געגעבען מהר־שלל־חש־בז, און מרים'ס קינד — ישוע (יעזוס).

האב קעגען איהם גערעדט, קערט זיך צוריק פון זיין שלעכטיגקייט, אזוי האב איך חרטה אויפ'ן בייז, וואס איך האב געטראכט איהם צו טון". דאס איז א באווארעניש קעגען איין זייט פון דער אנגעלעגענהייט; און אט איז די באווארעניש קעגען דער צווייטער זייט.

פסוקים 9 און 10: „און אין אן אנדער רגע וועל איך רעדען וועגען א פאלק און וועגען א קיניגרייך, אז איך וועל עס אויפבויען און פלאנצען. אבער ווען עס טוט דאס, וואס עס איז שלעכט אין מיינע אויגען און געהארכט ניט מיין קול, אזוי האב איך חרטה אויפ'ן גוטען, וואס איך האב געטראכט איהם צו טון". דאס איז א באווארעניש קעגען דער צווייטער זייט. לויט דעם דאזיגען שטייגער פון נביאות־זאגעריי, קאן א נביא קיינמאל ניט האבען קיין טעות, ווי אומגעריכט דער אלמעכטיגער זאל ניט האנדלען. דער דאזיגער מין ארויסדרייען זיך פון א ניט באקוועמער לאגע און דער דאזיגער שטייגער צו רעדען וועגען דעם אלמעכטיגען, ווי וועגען א מענשען, פאסט זיך טאקע נאר פאר דער נארישקייט פון דער ביבעל.

וואס עס איז שייך דער עכטקייט פון דעם בוך, איז גענוג נאר דורכצולייענען עס, כדי צו קומען צו א פאזיטיווען באשלוס, אז ירמיהו איז ניט זיין פארפאסער, כאטש אייניגע שטעלען האבען אפשר געקאנט ארויסגעזאגט ווערען פון איהם.

די היסטארישע טיילען פון דעם בוך, אויב זיי קאנען נאר אנגערופען ווערען מיט דעם דאזיגען נאמען, געפינען זיך דארט אין א זעהר פארפלאנטערטען צושטאנד; איין־און־דיזעלביגע געשעהענישען ווערען דארט עטליכע מאל איבערגע'הזר'ט, און דאס נאך אויף א פארשיידענעם אופן, און אפטמאל אפילו ווידערשפרעכיג איינס צום צווייטען. און די דאזיגע אומארדענונג מערקט זיך ביז'ן לעצטען קאפיטעל, וואו די געשיכטע, מיט וועלכער עס פארנעמט זיך דער גרעסטער טייל פון בוך, הויבט זיך אן אויפסניי און ווערט פלוצלינג אפגעהאקט. דאס דאזיגע בוך זעהט אינגאנצען אויס, ווי א געמיש פון מעשיות וועגען פערזאנען און זאכען פון יענער צייט, וואס זיינען צוזאמענגעקליבען געווארען אזוי, ווי מען וואלט דאס געטון אין היינטיגער צייט, ווען מען וואלט, א שטייגער, גענומען א בינ־

טעל ציי‌טונגען, וואו עס געפינען זיך פאַרשיידענע ווידערשפּרעכיגע מעשיות וועגען פּערזאָנען און זאַכען, און זיי צוזאַמענגעשטעלט אַן דאַטעס, אַן אָרדענונג און אַן דערקלערונגען. איך וועל דאָ ברייננגען א פּאָר ביישפּילען.

לויט עס ווערט דערציילט אין דעם 37־טען קאַפּיטעל, האָט נבוכדנאצר׳ס ארמיי, וואָס ווערט אָנגערופען די ארמיי פון די כאַל־דייער (חיל כשדים), באַלאַגערט א געוויסע צייט ירושלים; און ווען זיי האָבען דערהערט, אַז די ארמיי פון פרעה׳ן, דעם קיניג פון מצרים, גייט אויף זיי, האָבען זיי אָראָפּגענומען די באַלאַגערונג און האָבען אויף א צייט זיך צוריקגעצויגען. כדי צו קאָנען פאַרשטיין די דאָזיגע פאַרפּלאָנטערטע געשיכטע, וועט דאָ זיין אם פּלאַץ צו באַמערקען, אַז נבוכדנאצר האָט באַלאַגערט און גענומען ירושלים אין דער צייט פון יהויקים, צדקיהו׳ס פאָרגייער; אַז נבוכדנאצר האָט עס געמאַכט צדקיהו׳ן פאַר א קיניג, אָדער בעסער, פאַר א וויצע־קיניג; און אַז צו־די צווייטע באַלאַגערונג, וואָס דאָס בוך י ר מ י ה ו רעדט וועגען איהר, איז געשעהען צוליב צדקיהו׳ס מרידה קעגען נבוכדנאצר׳ן. דערמיט ווערט אין א געוויסער מאָס דערקלערט דער חשד, וואָס איז געפאַלען אויף ירמיהו׳ן, אַז ער איז געשטאַנען אויף נבוכדנאצר׳ס צד (אין קאַפּ. 43, פּסוק 10, רופט ירמיהו אַן נבוכדנאצר׳ן „דער דינער פון גאָט“).

דער 11־טער פּסוק פון דעם 37־טען קאַפּיטעל זאָגט אזוי: „און עס האָט געטראָפען, ווען דאָס חיל פון די כשדים איז אָפּגעטראָטען פון ירושלים, פאַר דעם חיל פון פרעוה, אזוי איז ירמיהו אַרויסגע־גאַנגען פון ירושלים צו גיין אין דעם לאַנד פון בנימן, כדי אָפּצו־טיילען זיך דאָרטען פון צווישען דעם פאָלק, און ווען ער איז געווען אין דעם טויער פון בנימן, האָט ער דאָרט געטראָפען א הויפּט פון דער וואַך, וואָס זיין נאָמען איז געווען יראייה, דער זון פון שלמיה, דער זון פון חנניה, און ער האָט אָנגעכאַפּט דעם נביא ירמיהו, און האָט צו איהם אזוי געזאָגט: צו די כשדים ווילסטו איבערגיין? און ירמיהו האָט געזאָגט: עס איז פאַלש, איך גיי ניט איבער צו די כשדים“. ירמיהו איז, לויט דער דאָזיגער דערציילונג, פאַרהאַלטען

און אריינגעזעצט געווארען אין תפיסה אויף דער באשולדיגונג פון פאראט.

אבער אין דעם אנדערען קאפיטעל ווערט געגעבען שוין גאר א נייע געשיכטע וועגען ירמיהו'ס פארהאפטונג, א געשיכטע, וואס האט ניט קיין שום פארבינדונג מיט דער פריהערדיגער. אבער כדי דאס צו פארשטיין, מוזען מיר גיין צוריק צו דעם 21-טען קאפי־טעל. עס ווערט דארט געזאגט (פסוק 1), אז דער קיניג צדקיהו האט געשיקט פשחור'ן, דעם זון פון מלכיה, און צפניה'ן, דעם זון פון מעשיה דעם כהן, צו ירמיהו'ן אנצופרעגען ביי איהם מכח נבוכדנאצר'ן, וואס זיין ארמיי האט זיך דעמאלט געפונען פאר ירושלים. און ירמיהו האט זיי אזוי געזאגט (פסוקים 8 און 9): „אזוי האט גאט געזאגט, זעהט, איך גיב פאר אייך דעם וועג פון לעבען און דעם וועג פון טויט. דער, וואס פארבלייבט אין דער דאזיגער שטאט, וועט שטארבען דורך דער שווערד, דורך הונגער און דורך פעסט; אבער דער, וואס וועט ארויסגיין און וועט זיך איבערגעבען צו די כשדים, וואס באלאגערען אייך, וועט בלייבען לעבען".

דער דאזיגער צוזאמענטרעף פון דעם מלכ'ס שליחים מיט ירמיהו'ן ווערט מיטאמאל איבערגעריסען ביים סוף פון דעם 10-טען פסוק פון דעם 21-טען קאפיטעל; און די אומארדענונג פון דעם דאזיגען בוך איז אזוי גרויס, אז מיר דארפען דורכלייענען גאנצע זעכצען קאפיטלען, וואס רעדען איבער פארשיידענע ענינים, כדי צוצוקומען צו דער פארטזעצונג און די רעזולטאטען פון דעם דאזיגען צוזאמענטרעף, און דאס ברייננט אונז, ווי איך האב עס פריהער געזאגט, צום ערשטען פסוק פון דעם 38-טען קאפיטעל.

דאס קאפיטעל הויבט זיך אן אזוי: „און שפטיה, דער זון פון מתן, און גדליהו, דער זון פון פשחור, און יוכל, דער זון פון שלמיהו, און פשחור, דער זון פון מלכיה (דא ווערען שוין אויסגערעכענט מעהר פערזאנען, ווי אין דעם 21-טען קאפיטעל) האבען געהערט די ווערטער, וואס ירמיהו האט גערעדט צום גאנצען פאלק, אזוי צו זאגען: א ז ו י ז א ג ט ג א ט, ד ע ר, ו ו א ס ו ו ע ט פ א ר ב ל י י ב ע ן א י ן ד ע ר ד א ז י ג ע ר ש ט א ט.

וועט שטאַרבען דורך דער שווערד, דורך הונגער און דורך פעסט; אָבער דער, וואָס וועט אַרויסגיין צו די כשדים, וועט בלייבען לעבען" (דאָס זיינען די זעלביגע ווערטער, וואָס מיר האָבען ציטירט פון דעם 21־טען קאַפּיטעל). און די פירשטען האָבען געזאָגט צום קיניג (צו צדקיהו'ן): „מיר בעטען דיך, לאָז אונז טויטען דעם דאָזיגען מענשען, ווייל ער שוואַכט אָפּ די הענט פון די קריגס־לייט, וואָס זיינען איבערגעבליבען אין דער דאָזיגער שטאָט, און די הענט פון דעם גאַנצען פאָלק, רעדענדיג צו זיי אַזוינע רייד; ווייל דער דאָזיגער מענש זוכט ניט דעם שלום פון פאָלק, נאָר זיין רעה" און אין דעם 6־טען פסוק ווערט געזאָגט אַזוי: „און זיי האָבען גענומען ירמיהו'ן און האָבען איהם אַריינגעוואָרפען אין דער גרוב פון מלכיהו".

די דאָזיגע צוויי דערציילונגען זיינען סותר איינס דאָס אַנדערע. לויט דער ערשטער איז ירמיהו פאַרהאַפט געוואָרען מחמת דעם, וואָס ער האָט געמאַכט אַ פאַרזוך צו אַנטלויפען פון דער שטאָט; און לויט דער צווייטער איז דאָס געשעהען צוליב זיין פּרע־דיגען און נביאות־זאָגען אין דער שטאָט; לויט דער ערשטער, איז ער פאַרהאַלטען געוואָרען פון דעם וועכטער ביים טויער פון שטאָט; לויט דער צווייטער, איז ער פאַרהאַפט געוואָרען אויף דעם באַפעל פון דעם קיניג צדקיהו*).

*) איך האָב באַמערקט צוויי קאַפּיטלען, דעם 16־טען און דעם 17־טען אין שמואל א, וואָס ווידערשפּרעכען איינס דאָס אַנדערע בנוגע צו דוד'ן און דעם אופן, ווי אַזוי ער האָט זיך באַקענט מיט שאול'ן, פּונקט ווי דאָס 37־טע און דאָס 38־טע קאַפּיטעל פון ירמיהו ווי־דערשפּרעכען איינס דאָס אַנדערע בנוגע צו דער אורזאַך פון ירמיהו'ס פאַרהאַפטונג.

אין דעם 16־טען קאַפּיטעל פון שמואל א ווערט געזאָגט, אַז אַ בייזער גייסט פון גאָט האָט געקוועלט שאול'ן און אַז זיינע קנעכט האָ־בען איהם געראָטען (ווי אַ מיטעל) „אויסצוזוכען אַ מאַן, וואָס איז אַ געניטער שפּילער אויף אַ האַרף". און שאול האָט געזאָגט צו זיינע קנעכט (פסוק 17), זוכט דאָך אויס פאַר מיר אַ מענשען, וואָס קען גוט

אין דעם צווייטען קאַפּיטעל (דעם 39־טען) האָבען מיר אַן אַנ־דער ביישפּיל פון דער אומאָרדענונג, אין וועלכער דאָס דאָזיגע בוך געפינט זיך. נישט געקוקט דערויף, וואָס עטליכע פון די פריהער־דיגע קאַפּיטלען, דערהויפּט דאָס 37־טע און דאָס 38־טע, רעדען וועגען דער באַלאַגערונג פון ירושלים דורך נבוכדנאצר׳ן, הויבט זיך דאָס 39־טע קאַפּיטעל אַן אַזוי, גלייך ווי עס וואָלט פריהער קיין וואָרט נישט געזאָגט געוואָרען וועגען דעם דאָזיגען ענין און דער לעזער וואָלט באַדאַרפט אינפאָרמירט ווערען וועגען יעדער איינצעלהייט. דאָס דאָזיגע קאַפּיטעל הויבט זיך אַן אַזוי: אין דעם נייַנטען יאָר פון צדקיהו, דעם קיניג פון יהודה, אין דעם לעצטען חודש, איז נבוכדנאצר, דער קיניג פון בבל, און זיין גאַנץ חיל אַנגעקומען צו ירושלים, און זיי האָבען זי באַלאַגערט.״ און א. וו.

שפּילען, און ברייגגט אים צו מיר. און איינער פון די יונגען האָט געענטפערט און געזאָגט: זעה, איך האָב געזעהען א זון ביי ישי׳ן פון בית־לחם, וואָס איז א געניטער שפּילער, א העלד, א קריגסמאַן, א קלוגער, אַ שעגער, און גאָט איז מיט אים. אַזוי האָט שאול געשיקט שליחים צו ישי׳ן, און האָט געזאָגט: „שיק צו מיר דיין זון דוד״. „און דוד (פּסוק 21) איז געקומען צו שאול׳ן, און ער איז געשטאַנען פאַר אים, און ער האָט אים זעהר געליבט, און ער איז געוואָרען זיין געווער־טרעגער. און ווען דער בייזער גייסט פון גאָט איז געוועזען אויף שאול׳ן (פּסוק 23), און דוד האָט גענומען די האַרף און ער האָט געשפּילט מיט זיין האַנט, אַזוי איז שאול דערקוויקט געוואָרען, און עס איז אים בעסער געוואָרען, און דער בייזער גייסט האָט זיך פון אים אָפּגעטון״.

אָבער לויט דעם אַנדערען, 17־טען קאַפּיטעל, איז די באַקענטשאַפט פון שאול׳ן מיט דוד׳ן פאָרגעקומען גאָר ביי אַנדערע אומשטענדען. דאָס איז געשעהען, בעת דוד האָט זיך געשלאָגען מיט גלית הפלשתי, ווען זיין פאָטער האָט אים געשיקט צו ברייגגען פּראָוויזיע פאַר זיינע ברידער, וואָס האָבען זיך געפונען אין לאַגער. אין פּסוק 55 פון דעם דאָזיגען קאַפּי־טעל ווערט געזאָגט: „און ווען שאול האָט געזעהען, אַז דוד איז אַרויס־געגאַנגען אנטקעגען דעם פלשתי, האָט ער געזאָגט צו אבנר׳ן, דעם הויפּט פון דעם חיל: אבנר, וועמעס זון איז דער דאָזיגער יונג? און אבנר האָט געזאָגט: ביי דיין לעבען, אָ, קיניג, אויב איך וויים! אַזוי האָט דער קיניג געזאָגט: פרעג נאָך, וועמעס זון דער יונג איז. און ווען דוד איז צוריקגעקומען פון שלאָגען דעם פלשתי, אַזוי האָט אים אבנר גענו־מען און האָט אים געבראַכט פאַר שמואל׳ן, און דער קאָפּ פון דעם פלשתי איז געוועזען אין זיין האַנט. און שאול האָט צו אים געזאָגט: וועמעס זון ביסטו, איינגעל? און דוד האָט געענטפערט: איך בין דער זון פון דיין קנעכט ישי, פון בית לחם״. די דאָזיגע צוויי דערציילונגען לייקענען אָפּ איינע די אַנדערע, ווייל עס קומט, לויט זיי, אויס, אַז שאול און דוד האָ־בען זיך פריהער נישט געקענט. דאָס דאָזיגע בוך, די ביבעל, איז צו לעכ־ערליך, אַז מען זאָל עס גאָר קאָנען קריטיקירען.

אבער נאָך א מערקווירדיגערען ביישפּיל געפינען מיר אין דעם לעצטען, 52־טען קאַפּיטעל, וואו די דאָזיגע געשיכטע, וועלכע איז שוין אַזוי פיל מאָל איבערדערציילט געוואָרען, הויבט זיך ווידער אַמאָל אָן גאָר אויפסניי, גלייך ווי דער לעזער וואָלט פון איר גאָרנישט געוואוסט (פּסוק 1): „צדקיהו איז אַלט געווען איין־און־צוואַנציג יאָר, ווען ער האָט אָנגעהויבען קיניגען, און ער האָט געקיניגט עלף יאָר אין ירושלים, און דער נאָמען פון זיין מוטער איז געווען חמוטל, די טאָכטער פון ירמיהו פון לבנה. פּסוק 4: און עס איז געווען אין דעם ניינטען יאָר פון זיין רעגירען, אין דעם צענטען טאָג פון חודש, איז נבוכדנאצר, דער קיניג פון בבל, געקומען, ער און זיין גאַנץ חיל, קעגען ירושלים, און זיי האָבען קעגען איר געלאַגערט און געבויט קעגען איר א וואַל,“ און אַ. וו.

עס איז נישט מעגליך, אַז איין מענש, און דערהויפּט ירמיהו, זאָל קאָנען זיין דער פאַרפאַסער פון דעם דאָזיגען בוך. די טעותים זיינען דאָ אַזוינע, וואָס איין מענש, פאַרפאַסענדיג א בוך, וואָלט זיי גאָרנישט געקאָנט מאַכען. ווען איך, אָדער וואָסער־עס־איז אַנדער מענש, וואָלט געשריבען אויף אַזאַ צעמישטען אופן, וואָלט עס קיינער נישט געלייענט און יעדער איינער וואָלט גערעכענט, אַז דער שרייבער איז געווען אין א צושטאַנד פון וואַנזין. די דאָזיגע אומאָרדענונג לאָזט זיך דערקלערען נאָר דערמיט, וואָס דאָס בוך איז א געמיש פון נישט־צוזאַמענגעבונדענע און נישט־עכטע מעשה׳לעך, וואָס עפּיס א נאַרישער מחבר האָט זיי צונויפגעשטעלט אונטער ירמיהו׳ס נאָמען, ווייל פיל פון זיי באַציהען זיך צו אים און צו די אומשטענדען פון זיין צייט.

איך וועל דאָ ברייגען צוויי ביישפּילען פון ירמיהו׳ס צוויי־פּנים׳דיגקייט און פאַלשער נביאות.

פון קאפיטעל 38 זעהט עס אויס, אז בעת ירמיהו האט זיך געפונען אין געפענגעניש, האט צדקיהו געשיקט נאך אים; און ביי דער דאזיגער צוזאמענרעדונג, וועלכע איז פארגעקומען בסתר, האט ירמיהו אויפגעפאָדערט צדקיהו'ן איבערצוגעבען זיך צום שונא. „אויב — זאגט ירמיהו (פסוק 17) — דו וועסט ארויס־גיין צו די פירשטען פון דעם קיניג פון בבל, אזוי וועט דיין זעל לעבען בליי־בען, און די דאזיגע שטאט וועט נישט פארברענט ווערען, און דו און דיין הויז־געזינט וועלען בלייבען לעבען." צדקיהו האט נישט געוואלט, אז מען זאל זיך דערוויסען, וועגען וואס ער האט גערעדט מיט ירמיהו'ן, און ער האט אים געזאגט (פסוק 25): „און ווען די פירשטען (ד. ה. די פירשטען פון יהודה) וועלען הע־רען, אז איך האב מיט דיר גערעדט, און זיי וועלען צו דיר קומען, און זיי וועלען צו דיר זאגען: דערצייל אונז, וואס דו האסט גע־רעדט מיט'ן קיניג; לייקען עס נישט פון אונז, וועלען מיר דיך נישט טויטען; וואס, אלזוי, האט דער קיניג צו דיר גערעדט? — אזוי זאלסטו זיי זאגען: איך האב געבראכט מיין געבעט פאר'ן קיניג, דאס ער זאל מיך ניט צוריקקערען נאך דעם הויז פון יהונתן, דארט צו שטארבען. און אלע פירשטען זענען געקומען צו ירמיהו'ן און האבען אים געפרעגט, און ער האט זיי געזאגט, וואס דער קיניג האט אים געבאטען צו זאגען." דער דאזיגער געט־ליכער מענש, ווי ער ווערט אנגערופען, האט, הייסט עס, געקאנט זאגען א ליגען אדער ארויסדרייען זיך פון דעם אמת; דער אמת איז דאך, אז ער איז נישט געגאנגען צו צדקיהו'ן פארצולייגען פאר אים זיין בקשה, און ער האט דאס לעצטע בכלל נישט געטון; ער איז געגאנגען, ווייל מען האט געשיקט נאך אים, און ער האט זיך בא־נוצט מיט דער דאזיגער געלעגענהייט צו ראטען צדקיהו'ן איבער־צוגעבען זיך צו נבוכדנאצר'ן.

אין קאפיטעל 34 געפינט זיך אזא נבואה פון ירמיהו'ן צו צדקיהו'ן (פסוק 2): „אזוי זאגט גאט, זעה, איך גיב איבער די דאזיגע שטאט אין דער האנט פון דעם קיניג פון בבל, און ער וועט

זי פאַרברענגען מיט פייער; און דו וועסט נישט אַנטרינען ווערען פון זיין האַנט, און דיינע אויגען וועלען זעהן די אויגען פון דעם קיניג פון בבל, און זיין מויל וועט רעדען צו דיין מויל, און דו וועסט קומען קיין בבל. נאָר הער צו דאָס וואָרט פון גאָט, אָ, צדקיהו, קיניג פון יהודה! אַזוי זאָגט גאָט אויף דיר, דו וועסט נישט שטאַרבען דורך דער שווערד; אין פרידען וועסטו שטאַרבען; און מיט די ברענונגען פון דיינע עלטערען, די ערשטע מלכים, וואָס זיינען געווען פאַר דיר, וועט מען פאַר דיר ברענען, און מען וועט איבער דיר קלאָגען: אָ, האַר! וואָרים איך האָב דאָס וואָרט גערעדט, זאָגט גאָט."

אָבער אַנשטאָט צדקיהו זאָל זעהן דעם קיניג פון בבל און רעדען מיט אים פנים אל פנים, אַנשטאָט ער זאָל שטאַרבען אין פרידען און מען זאָל ביי זיין לויה, ווי ביי די לויות פון זיינע פאַרעלטערען, ברענען שמעקעדיגע ריחות (ווי ירמיהו האָט דאָס דערקלערט אין דעם נאָמען פון גאָט), איז אין דער אמת'ן פאַרגעקומען, לויט עס ווערט דערציילט אין קאַפּיטעל 52, גאָר דער היפוך דערפון; עס ווערט אין דעם דאָזיגען קאַפּיטעל געזאָגט אַזוי (פסוק 10): „און דער קיניג פון בבל האָט געשאָכטען די זין פון צדקיהו פאַר זיינע אויגען; און די אויגען פון צדקיהו האָט ער בלינד געמאַכט, און ער האָט אים געבונדען אין קייטען, און ער האָט אים געבראַכט קיין בבל, און ער האָט אים אַריינגעזעצט אין געפענגעניש ביז צו דעם טאָג פון זיין טויט." וואָס פאַר אַן אַנדער מיינונג קאָנען מיר גאָר דעם האָבען וועגען די דאָזיגע נביאים, גלייב נישט, אַז זיי זיינען געווען ליגנער און פאַרפירער?

וואָס עס איז שייך צו ירמיהו'ן, האָט ער דערביי גאָרנישט געליטען. ער האָט נושא חן געווען ביי נבוכדנאצר'ן, וועלכער האָט אים איבערגעגעבען אונטער דער אויפזיכט פון דעם הויפּט פון דער וואך (קאַפּ. 39, פסוק 12): „נעם אים — האָט נבוכדנאצר געזאָגט — און האַלט דיינע אויגען אויף אים; דו זאָלסט אים גאָר

קיין שלעכטס נישט טון, נאָר אַזוי ווי ער וועט דיר הייסען, אַזוי זאָלסטו טון.‟

ירמיהו איז שפּעטער אַליין איבערגעגאַנגען צו נבוכדנאצר׳ן, און האָט פאַר אים נביאות־געזאָגט קעגען די עגיפּטער, וועלכע זיי־נען געקומען צו הילף דער שטאָט ירושלים, בעת זי איז געווען באַ־לאַגערט. דערמיט וועל איך פאַרענדיגען מיינע באַמערקונגען אי־בער דעם דאָזיגען פאַלשען נביא און איבער דעם בוך, וואָס טראָגט זיין נאָמען.

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט לענגער אויף די ביכער, וואָס ווע־רען צוגערעכענט צו ישעיה׳ן און ירמיהו׳ן, ווייל וועגען די דאָזיגע צוויי נביאים ווערט גערעדט אין מלכים און אין דברי הימים. וועגען די איבעריגע ביכער, וואָס ווערען צוגערעכענט צו די אַזוי־גערופענע נביאים, וועל איך פיל נישט רעדען. איך וועל זיי באַהאַנדלען אַלע צוזאַמען, ווען איך וועל באַלד רעדען איבער דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון די נביאים.

אין דעם ערשטען טייל פון דער „צייט פון פאַרשטאַנד,‟ האָב איך געזאָגט, אַז דאָס וואָרט נביא איז געווען דאָס ביבלישע וואָרט פאַר׳ן באַגריף פּאָעט און אַז די הויכע מליצה פון אידישע פּאָעטען איז שפּעטער אָנגענומען געוואָרען פאַר דעם, וואָס מיר רופען איצט נביאות.

איך האָב גענוג גרונט צו האַלטען זיך ביי דער דאָזיגער מיי־נונג. נישט נאָר זיינען די ביכער פון די אַזוי־גערופענע נביאים געשריבען אין אַ פּאָעטישער שפּראַך, נאָר אין דער גאַנצער ביבעל געפינט זיך נישט קיין שום וואָרט, וואָס זאָל באַצייכענען דאָס, וואָס מיר פאַרשטייען אונטער׳ן וואָרט פּאָעט, סיידען נאָר דאָס וואָרט נביא.

איך האָב אויך געזאָגט, אַז אַמ־דאָס וואָרט באַצייכענט אַ מענ־שען, וואָס שפּילט אויף מוזיקאַלישע אינסטרומענטען. איך האָב דאָס קלאָר געמאַכט דורך אייניגע ביישפּילען, וואָס איינער פון זיי איז דער ביישפּיל פון אַ גאַנצער קאָמפּאַניע נביאים, וואָס האָבען נביאות־געזאָגט מיט פּסאַלטערס, פּייקלער, פּייפּלער, האַרפּען און אַ. וו., און שאול איז געווען צווישען זיי (שמואל א, קאַפּ.

10, פסוק 5). פון דער דאזיגער שטעל, ווי אויך פון אנדערע טיילען פון דעם בוך ש מ ו א ל, זעהט עס אויס, אז דאס ווארט נ ב ו א ה האט נישט באצייכענט קיין שום אנדער זאך, ווי נאר פאעזיע און מוזיק; דער מענש, וואס האט כלומרשט פארמאגט די העלזעהערישע קראפט אריינצודרינגען אין פארבארגענע זאכען, איז נישט געווען קיין נביא, נאר א זעהער (רואה) (ש מ ו א ל א, קאפ. 9, פסוק 9); און ערשט נאכדעם, ווי דאס ווארט ז ע ה ע ר איז ארויס פון געברויך, וואס דאס איז העכסט־ווארשיינליך פארגעקומען, ווען שאול האט פארטריבען פון לאנד די אזוי־גערופענע מכשפים*), האט די פראפעסיע פון א ז ע ה ע ר, אדער די קונסט פון ז ע ה ן, אנגעהויבען באצייכענט ווערען מיט'ן ווארט נ ב י א.

איצט ווערט אונטער'ן ווארט נביא, אדער נביאות־זאגען, פארשטאנען דאס פאראויסזאגען געשעהענישען פון דער ווייטער צוקונפט. און די שאפער פון דער עוואנגעליע זיינען געצוואונגען געווען צוצוגעבען דעם ווארט אט־דעם ברייטען זין, כדי צו קאנען אנווענדען די נביאות־זאגעריי פון דעם אלטען טעסטאמענט צו די צייטען פון דעם נייעם; אבער לויט דעם אלטען טעסטאמענט, האט דאס נביאות־זאגען פון דעם זעהער, און שפעטער פון דעם נביא, אויף וויפיל נאר דאס ווארט נ ב י א האט איינגעשלאסען אין זיך דעם זין פון דעם ווארט ז ע ה ע ר, זיך באצויגען צו זאכען פון דער געגענווארט, אדער פון דער גאנץ נאהענטער צוקונפט, ווי, א שטייגער, צו א שלאכט, צו עפיס א געשעהעניש, וואס האט געהאלטען אין פארקומען, אדער צו עפיס א פארלעגענהייט וואס אימיצער האט זיך אין איר דערמאלט געפונען.

דאס איז געווען פון יענעם מין נביאות־זאגעריי, וואס מיר רופען עס היינט ווארזאגעריי, ווי דאס אויסרעכענען די שטעלונג פון די מזלות אין דער צייט פון א מענשען'ס געבורט, דאס פאראויסזאגען רייכקייט, גליקליכע אדער אומגליקליכע הייראטען, דאס אויסגעפינען דורך כשוף פארלארענע זאכען און א. וו. און עס איז

---

*) „ושאול הסיר את האובות ואת הידעונים מן הארץ" (שמואל א, כח, 3). — איבערז.

צו פארדאנקען דער פאלשקייט פון דער קריסטליכער קירך, און ניט פון די אידען, דער אומוויסענקייט און דער אבערגלויביגקייט פון די מאדערנע, און נישט פון די אמאליגע צייטען, וואס אט־די לייט זיינען מיט זייער פאעזיע און מוזיק, מיט זייער בשוף־מאַ־כעריי און חלומות דערהויבען געווארען צו דער מדרגה, אויף וועל־כער זיי געפינען זיך איצט.

אבער אויסער דעם דאזיגען אלגעמיינעם כאראקטער פון אלע נביאים, האבען זיי אין געוויסע זאכען זיך אפגעשיידט איינע פון די אנדערע.

זיי האבען געהערט צו פארטייען און האבען נביאות־געזאגט פאר זייער אייגענער און קעגען דער געגנערישער פארטיי, פונקט ווי שרייבער פון היינטיגער צייט שרייבען פאר דער פארטיי, מיט וועלכער זיי זיינען פארבונדען, אדער קעגען אן אנדער פארטיי.

נאכדעם, ווי די אידען זיינען צעטיילט געווארען אויף צוויי פעלקער, אויף יהודה און ישראל, האט יעדע פארטיי געהאט אירע נביאים, וואס האבען געזידעלט איינע די אנדערע און באשולדיגט אין פאלשער נביאות־זאגעריי, אין שווינדעל און א. וו.

די נביאים פון יהודה האבען נביאות־געזאגט קעגען די נביאים פון ישראל, און דאס אייגענע פארקערט. די דאזיגע פארטייליכקייט פון די נביאים האט זיך ארויסגעוויזען גלייך נאך דער צעטיילונג, אין דער צייט פון די ערשטע צוויי געגנערישע מלכים, רחבעם און ירבעם. דער נביא, וואס האט געשאלטען דעם מזבח, וועלכען ירבעם האט אויפגעבויט אין בית־אל, אדער נביאות־געזאגט קעגען אים, האט געהערט צו יהודה, וואס האט געהאט רחבעמען פאר א מלך; ווען ער איז געווען אויף'ן וועג אהיים, האט אים אנגעיאגט א נביא פון ישראל און זיך געווענדט צו אים מיט די ווערטער (מלכים א, קאפ. 13; פסוק 14): „ביזטו דער געטליכער מאַן, וואס איז געקומען פון יהודה? און ער האט געזאגט: איך בין דאס." דער נביא פון ישראל האט אים ווייטער געזאגט (פסוק 18): „איך בין אויך א נביא, ווי דו, און א מלאך האט צו מיר גערעדט דורך דעם ווארט פון גאט.

אזוי צו זאגן: קער אים אום צוריק מיט דיר אין דיין הויז אריין, ער זאל עסן ברויט און טרינקען וואסער — אבער ער האט אים געזאגט א ליגן." ווי עס ווערט ווייטער דערציילט, האט דער נביא פון יהודה זיך שוין מער נישט אומגעקערט צוריק א היים: ער איז געפונען געווארן א טויטער אויפ'ן וועג, וואס דער נביא פון ישראל האט אים דערצו געבראכט. אודאי האט דער דאזיגער נביא געהייסן ביי זיין אייגענער פארטיי אן אמת'ער נביא, און דער נביא פון יהודה — א פאלשער.

אין מלכים ב, קאפיטעל 3, ווערט דערציילט וועגן נביאות־זאגן, וואס ווייזט אין אייניגע איינצעלהייטן דעם כאראקטער פון א נביא. יהושפט, דער קיניג פון יהודה, און יהורם, דער קיניג פון ישראל, האבן אויך א צייט פארבויגען זייער פיינטשאפט איינע צו די אנדערע און געשלאסן, אינאיינעם מיט'ן קיניג פון אדום, א בונד צו גיין מלחמה האלטען מיט'ן קיניג פון מואב. די דריי פאראייניגטע מלכים האבן זיך אוועקגעלאזט מיט זייערע ארמייען אין וועג אריין. עס ווערט ווייטער דערציילט, אז עס האט זיי אין מיטן וועג אויסגעפעלט וואסער. „און יהושפט האט געזאגט (פסוק 11): איז דען דא נישט פאראן א נביא פון גאט, אז מיר זאלען דורך אים קאנען אנפרעגען ביי גאט? און איינער פון דעם קיניג פון ישראל האט געזאגט: דא איז אלישע". (אלישע האט געהערט צו יהודה). „און יהושפט (פסוק 12) האט געזאגט: דאס ווארט פון גאט איז מיט אים". די דריי מלכים, ווערט דערציילט, זיינען אוועק צו אלישע'ן. און ווען אלישע (וואס איז, ווי געזאגט, געווען א נביא פון יהודה) האט דערזעהען דעם קיניג פון ישראל, האט ער זיך געווענדט צו אים מיט די ווערטער (פסוק 13): „וואס האבען מיר איינס מיט'ן אנדערען צו טון? גיי דיר צו די נביאים פון דיין פאטער און צו די נביאים פון דיין מוטער. און דער מלך פון ישראל

האט צו אים געזאגט: ניין, ווארים גאט האט צוזאמענגערופען די דאזיגע דריי קיניגען, כדי איבערצוגעבען זיי אין דער האנט פון מואב“ (אין דעם אויספעלען וואסער האט ער געזעהען א צייכען פון גאט). דערויף האט אלישע געענטפערט (פסוק 14): „אזוי וואר, ווי גאט לעבט, וואלט איך נישט געאכט דאס אנגעזיכט פון יהושפט, דעם מלך פון יהודה, וואלט איך אויף דיר נישט געקוקט און דיך נישט געוואלט אנזעהען“. איר פילט דא די גאנצע גראבקייט און בייזקייט פון א פארטייליכען נביא.

מיר וועלען איצט זעהן די פארשטעלונג פון נביאות־זאגעריי. פסוק 15 פון דעמזעלביגען קאפיטעל: „ברייגגט מיר — האט אלישע געזאגט — א שפילער; און עס איז געוועזן, ווען דער שפילער האט געשפילט, אזוי איז די האנט פון גאט געקומען אויף אים“. דאס איז דער לעכערליכער אנשטעל פון דעם כשוף־מאכער. און איצט די נבואה אליין: „און אלישע האט געזאגט: אזוי האט גאט געזאגט, מאכט דעם דאזיגען טאל פול מיט גראבענס“; אבער יעדער דארפסמאן וואלט זיי דאך אז שום קונצען געקאנט זאגען, אז כדי צו קריגען וואסער, דארף מען גראבען די ערד.

יעדער כשוף־מאכער צייכענט זיך אויס אין עפּיס אן אנדער זאך; און דאס אייגענע איז אויך געוועזן מיט די דאזיגע נביאים. כאטש זיי האבען אלע, יעדענפאלס די, וואס איך האב דא פון זיי גערעדט, זיך אויסגעצייכענט אין ליגען־זאגען, האבען אבער אייניגע פון זיי זיך אויך אויסגעצייכענט אין פלוכען. אלישע האט אין דער דאזיגער אפטיילונג פון נביאות פארנומען דעם ערשטען פלאץ; דאס האט ער אין דעם נאמען פון גאט געשאלטען די צוויי־און־פערציג קינדער, וואס צוויי בערען האבען זיי באלד נאך דעם צע־ריסען. מיר דארפען אננעמען, אז די דאזיגע קינדער האבען גע־הערט צו ישראל; אבער אזוי ווי זער, וואס שילט, קאן אויך

ליגען זאגען, מעגען מיר אין דער גאנצער מעשה מיט אלישע'ס צוויי בערען אביסעל מסופק זיין.

עס איז געווען נאך אן אנדער טיפ נביאים, אזוינע, וואס האבען זיך פארנומען מיט חלומות און זעהונגען. די דאזיגע נביאים, אויב אפילו נישט אינגאנצען אומשעדליך, זיינען אבער כמעט גארנישט געווען בייזוויליג. צו זיי געהערען יחזקאל און דניאל.

לייענענדיג די ביכער פון די דאזיגע צוויי נביאים, איז די ערשטע פראגע, וואס מען שטעלט זיך, פונקט ווי ביי אלע אנדערע ביכער פון דער ביבעל — צי זיינען זיי עכט, ד. ה. צי זיינען זיי פארפאסט געווארען טאקע פון די נביאים אליין?

מיר האבען נישט דערויף קיין שום באווייז. אבער איך פערזענליך בין נוטה צו דענקען, אז יחזקאל און דניאל זיינען געווען די פארפאסער פון די ביכער, וואס טראגען זייערע נעמען. די דאזיגע מיינונג שטיצט זיך אויף פאלגענדיגע טעמים: ערשטענס, דערויף, וואס די ביכער האבען נישט אין זיך גופא קיין באווייז, אז זיי זיינען נישט אנגעשריבען געווארען פון יחזקאל און דניאל, ווי די ביכער, וואס ווערען צוגערעכענט צו משה'ן, יהושע'ן, שמואל'ן און א. וו. באווייזען מיט זיך אליין, אז ניט משה, ניט יהושע, ניט שמואל און א. וו. זיינען געווען זייערע פארפאסער; צווייטענס, דערויף, וואס די דאזיגע ביכער זיינען נישט אנגעשריבען פאר דער צייט פון גלות בבל (עס איז אגב פאראן א גוטער גרונט צו גלויבען, אז קיין שום בוך פון דער ביבעל איז נישט אנגעשריבען געווארען פאר דער דאזיגער צייט; מען קאן יעדענפאלס באווייזען דורך די ביכער גופא, ווי איך האב דאס שוין געוויזען פריהער, אז זיי זיינען נישט אנגעשריבען געווארען פאר דעם אנהויב פון דער אידישער מאנארכיע); דער דריטער, און דער לעצטער, גרונט פאר מיין מיינונג איז, וואס די ביכער פון יחזקאל און דניאל שטימען אין זייער פארם מיט די אומשטענדען, אין וועלכע די פארפאסער האבען זיך געפונען.

וואלטען די אלע אומצייליגע מפרשים און פריסטער, וואס האבען אומזיסט פארשוועגדט זייער צייט אויף אויסצוטייטשען

און צו דערקלערען די דאזיגע ביכער, וואלטען זיי, ווי יחזקאל און דניאל, אוועקגעפירט געווארען אין געפאנגענשאפט, וואלט דאס זיי געגעבען מער שכל צו פארשטיין די פארם, אין וועלכער די ביכער זיינען געשריבען געווארען, און זיי וואלטען פארשפארט צו ברעכען זיך דעם קאפ איבער גארנישט: זיי וואלטען אויסגעפונען, אז זיי אליין וואלטען אין אזא לאגע געמוזט שרייבען וועגען זיך, אדער וועגען זייערע פריינט, אדער וועגען זייער לאנד נישט אנדערש, ווי אויף א פארשטעלטען אופן.

די דאזיגע צוויי ביכער שיידען זיך אפ פון אלע איבעריגע דערמיט, וואס זיי זיינען פול מיט חלומות און זעהונגען. ווי געפינענע אין א פרעמדען לאנד, זיינען די שרייבער געצוואונגען געווען איבערצוגעבען אלע זייערע פאליטישע פלענער אדער מיינונגען, און אפילו יעדע מינדסטע קליינינקייט, אין א טונקעלער מעטאפארישער שפראך; רעדען קלאר און דייטליך אין אן איינפאכען לשון איז פאר זיי געווען נישט זיכער, און זיי האבען אלץ, וואס זיי האבען געוואלט ארויסזאגען, ארויסגעזאגט פארשטעלטערהייט, אין דער פארם פון חלומות און זעהונגען. מיר דארפען פונדעסטוועגען אננעמען, אז די מענשען, צו וועמען זיי האבען דאס געשריבען, און טאקע נאר זיי אליין, האבען פארשטאנען, וואס זיי האבען דערמיט געמיינט. אבער די פלייסיגע מפרשים און פריסטער האבען אנגעווענדט זייער גאנצע חריפות אויף אויסצוגעפינען א זאך, וואס איז זיי גארנישט נוגע און וואס איז מיט א כיון געשריבען געווארען אזוי, אז זיי זאלען דאס נישט קאנען פארשטיין.

יחזקאל און דניאל זיינען אוועקגעפירט געווארען אין געפאנגענשאפט קיין בבל ביים ערשטען גלות, אין דער צייט פון יהויקים, ניין יאר פאר דעם צווייטען גלות בבל, וואס איז געשעהען אין צדקיהו'ס צייטען.

די אידען זיינען נאך דעמאלט געווען גרויס אין צאל און האבען געהאט אין ירושלים א באדייטענדע מאכט. עס לאזט זיך גאנץ גוט גלויבען, אז מענשען, וואס זיינען אין דער לאגע פון יחזקאל און דניאל, זאלען טראכטען וועגען דער אויפריכטונג פון זייער לאנד און וועגען זייער אייגענער באפרייאונג; עס לייגט זיך אויך

גאַנץ גוט אויפ'ן שכל, אַז די אַלע חלומות און זעהונגען, וואָס די דאָזיגע ביכער זיינען מיט זיי פול, זיינען געווען ניט מער, ווי אַ מיטעל צו מאַכען זיך לייכטער דאָס צוזאַמענרעדען זיך אַבער אַט־די זאַכען — דאָס איז געווען פאַר זיי אַ מין שיפער אָדער געהיימער אַלפאַבעט. אויב אָבער אַט־די חלומות און זעהונגען זייערע האָבען זיי נישט געדינט פאַר דעם דאָזיגען ציל, זיינען זיי טאַקע נישט מער, ווי פוסטע מעשיות און טרוימערייען, אָדער אין בעסטען פאַל, אַ מיטעל צו מאַכען זיך גרינגער דעם שווערען יאָך פון גלות. די ערשטע השערה איז פונדעסטוועגען אַ מער זיכערע.

יחזקאל'ס בוך הויבט זיך אָן מיט אַ זעהונג פון כרובים און פון אַ ראָד אין דער מיט פון אַ ראָד, וואָס ער האָט געזעהען ביים טייך כבר, אין דעם לאַנד פון זיין געפאַנגענשאַפט. עס איז גאַנץ מעגליך, אַז יחזקאל האָט מיט די כרובים געמיינט דעם בית־המקדש אין ירושלים, וואו עס האָבען זיך טאַקע געפונען געשטאַלטען פון כרובים, און מיט דעם ראָד אין דער מיט פון אַ ראָד (אַ בילדליכע פאָרם פון אויסדרוק, וואָס האָט אַלע מאָל באַטייט פּאָליטישע פּלענער) — די מיטלען אויפצובויען צוריק ירושלים. ביים סוף פון זיין בוך דערציילט ער, אַז ער איז אַריבערגעטראָגען געוואָרען קיין ירושלים, אין דעם בית־המקדש, און זאָגט, אַז די דאָזיגע זעהונג איז געווען, ווי די זעהונג ביים טייך כבר (קאַפּ. 43, פסוק 3); דאָס ווייזט, אַז מען דאַרף אונטער אַט־די כלומר'שטיגע חלומות און זעהונגען נישט זעהן קיין שום אַנדער זאַך, ווי נאָר די אויפבויונג פון ירושלים.

די מפרשים און די פּריסטער האָבען די דאָזיגע ווילדע חלומות און זעהונגען אויסגעטייטשט אויף אַלערליי נישט ווייניגער ווילדע אופנים; אויב מען זאָל זיי גלויבען, איז דאָס אַלץ נביאות־זאַגעריי, וואָס באַציהט זיך אויף צייטען און געשעהענישען פון דער ווייטער צוקונפט, און אפילו אויף דעם היינטיגען טאָג; אָבער דאָס ווייזט נאָר, ווי ווייט די פאַלשקייט פון די גייסטליכע אָדער די אייגענע לייכטגלויביגקייט קאָנען פאַרפירען דעם מענשען.

עס קאָן שווין, דאַכט זיך, גאָרנישט זיין קיין גרעסערער אומזין, ווי צו דענקען, אַז יחזקאל און דניאל, וואָס זייער לאַנד איז באַזיגט

און פארנומען געווארען פון שונא, וואס אלע זייערע קרובים און פריינט זיינען פארטריבען געווארען אין גלות, אדער איבערגעגעבען צו שקלאפעריי, אדער אויסגעהרג'עט, אדער האבען געלעבט אין שטענדיגער סכנה, — אז מענשען אין אזא לאגע זאלען נישט האבען קיין אנדער זאך צו טון, ווי נאר צו פארנעמען זיך מיט זאכען, וואס דארפען טרעפען מיט פרעמדע פעלקער ערשט אין טויזענט אדער צוויי טויזענט יאר ארום; אבער אין דערזעלביגער צייט איז די נאטירליכסטע זאך, אז זיי זאלען האבען געטראכט וועגען דער אויפריכטונג פון ירושלים און וועגען זייער אייגענער באפרייאונג און אז דאס זאל זיין דאס איינציגע ציל פון אלע זייערע טונקעלע שריפטען, וואס זיינען דורכגענומען מיט געפילען פון גרויסען צארען און פארביטערטקייט.

די פארם, אין וועלכער די דאזיגע צוויי ביכער זיינען געשריבען, האט א זין נאר דאן, ווען מיר נעמען אן, אז זי איז ארויפגעצוואונגען געווארען אויף די שרייבער דורך די אומשטענדען; ווען אבער מיר ווילען אט־די ביכער באטראכטען פאר נביאות־זאגעריי, זיינען זיי פאלש.

אין יחזקאל, קאפיטעל 29, וואו עס רעדט זיך וועגען מצרים, ווערט געזאגט אזוי (פסוק 11): „קיין פוס פון א מענשען וועט עס (דאס לאנד מצרים) נישט איבערגיין, און אויך קיין פוס פון א בהמה וועט עס נישט איבערגיין, און עס וועט פערציג יאר פארבלייבען נישט באוואוינט“. דאס איז קיינמאל נישט פארגעקומען און עס איז דעריבער פאלש, ווי אלע ביכער, וואס איך האב ביז איצט באטראכט.

אין דעם ערשטען טייל פון „דער צייט פון פארשטאנד“ האב איך גערעדט וועגען יונה'ן און דער מעשה מיט'ן וואלפיש. עס איז באמת א לעכערליכע געשיכטע. און אפשר איז זי גאר אנגעשריבען געווארען, כדי דורך איר אויסצופרואווען די מענשליכע

לייכטגלויביגקייט, ווייל האט די לעצטע געקאנט פארשלינגען יונה'ן מיט'ן וואלפיש, וועט זי שוין קאנען אלץ פארשלינגען.

ווי איך האב עס שוין געוויזען אין מיינע באמערקונגען איבער'ן בוך א י ו ב און מ ש ל י, קאנען מיר נישט אלע מאל זיין זיכער, צי א בוך אין דער ביבעל איז אריגינעל געשריבען געווארען אין העברעאיש אדער עס איז אן איבערזעצונג פון א נישט-אידישען בוך. און אזוי ווי דאס בוך י ו נ ה באהאנדעלט גארנישט קיין אידישע ענינים, נאר רעדט דורכאוים וועגען ניט-אידען, איז עס טאקע גאנץ מעגליך, אז עס איז נישט קיין אידיש בוך און אז עס איז אנגעשריבען געווארען, ווי א סאטירע אויף דעם שלעכטען פארדארבענעם כאראקטער פון א ביבלישען נביא, אדער א נביאות-זאגענדיגען פריסטער.

יונה ווערט דא, ערשטענס, פארגעשטעלט, ווי א נישט-געהארכזאמער נביא, וואס אנטלויפט פון זיין מיסיע און באהאלט זיך אויס אויף א נישט-אידישער שיף, וואס איז געגאנגען פון יפו קיין תרשיש, גלייך ווי ער וואלט געהאט די נארישקייט צו רעכענען, אז ער קאן זיך ערגיץ אויסבאהאלטען פון גאט. עס האט זיך אויפגעהויבען אויף'ן ים א שטורעמווינט, און די שיפסלייט, וואס זיי זיינען אלע נישט געווען קיין אידען, האבען דאס אנגענומען פאר א שטראף פון גאט, ווייל אויף דער שיף, האבען זיי גערעכענט, האט זיך אודאי געפונען איינער, וואס איז באגאנגען א פארברעכען. זיי האבען באשלאסען אויסצוגעפינען דורך א גורל דעם פארברעכער. דער גורל איז געפאלען אויף יונה'ן. אבער פריהער האבען זיי אריינגעווארפען אין ים אריין די משא, וואס האט זיך געפונען אויף דער שיף, בעת יונה איז, ווי א נארישער יונג, געשלאפען אין דעם פראכטרוים.

ווען עס האט זיך ארויסגעוויזען דורכ'ן גורל, אז יונה איז געווען די סבה פון דעם שטורעמווינט אויפ'ן ים, האבען די שיפסלייט אים געפרעגט, ווער און וואס ער איז. יונה האט זיי געענטפערט, אז ע ר א י ז א א י ד, און עס ווערט פון דער מעשה פארשטאנען, אז ער האט זיך מודה געווען אין זיין שולדיגקייט. אבער

די דאָזיגע לייט, וואָס זיינען נישט געווען קיין אידען, האָבען אים דוקא נישט גלייך אויפ'ן אָרט אומגעבראַכט אָן רחמנות, ווי א קאַמפּאַניע ביבלישע נביאים אָדער פּריסטער וואָלטען אין אזא פאַל געהאַנדעלט מיט א פרעמדען, ווי שמואל האָט, לויט עס ווערט דערציילט אין דער ביבעל, געטון מיט אַגג'ן, אָדער ווי משה איז זיך באַגאַנגען מיט די פרויען און קינדער פון באַזיגטע פעלקער; זיי האָבען, איינשטעלענדיג זייערע אייגענע לעבענס, געוואָלט אים ראַטעווען. עס דערציילט זיך וועגען דעם אַזוי (יונה, קאַפּ. א, פּסוק 13): „פונדעסטוועגען (ד. ה. כאָטש יונה איז געווען א איד און א פרעמדער, און כאָטש ער איז געווען די סבה פון אלע זייערע אומגליקען) האָבען די לייט שווער גערודערט צו ברייגנען די שיף צו דער יבשה, זיי האָבען עס אָבער נישט געקאַנט, ווייל דער ים האָט אַלץ מער און מער געשטורעמט איבער זיי.“ זיי האָבען אָבער נאָך אַלץ נישט געוואָלט אים שלעכטס טון און זיי האָבען גערופען צו גאָט (פּסוק 14): „מיר בעטען דיך, א. גאָט, מיר בעטען דיך, לאָז אונז נישט אומקומען איבער דעם לעבען פון דעם דאָזיגען מענשען, און לייג נישט אויף אונז קיין אומשולדיג בלוט; ווייל דו, א. גאָט, האָסט געטון, ווי דו האָסט געוואָלט.“ מיינענדיג דערמיט, אז זיי האָבען נישט געוואָלט אים פאַר'משפּט'ען, ווייל טאָמער איז ער גאָר אומשולדיג, נאָר זיי האָבען באַטראַכט דעם גורל, וואָס איז אויסגעפאַלען אויף אים, ווי גאָט'ס משפּט. די דאָזיגע תּפלה ווייזט, אז נישט־אידען האָבען אויך געגלויבט אין דעם איין־איינציגען גאָט און זיינען נישט געווען, ווי די אידען האָבען זיי פאַרגעשטעלט, קיין געצעגדינער. אָבער אַזוי ווי דער שטורעם האָט זיך אַלץ נישט איינגעשטילט און די סכנה איז געוואָרען אַלץ גרעסער, האָבען זיי געטון מיט יונה'ן, ווי עס איז אויסגעפאַלען אויף זיין גורל, און אים אריינגעוואָרפען אין ים אריין, וואו א גרויסער פיש האָט אים, ווי עס ווערט דערציילט, איינגעשלונגען א לעבעדיגען.

מיר דארפן זיך איצט פארשטעלן, אז יונה האט אין בויך פון דעם פיש געפונען א זיכערן שוץ קעגן דעם שטורעם. מען דערציילט אונז, אז ער האט דארט גאט געבעטן; אבער זיין תפלה איז צוזאמענגעשטעלט פון פארשיידענע שטיקלעך תהלים, וואס קלעפן זיך נישט איינס צום אנדערן און זיינען צוגעפאסט בלויז צו דעם שטורעמווינט אויפ׳ן ים; אבער גארנישט צו דער לאגע, אין וועלכער ער האט זיך געפונען. דאס איז אזא תפלה, וואס אפילו נישט קיין איד, אויב ער האט נאר געוואוסט עפּיס פון תהלים, האט זי געקאנט צוזאמענשטעלן. פון דעם אליין, ווען אפילו קיין אנדערע באווייזן זאלן נישט זיין, קאן מען שוין זעהן, אז די גאנצע מעשה איז אן אויסגעטראכטע. די תפלה האט פונדעסט־וועגן געהאט א ווירקונג. „און (קאפּ. 2, פּסוק 10) גאט האט געזאגט צו דעם פיש, און דער פיש האט אויסגעשפּיגן יונה׳ן אויף דער יבשה“.

יונה האט דעמאלט באקומען א צווייטע שליחות קיין נינוה און ער איז אהין אוועק זי אויסצופירן. מיר קאנען איצט זעהן יונה׳ן, אלס א פּרעדיגער. די צרות, וואס ער איז אויסגעשטאנען, די ערינערונג פון זיין אייגענער נישט־געהארכזאמקייט, וואס איז געווען די סבה פון זיינע צרות, און זיין ניצול־ווערען פון טויט, וואס איז געשעהען אויף אזא וואונדערליכען אופן, האבען, דאכט זיך, באדארפט אנפילען זיין הארץ מיט ליבע און גוטסקייט צו אנדערע מענשען; אבער אנשטאט דעם, קומט ער אריין אין דער שטאט נינוה מיט א פלוך אויף זיינע ליפען און מיט א געשריי (קאפּ. 3, פּסוק 4): „נאך פערציג טעג — און נינוה וועט פארלענדט ווערען“.

מיר וועלען איצט באטראכטען דעם דאזיגען „שליח פון גאט“ אין דעם לעצטען אקט פון זיין שליחות. און דא באווייזט זיך דער בייזער גייסט פון א ביבלישען נביא, אדער פון א נביאות־זאגענדי־גען פּריסטער, אין זיין גאנצער טייוועלשער שווארצקייט.

ארויסגעזאגט זיין נבואה, איז יונה אוועק אין מזרח־זייט פון דער שטאט. צוליב וואס האט ער דאס געטון? נישט כדי ער זאל דארט קאנען ביחידות פארטראכטען זיך וועגען דעם חסד, וואס גאט

טוט מיט אים און מיט אנדערע מענשען, נאָר כדי צו וואַרטען מיט בייזער אומגעדולד אויף דער פאַרניכטונג פון נינוה. עס האָט זיך אבער געמאכט, אז די מענשען פון נינוה האָבען תשובה געטון אויף זייערע זינד. „און גאָט (קאַפּ. 3, פּסוק 10) האָט חרטה באקומען אויף דעם שלעכטען, וואָס ער האָט זיי געזאָלט טון, און ער האָט עס נישט געטון". דאָס, ווערט ווייטער געזאָגט (קאַפּ. 4, פּסוק 1) „איז יונה'ן זעהר נישט געפעלען, און ער האָט זיך פיל געערגערט". ער האָט אין זיין הארטהארציגקייט געוואָלט בעסער, אז גאַנץ נינוה זאָל פאַרניכטעט ווערען, אז אלע מענשען, יונג און אלט, זאָלען אומקומען אין די חורבות, איידער זיין נבואה זאָל נישט דערפילט ווערען.

כדי נאָך מער ארויסצושטעלען פאַר אונז דעם כאַראַקטער פון א נביא, ווערט דערציילט, אז דאָרט, וואו יונה האָט זיך צוריקגעצויגען, איז איבער נאַכט אויסגעוואַקסען א בלאַט, וואָס האָט מיט זיין שאָטען געזאָלט אים באַשיצען פון דער היץ פון דער זון, ווען עס וואָלט נישט געווען גלייך אין פריהמאָרגען פאַרדאַרט געווארען. אבער דאָס האָט שוין דעם נביא אריינגעבראַכט אין אזא גרימצאָרן, אז ער איז גרייט געווען זיך אליין דורס צו זיין. „עס איז בעסער — האָט ער געזאָגט — פאַר מיר צו שטאַרבען, ווי צו לעבען." ביי דעם טענה'עט זיך דער אלמעכטיגער אוים מיט'ן נביא (קאַפּ. 4, פּסוק 9, און ווייטער): „און גאָט האָט געזאָגט צו יונה'ן: טוסטו גוט צאָרענען איבער דעם בלאַט? און יונה האָט געזאָגט: יאָ, עס פאַרדריסט מיר ביז צום טויט. אזוי האָט גאָט געזאָגט: דו דערבאַרעמסט זיך אויף דעם בלאַט, וואָס נישט דו האָסט זיך אויף אים געמיהט און נישט דו האָסט עס געלאָזט וואַקסען, וואָס איז איבער נאַכט אויפגעגאַנגען און איבער נאַכט אומגעקומען; און זאָל איך זיך נישט דערבאַרעמען אויף דער גרויסער שטאָט

נינוה, וואס עס איז אין איר פאראן איבער צוועלף מאל צען טויזענט מענשען, וואס ווייסען נישט צו אונטערשיידען צווישען זייער רעכטער האנט און זייער לינקער האנט?"

דערמיט ענדיגט זיך די דאָזיגע פאבעלהאפטיגע געשיכטע. ווי א סאטירע, גרייפט זי שאַרף אָן דעם כאַראַקטער פון אלע ביבלישע נביאים און דאָס פאראורטיילען צום אונטערגאנג מענער, פרויען און קינדער גאָר אָן אונטערשייד, וואָס דאָס דאָזיגע פאַלשע בוך, די ביבעל, איז מיט דעם אזוי פול; פאַר אַזעלכע פאלען, ווי דער מבול, ווי די פאַרניכטונג פון סדום און עמורה, אָדער די אויסראַטונג פון די כנענים, פאַר אַט־די אלע פאלען, וואו עס זיינען, לויט דער ביבעל, נישט געשוינט געוואָרען אפילו זויג־קינדער און מעוברת'ע פרייען, גילט דאָך אויך די טענה, אז „עס זיינען דאָרט פאראַן איבער צוועלף מאל צען טויזענט מענשען, וואָס ווייסען נישט צו אונטערשיידען צווישען זייער רעכטער האנט און זייער לינקער האנט", ד. ה. קליינע קינדער. דאָס דאָזיגע בוך לאכט אויך אָפּ פון דער באזונדערער ליבע, וואָס גאָט זאָל כלומרשט פילען צו איין פאָלק.

דער מוסר השכל, וואָס מען קאָן זיך אַראָפּנעמען פון אָט דעם בוך, רעדט קעגען דעם בייזוויליגען גייסט פון נבואה: ווייל אויב א מענש זאגט נאָר פאַר א בייזע זאַך, וועט ער שוין זיין גענייגט צו ווינשען, אז זי זאָל געשעהן. דער שטאָלץ, וואָס עס גיט אים די טרעפענדיגע נביאות־זאָגעריי, מאכט האַרט זיין האַרץ, און ער פילט זיך דעריבער באפרידיגט, ווען זיינע פאָראויסזאָגונגען ווערען דערפילט, און אנטוישט, ווען ער טרעפט נישט מיט זיי. דער סוף פון דעם בוך איז א שטאַרקער אַנגריף קעגען נביאים און זייער נביאות־זאָגעריי, און קעגען דעם פאראורטיילען מאסען מענשען, נישט מאַכענדיג גאָר קיין אונטערשייד צווישען אלט און יונג.

וועגען די אנדערע פאעטישע טיילען פון דער ביבעל, וואס ווערען באצייכענט מיט'ן נאמען נביאות, האב איך שוין גערעדט פריהער. איך האב דארט געזאגט, אז דאס ווארט נביא איז דאס ביבלישע ווארט פאר'ן באגריף פאעט און אז די מליצות פון די דאזיגע פאעטען, וואס פיל פון זיי זיינען, צוליב דער וויטקייט פון צייט און צוליב די ענדערונגען, וואס זיינען זינט דעמאלט פארגעקומען אין דער וועלט, געווארען אומפארשטענדליך, — אז די דאזיגע פאעטישע מליצות זיינען שפעטער אנגענומען געווארען פאר נביאות און אנגעווענדט פאר זאכען, וואס די שרייבער האבען זיי גאר קיינמאל נישט אינזינען געהאט. ווען א פריסטער ציטירט א שטעל פון אט־די שריפטען, דערקלערט ער דאס אויף זיין אייגענעם שטייגער, אין איינקלאנג מיט זיינע אייגענע אנשויאונגען, און צווינגט דאס ארויף אויף זיין געמיינדע, ווי די אריגינעלע מיינונג פון דעם שרייבער. די זונה פון בבל איז געווען די אלגעמיינע זונה פון אלע פריסטער, און איינער האט באשולדיגט דעם צווייטען אין אויפהאלטען אט־די אויסגעלאסענע פרוי*); אט־אזוי האבען זיי דאס געשטימט צווישען זיך אין זייערע דערקלערונגען.

עס זיינען פארבליבען אין דער ביבעל נאך איניגע ביכער, וואס געהערען צו די אזוי־גערופענע קלענערע נביאים; אבער אזוי ווי איך האב שוין געוויזען, אז די גרעסערע פון זיי זיינען געווען פארפירער, וועט פון מיין זייט גארנישט זיין שען צו שטערען די רוה פון די קליינע. זאלען זיי דעריבער רוהיג שלאפען אין שוים פון זייער פלעגער, די פריסטער, און צוזאמען מיט זיי פארגעסען ווערען.

---

*) טאמאס פעין האט דא אינזינען די בארימטע שטעל פון „אנטפלעקונג" (קאפ. 17, פסוקים 4, 5), וואו עס רעדט זיך וועגען דער זונה פון בבל. פראטעסטאנטישע קאמענטאטארס פון דעם נייעם טעסטאמענט אידענטיפיצירען די זונה פון בבל מיט דער הערשאפט פון פויפסט, אנדערע קאמענטאטארס, ווידער, טייטשען דעם פסוק, אז אפאסטעל יוחנן האט דערמיט געמיינט דעם היידנישען רוים, דעם גייסט פון גאטלאזיגקייט און שלעכטס אין אלע זיינע פארשיידענע פארמען, און א. וו. — איבערזעצער.

איך בין דורכגעגאנגען די ביבעל, ווי איינער וואלט דורכגע־גאנגען א וואלד מיט א האק אויפ'ן אקסעל און אויסגעהאקט די בוימער. אט ליגען זיי פאר אייך, און זאלען די פריסטער זיי צו־ריקפלאנצען, אויב זיי קאנען דאס נאר טון. זיי וועלען אפשר קא־נען זיי צוריק ארײנשטעקען אין דעם באדען, זיי וועלען אבער קיינ־מאל נישט קאנען זיי לאזען ווידעראמאל וואקסען. איך וועל איצט איבערגיין צו די ביכער פון דעם **נייעם טעסטאמענט.**

דער נייער טעסטאמענט.

דער נייער טעסטאמענט, זאגט מען אונז, איז געבויט אויף דער נביאות־זאגעריי פון דעם אלטען. אויב אזוי, מוז ער האבען דעמזעלביגען מזל, וואס זיין פונדאמענט.

אזוי ווי עס איז נישט חוץ לדרך הטבע, אז א פרוי זאל מעוברת ווערען פאר דער חתונה, און אז דער זון, וואס זי וועט געבוירען, זאל שפעטער, כאטש א גאנץ אומשולדיגער, הינגעריכט ווערען, האב איך נישט קיין גרונט ניט צו גלויבען, אז אזא פרוי, ווי מרים, און אזוינע מענער, ווי יוסף און ישו, האבען באמת געלעבט. דער בלויזער פאקט פון זייער עקזיסטענץ איז פאר אונז גאנץ אומוויכטיג. עס איז מעגליך, אז אזוינע מענשען, אדער, יעדענפאלס, ענליכע צו זיי, האבען טאקע געלעבט, ווייל אלע פאנטאסטישע געשיכטעס זיינען סוגערירט געווארען דורך אמת'ע געשעהענישען, ווי, א שטייגער, ראבינזאן קרוזא'ס אוואנטורען, וואס קיין ווארט אין זיי איז נישט אמת, זיינען סוגערירט געווארען דורך דעם פאל פון אלעקסאנדער סעלקירק.

די עקזיסטענץ, אדער נישט־עקזיסטענץ פון די דאזיגע פערזאנען אינטערעסירט מיך דא גאנץ וועניג. וואס איך וויל דא באקעמפען, איז די פאבעל וועגען ישו הנוצרי, ווי זי ווערט דערציילט אין דעם נייעם טעסטאמענט, און די ווילדע און פאנטאסטישע לערע, וואס איז אויף איר אויפגעבויט געווארען.

גענומען אזוי, ווי זי ווערט דערציילט אין דעם נייעם טעסטאמענט, איז די מעשה פשוט נישט־אנשטענדיג. עס ווערט אין איר דערציילט וועגען א יונגער פרוי, וואס א גייסט האט, איינפאך גערעדט, זי פארפירט איז דער צייט פון איר פארלויבונג, אונטער'ן אויסרייד, אז (לוקאס, קאפיטעל 1, פסוק 35) „דער רוח הקודש וועט אויף דיר קומען און די מאכט פון דעם אייבערשטען וועט

ד י ך ב א ד ע ק ע ן". יוסף, איר חתן, האט פונדעסטוועגן מיט איר דערנאך חתונה געהאט, געלעבט מיט איר, ווי מיט זיין פרוי, און אזוי ארום קאנקורירט מיט'ן גייסט. אט־דאס איז די געשיכטע, דערציילט אין פשוט'ע ווערטער; און ווען איבערגעגבען אויף אזא שטייגער, דארף זיך יעדער גייסטליכער גאר שעמען צו אנערקענען זי.*)

אין רעליגיעזע ענינים איז אומפארשעמטקייט, ווי פארשטעלט זי זאל נישט זיין, אלע מאל א סמן פון פאלשקייט און ליגען. אונזער ערנסטער גלויבען אין גאט טאר נישט זיין פארבונדען מיט מעשיות, וואס קאנען, ווי די פריהערדיגע מעשה, דערציילט ווערען, ווי א שפאס. די דאזיגע געשיכטע איז פון דעמזעלביגען סארט, ווי די, וואס ווערען דערציילט וועגען יופיטער'ן און לעדא, אדער וועגען יופיטער'ן און אייראפא, אדער וועגען אנדערע ליבעס־אוואנטורען פון יופיטער'ן. און דאס ווייזט, ווי איך האב דאס שוין ארויסגעזאגט אין דעם ערשטען טייל פון „דער צייט פון פארשטאנד", אז די קריסטליכע רעליגיע איז געבויט אויף דער היידנישער מיטאלאגיע.

אזוי ווי די געשיכטליכע טיילען פון דעם נ י י ע ם ט ע ס־ ט א מ ע נ ט, אויף וויפיל זיי האבען נאר צו טון מיט ישו הנוצרי, זיינען באשרענקט אויף זעהר א קורצער צייט, אויף ווייניגער פון צוויי יאר, און אזוי ווי אלץ, וואס ווערט דא דערציילט, קומט פאר אין איין לאנד, און כמעט אויף איין־און־דעמזעלביגען ארט, קאנען מיר נישט ערוואַרטען צו געפינען דא אזוי פיל ווידערשפרוכען אין צייט, פלאץ און אומשטענדען, ווי אין דעם א ל ט ע ן ט ע ס ט א־ מ ע נ ט. דער נייער טעסטאמענט, ווען פארגליכען מיט'ן אלטען, איז ווי א פארס פון איין אקט, וואס עס איז אין אים נישטא גענוג פלאץ פאר זעהר פיל ווידערשפרוכען, כאטש די, וואס זיינען פאַראן, זיינען אויך גאנץ גענוג צו ווייזען, אז די מעשה מיט ישו הנוצרי איז דורכאויס פאלש.

*) מרים, ישוע'ס כלומר'שטיגע יונגפרוי־מוטער, האט געהאט נאך אנדערע קינדער, זין און טעכטער. זעה מ ת י א, קאפ. 13, פסוקים 55, 56.

ווען אַלע טיילען פון אַ מעשה שטימען צווישען זיך, באַווייזט דאָס נאָך נישט, אַז די מעשה איז אַן אמת'ע: די טיילען קאָנען טאַקע צווישען זיך שטימען, און דאָס גאַנצע זאָל דאָך זיין פאַלש. ווען אָבער באַזונדערע טיילען פון אַ מעשה שטימען נישט צווישען זיך, איז דאָס אַ זיכערער באַווייז, אַז דאָס גאַנצע קאָן נישט זיין אמת'דיג; ד. ה., דאָס שטימען פון די טיילען באַווייזט נישט דעם אמת, אָבער דאָס נישט־שטימען באַ־ווייזט זיכער די פאַלשקייט. דאָס איז אַ פעסטגעשטעלטער כלל.

די מעשה מיט ישו הנוצרי געפינט זיך אין די פיר ביכער, וואָס ווערען צוגעשריבען צו מתיא, מאַרקוס, לוקאַס און יוחנן.

דאָס ערשטע קאַפּיטעל פון מתיא הויבט זיך אָן מיט דער גענעאַלאָגיע (סדר היחוס) פון ישו הנוצרי; און אין דעם דריטען קאַפּיטעל פון לוקאַס ווערט אויך געגעבען אַ גענעאַלאָגיע פון ישו הנוצרי. ווען די דאָזיגע צוויי גענעאַלאָגיעס וואָלטען געשטימט צווישען זיך, וואָלט דאָס נאָך נישט באַוויזען, אַז זיי זיינען אמת'דיג, ווייל דאָס וואָלט זיי פונדעסטוועגען נישט געשטערט צו זיין אַ פאַבריצירטע זאַך; אָבער אַזוי ווי זיי ווידערשפּרעכען איינע די אַנדערע אין יעדער איינצעלהייט, זיינען זיי זיכער פאַלש. אויב מתיא זאָגט אמת, זאָגט לוקאַס ליגען, און אויב לוקאַס זאָגט אמת, זאָגט מתיא ליגען; און אַזוי ווי מיר ווייסען נישט, ווער פון זיי ביידען איז מער באַגלויבט, קאָנען מיר נישט גלויבען קיינעם פון זיי; און אויב זיי קאָנען נישט זיין באַגלויבט גלייך אין אָנהויב פון דעם, וואָס זיי קלייבען זיך אונז צו דערציילען, קאָן מען זיי שוין נישט גלויבען אין קיין זאַך, וואָס זיי דערציילען אונז שפּעטער.

דער אמת איז אַן איינהייטליכע זאַך. און וואָס אַנבאַלאַנגט דער געטליכער אינספּיראַציע און אַנטפּלעקונג, קאָנען מיר אין דעם נישט צולאָזען קיין שום ווידערשפּרוך, אויב מיר נעמען נאָר אָן, אַז אַזוינע זאַכען, ווי געטליכע אינספּיראַציע און אַנטפּלעקונג, זיינען מעגליך. אַ ווידערשפּרוך אין דעם דאָזיגען פאַל ווייזט איינס פון די ביידע, — אָדער די אַזוי־גערופענע אַפּאָסטאָלען זיינען פאַר־

פירער, אדער די ביכער זיינען אנגעשריבען געווארען פון אנדערע מענשען און צוגערעכענט צו זיי, ווי מיר האבען דאס געזעהען ביי די ביכער פון דעם אלטען טעסטאמענט.

דאס בוך פון מ ת י א גיט (קאפ. 1, פסוק 6) די גענעא־לאגיע פון דוד'ן ביז ישו הנוצרי, וואס באשטייט אין סך הכל פון א כ ט ־ א ו ן ־ צ ו ו א נ צ י ג דורות; דאס בוך פון ל ו ק א ס גיט דיזעלביגע גענעאלאגיע פארקערט, ד. ה. פון קריסטוס'ן ביז דוד'ן, רעכענענדיג צוזאמען ד ר י י ־ א ו ן פ ע ר צ י ג דורות. אחוץ דעם זיינען איןביידע רשימות גלייך נאר די צוויי נעמען פון יוסף'ן, מרים'ס מאן, און דוד'ן.

איך ברענג דא ביידע גענעאלאגישע רשימות, וואס איך האב זיי, צוליב קלארקייט און צוליב דער מעגליכקייט פון פארגלייך, אויסגעשטעלט אין איין־און־דערזעלביגער ריכטונג, ד. ה. פון יוסף'ן ביז דוד'ן.

	דער סדר היחוס לויט מתיא	דער סדר היחוס, לויט לוקאס		דער סדר היחוס לויט מתיא	דער סדר היחוס, לויט לוקאס
	קריסטוס		23	יהושפט	נרי
2	יוסף	יוסף	24	אסא	מלכי
3	יעקב	עלי	25	אביה	אדי
4	מתן	מתת	26	רחבעם	קוסם
5	אלעזר	לוי	27	שלמה	אלמודם
6	אליהוד	מלכי	28	דוד*)	ער
7	יכין	ינִי	29		יוסי
8	צדוק	יוסף	30		אליעזר
9	עזור	מתתיהו	31		יורים
10	אליקים	עמוץ	32		מתת
11	אביהוד	נחום	33		לוי
12	זרבבל	חסלי	34		שמעון
13	שאלתיאל	נגי	35		יהודה
14	יכניהו	מחת	36		יוסף
15	יאשיהו	מתתיהו	37		יונם
16	אמון	שמעי	38		אליקים
17	מנשה	יוסף	39		מלאה
18	חזקיהו	יודה	40		מנא
19	אחז	יוחנן	41		מתתא
20	יותם	רישע	42		נתן
21	עזיהו	זרבבל	43		דוד
22	יהורם	שאלתיאל			

*) פון דוד'ס געבורט ביז דער געבורט פון קריסטוס'ן איז א משך

אויב די דאזיגע לייט, מתיא און לוקאס, קאנען נישט זיין באגלויבט, ווען זיי דערציילען אונז וועגען קריסטוס׳עס נאטירליכער אפשטאמונג, איז ווי אזוי קאנען מיר זיי גלויבען, ווען זיי זאגען אונז, אז ער איז געווען דער זון פון גאט, געבוירען דורך א גייסט, און אז א מלאך האט דאס בסוד אנגעזאגט זיין מוטער? אויב זיי זיינען פאלש אין איין טייל פון זיין אפשטאם, איז ווי אזוי קאנען מיר זיי גלויבען אין דעם צווייטען טייל? אויב די דאזיגע נאטירליכע גענעאלאגיע איז פאבריצירט געווארען, וואס דאס איז א זיכערע זאך, איז ווארום זאלען מיר נישט אננעמען, אז די הימלישע גענעאלאגיע איז אויך פאבריצירט געווארען און אז די גאנצע מעשה איז אן אויסגעטראכטע?

וועט דען א דענקענדער מענש גאר האבען דעם מוט צו בויען זיין צוקונפטיג גליק אויף דעם גלויבען אין אן אוממעגליכער מעשה וואס איז אפשטויסיג פאר יעדען באגריף פון אנשטענדיגקייט און דערצו נאך דערציילט פון נישט פארטרויענסווערטע מענשען? איז דען נישט מער זיכער אנצונעמען דעם איינפאכען, ריינעם און נישט-געמישטען גלויבען אין „יחדות-הבורא“, אין דעם דעאיזם, איידער אנצונעמען די דאזיגע מאסע אוממעגליכיגע, אומלאגישע, נישט-אנשטענדיגע און ווידערשפרעכיגע מעשיות?

די ערשטע פראגע, וואס מען שטעלט זיך אויף די ביכער פון

פון איבער 1080 יאר; און אזוי ווי די צייט פון קריסטוס׳עס לעבען איז דא נישט איינגעשלאסען, פארבלייבען נאר 27 פולע דורות. כדי צו געפינען דעם דורכשניטליכען עלטער פון יעדען מענשען, וואס ווערט דערמאנט אין דער דאזיגער רשימה, אין דער צייט, ווען זיין ערשטער זון איז געבוירען געווארען, דארפען מיר נאר צעטיילען 1080 אויף 27, וואס דאס מאכט אויס 40 יאר אויף יעדען איינעם. אזוי ווי די מענשען פון יענער צייט האבען געלעבט נישט מער, ווי די מענשען פון היינטיגער צייט, איז גאר נאריש צו רעכענען, אז אין 27 דורות נאכאנאנד זאלען די מענער חתונה האבען, ווען זיי זיינען געווען אלטע בחורים, בפרט נאך, ווען מען דערציילט אונז, אז שלמה, דער דירעקטער נאכקומער פון דוד׳ן, האט געהאט א פולע שטוב מיט ווייבער און געליבטע נאך איידער ער איז אלט געווארען איין-און-צוואנציג יאר. די דאזיגע גענעאלאגיע איז נישט נאר נישט קיין אמת, נאר אפילו נישט קיין קלוגער ליגען. די רשימה פון לוקאס גיט ארום זעקס-און-צוואנציג יאר פאר דעם דורכשניט-עלטער, און דאס איז צופיל.

דעם נייעם טעסטאמענט, אזוי ווי אויף די ביכער פון דעם אלטען, איז — צי זיינען זיי נישט געפעלשט? צי זיינען זיי טאקע אנגעשריבען געווארען פון די מענשען, וועמעס נעמען זיי טראגען? אזוי ווי מיר האבען דא נישט קיין דירעקטען באווייז פאר אדער קעגען דעם דאזיגען פונקט, הייסט עס, אז די גאנצע זאך געפינט זיך אונטער א צווייפעל, און צווייפעל איז דאך דער היפוך פון גלויבען.

עס איז פונדעסטוועגען פאראן א שטארקער גרונט צו גלויבען, אז די ביכער, וואס ווערען צוגערעכענט צו די אזוי־גערופענע עוואנגעליסטען, זיינען געפעלשט און נִיט פון זיי געשריבען. אזא השערה גיט אונז די אומארדענונג פון דעם געשיכטליכען טייל פון די דאזיגע פיר ביכער, דאס, וואס זאכען, דערציילט אין איין בוך, ווערען פארשוויגען אין די אנדערע און די פיל ווידערשפרוכען צווישען איין בוך און דעם אנדערען; דאס ווייזט אויך, אז די ביכער זיינען פארפאסט געווארען פון מענשען, וואס האבען איינער מיט'ן אנדערען נישט געהאט קיין שום שייכות און אין פיל יאר ארום נאך דעם, ווי דאס, וואס זיי דערציילען, איז געשעהען; יעדערער פון זיי האט פארפאסט זיין אייגענע לעגענדע. דאס זיינען, אלזוי, נישט די שריפטען פון מענשען, וואס האבען געלעבט צוזאמען, ווי די אזוי־גערופענע אפאסטאלען, נאר געפעלשטע פארפאסונגען, וואס זיינען, ווי די ביכער פון דעם אלטען טעסטאמענט, ארויסגעגעבען געווארען אונטער פרעמדע נעמען.

די מעשה מיט'ן מלאך, וואס ברייגנט מרים'ן די בשורה וועגען דעם, וואס די קירך רופט אן אומבאפלעקטע באפרוכטונג, ווערט אפילו נישט דערמאנט אין די ביכער, וואס ווערען צוגעשריבען צו מארקוס'ן און יוחנן, און ווערט איבערגעגעבען אין פארשיידענע נסחאות אין די ביכער פון מתיא און לוקאס. אין דעם ערשטען ווערט געזאגט, אז דער מלאך האט זיך באוויזען צו יוסף'ן; און לויט דעם צווייטען, האט ער זיך גאר באוויזען צו מרים'ן. אבער סיי יוסף און סיי מרים זיינען אין דעם

פאַל שלעכטע עדות: וועגן דעם האָבן אַנדערע מענשן באַ־דאַרפט עדות זאָגן פ אַ ר ז י י, אָבער נישט זיי אַליין פאַר זיך. וואָלט היינט אַ מיידעל, וואָס איז מעוברת, געזאָגט, אָדער אפילו געשוואוירען, אז זי איז מעוברת געוואָרען דורך אַ גייסט און אַז אַ מלאך האָט דאָס איר אַליין געזאָגט, וואָלט מען איר דען גע־גלויבט? געוויס נישט. איז וואָרום זאָלען מיר גלויבען אין דער־זעלביגער זאַך אַן אַנדער מיידעל, וואָס מיר האָבען זי קיינמאָל נישט געזעהען און וואָס קיינער וייס נישט פון ווענען, וואו און ווען דאָס איז דערציילט געוואָרען? ווי מאָדנע און נישט־אויסגע־האַלטען עס איז, אַז דיזעלביגע זאַך, וואָס וואָלט אָפּגעשוואַכט דעם גלויבען אַפילו אין אַ מענגליכער מעשה, זאָל גענעבען ווערען, ווי אַ מאָטיוו פאַר גלויבען אין דער מעשה מיט'ן מלאך, וואָס טראָגט אויף זיך יעדען סמן פון אַבסאָלוטער אוממעגליכקייט און פאַלש־קייט!

די מעשה מיט הורדוס'ן, וואָס האָט אומגעבראַכט אַלע קינדער אונטער צוויי יאָר, געהערט אינגאַנצען צום בוך פון מתיא; די איבעריגע ביכער דערמאָנען גאָרנישט וועגן דעם. ווען אַזאַ גע־וואַלטיגע זאַך וואָלט געווען אַן אמת, וואָלט זי געמוזט באַוואוסט ווערען צו אַלע שרייבער און פון קיינעם נישט אויסגעלאָזט. דער דאָזיגער שרייבער, מתיא, דערציילט אונז, אַז ישו האָט אויסגע־מיטען דעם טויט, ווייל אַ מלאך האָט געוואָרענט יוסף'ן און מרים'ן צו אַנטלויפען מיט איהם קיין מצרים; ער האָט אָבער פאַרגעסען צו מאַכען עפּיס אַ באַוואָרעניש פאַר יוחנן המטבל, וואָס איז דעמאָלט אויך אַלט געווען ווייניגער פון צוויי יאָר. אָבער יוחנן, פאַרבלייי־בענדיג אויפ'ן אָרט, האָט זיך פונדעסטוועגען פונקט אַזוי געראַטע־וועט, ווי ישו, וואָס איז אַנטלאָפען; און אַזוי אַרום לייקענט דאָ די מעשה זיך אַליין אָפּ.

קיינער פון די דאָזיגע שרייבער שטימט נישט מיט די איבע־ריגע אין איבערגעבען ג ע נ ו י א י ן ד י ז ע ל ב י ג ע וו ע ר־ ט ע ר די קורצע אויפשריפט, וואָס מען האָט, ווי זיי דערציילען, אַרויפגעזעצט איבער ישוע'ן, ווען ער איז געקרייציגט געוואָרען. אַ חוץ דעם זאָגט מאַרקוס, אַז ע ר איז געקרייציגט געוואָרען אין

דער דריטער שעה (נײַן אינדערפרי), און יוחנן זאגט, אז דאס איז געווען אין דער זעקסטער שעה (צוועלף בייטאג)*).

די אויפשריפט ווערט אין אט־די ביכער איבערגעגעבן אזוי:

מתיא — „דאס איז ישוע, דער מלך פון די אידען.“

מארקוס — „דער מלך פון די אידען.“

לוקאס — „דאס איז דער מלך פון די אי־דען.“

יותנן — „ישוע הנוצרי, דער מלך פון די אידען.“

מיר קאנען זעהן פון דעם דאזיגען פאל, ווי אומוויכטיג ער זאל נישט זיין, אז די שרייבער, ווער זיי זאלען נישט זיין און ווען זיי זאלען נישט האבען געלעבט, זיינען נישט בייגעווען די סצענע פון ישו'ס קרייציגונג. דער איינציגער פון די אזוי־גערופענע אפאס־טאלען, וואס איז, ווייזט אויס, געווען נאהענט פון דעם פלאץ, איז געווען פעטרוס, און ווען מען האט אים באשולדיגט, אז ער איז איינער פון קריסטוס'עס נאכפאלגער, „אזוי האט (מתיא, קאפ. 26, פסוק 74) ער (פעטרוס) אנגעהויבען צו פלוכען און צו שווערען, זאגענדיג: איך קען ניט דעם מאן!“ און דאך הייסט מען אונז גלויבען דעמזעלביגען פעטרוס, וואס איז, לויט זייערע אייגענע ווערטער, באגאנגען דעם פארברעכען פון שווערען פאלש. צוליב וואס זא־לען מיר דאס טון?

וועגען די אומשטענדען, ביי וועלכע די קרייציגונג איז פארגע־קומען, ווערט אויך דערציילט אין די דאזיגע פיר ביכער אויף פאר־שיידענע אופנים.

דאס בוך, וואס ווערט צוגערעכענט צו מתיא'ן, דערציילט ווע־גען דעם אזוי (קאפ. 27, פסוק 45): „און פון דער

*) לויט יוחנן, איז דער טויט־אורטייל ארויסגעגעבען געווארען ערשט ארום דער זעקסטער שעה (צוועלף בייטאג) און ממילא האט די הינריכטונג נישט געקאנט פארקומען פריהער, ווי נאכמיטאג־צייט; אבער מארקוס זאגט אויסדריקליך, אז ישוע איז געקרייציגט געווארען אין דער דריטער שעה (נײַן אינדערפריה), קאפ. 15, פסוק 25, יוחנן, קאפ־יטעל 19, פסוק 14.

זעקסטער שעה איז געווען פינסטער איבער'ן גאנצען לאנד, ביז צו דער ניינטער שעה." פסוק 51, און ווייטער: „און זעה, דער פרוכת פון דעם בית המקדש איז אין צווייען צעריסען געווארען, פון אויבען ביז אראפ, און די ערד האט געציטערט, און די פעלזען האבען זיך געשפאלטען; און די קברים האבען זיך אויפגעמאכט, און פיל הייליגע, וואס זיינען דארט געשלאפען, זיינען אויפגעשטאנען און פון די קברים ארויסגעקומען, נאך זיין אויפשטיין, און זיינען אוועק אין דער הייליגער שטאט, און האבען זיך באוויזען צו פיל מענשען." אט־דאס איז די מעשה, וואס דער היציגער שרייבער פון דעם בוך מתיא דערציילט, און וואס די שרייבער פון די אנדערע ביכער דערמאנען וועגען דעם קיין ווארט נישט.

דער שרייבער פון דעם בוך, וואס ווערט צוגערעכענט צו מארקוס'ן, גיבענדיג א דעטאלירטע דערציילונג וועגען דער קרייציגונג, דערמאנט נישט מיט קיין ווארט ניט וועגען דער ערדציטערניש, ניט וועגען די פעלזען, וואס האבען זיך צעשפאלטען, ניט וועגען די קברים, וואס האבען זיך געעפענט, און ניט וועגען די מתים, וואס זיינען פון דארט ארויסגעקומען. דער שרייבער פון דעם בוך אונטער לוקאס' נאמען פארשוויגט אויך די דאזיגע אלע זאכען. און וואס איז שייך דעם בוך אונטער יוחנן'ס נאמען, ווערט דארט גארנישט געזאגט ניט וועגען דער פינסטערניש, ניט וועגען דעם פרוכת פון בית המקדש, ניט וועגען דער ערדציטערניש, די פעלזען, די קברים אדער די מתים.

אויב אט־די זאכען וואלטען באמת פאסירט און אויב די שרייבער וואלטען געלעבט אין דער צייט, ווען זיי האבען פאסירט און וואלטען טאקע געווען די פערזאנען, וואס מען זאגט אונז, אז זיי זיינען געווען, ד. ה. די פיר מענשען, וואס מען רופט זיי אפאסטאלען,

וואלט גאר אוממעגליך געווען פאר זיי, אז זיי זאלען דאס נישט האבען פארצייכענט, אפילו אן דער הילף פון געטליכער באגייס־טערונג. די דאזיגע זאכען, וועו אנגענומען, ווי פאקטען, זיינען צו עפענטליך, אז זיי זאלען נישט זיין באוואוסט, און צו וויכטיג, אז מען זאל זיי נישט דערציילען.

די אלע אפאסטאלען וואלטען געמוזט זיין עדות פון דער ער־־ציטערניש, אויב זי וואלט נאר באמת פארגעקומען, ווייל עס וואלט דאך אוממעגליך געווען, אז זיי זאלען זי אויסמיידען; דאס עפענען זיך פון קברים און דאס לעבעדיג־ווערען פון טויטע מענשען, ווי אויך זייער ארומגיין איבער דער שטאט, איז נאך וויכטיגער, ווי די ערדציטערניש. אן ערדציטערניש איז אלעמאל מעגליך און נא־טירליך, און באוויזט גארנישט; אבער דאס דאזיגע עפענען זיך פון קברים איז איבערנאטירליך און איין פולען הסכם מיט זייער לערע און זייערע אפאסטעל־אינטערעסען. וואלט דאס נאר געווען אן אמת, וואלט עס שוין אנגעפילט גאנצע קאפיטלען פון די דא־זיגע ביכער און עס וואלט געווען די באליבטסטע טעמע פון אלע שרייבער; אבער אנשטאט דעם, ווערט דארט אפט דערציילט מיט אלע פרטים וועגען גאנץ אומוויכטיגע קלייניגקייטען און פלוידע־רייען, בעת די דאזיגע געשעהעניש, די וויכטיגסטע פון אלע ווערט נאכלעסיג אפגע'פטר'ט מיט איין פעדער־שטריך, און דאס נאר פון איין־איינציגען שרייבער, און אפילו נישט דערמאנט מיט קיין ווארט פון די איבעריגע שרייבער.

עס איז א גרינגע זאך צו זאגען א ליגען, עס איז אבער שווער אויפצוהאלטען אים נאכדעם, ווי ער איז ארויסגעזאגט. דער שריי־בער פון דעם בוך מתיא וואלט אונז באדארפט זאיען, ווער עס זיינען געווען די היילינע, וואס זיינען אויפגעשטאנען תחית המתים און אוועק אין שטאט אריין, וואס עס איז פון זיי דערנאך געווארען, און ווער עס האט זיי געזעהען — צו זאגען, אז ער אליין האט זיי געזעהען, האט ער נישט געהאט דערויף גענוג מוט; צי זיינען זיי ארויסגעקומען נאקעטע און צי זיינען דאס געווען מענער אדער פרויען; צי זיינען זיי ארויסגעקומען אין קליידער און וואו האבען זיי זיי באקומען; צי זיינען זיי אוועק צו זייערע פריהערדיגע וואוי־

נונגען און פאַרלאַנגט צוריק זייערע פרויען, זייערע מאַנען און זייער אייגענטום, און וואָס פאַר אַ קבלת פּנים האָבען זיי באַקומען; צי האָבען זיי אַנגעגעבען אין געריכט פאַר דעם צוריקקער פון זייער אייגענטום, אדער אַנגעקלאַגט די, וואָס האָבען זיך אריינגעריסען אין זייער פּריוואַט־לעבען; צי זיינען זיי פאַרבליבען אויף דער ערד און זיך צוריק פאַרנומען מיט זייער פריהערדיגער באַשעפטיגונג, אַלס ארבייטער אַדער פּרעדיגער; צי זיינען זיי ווידעראַמאָל גע־שטאָרבען, אַדער זיי זיינען לעבעדיגערהייט אוועק צוריק צו זייערע קברים און האָבען זיך אַליין באַגראָבען.

עס איז אודאי אַ מאָדנע זאַך, אַז אַ גאַנצע אַרמיי הייליגע זאָלען אויפשטיין תחית המתים, און קיינער זאָל גאָרנישט וויסען, ווער זיי זיינען, אַדער ווער עס האָט זיי געזעהען, און קיין איבעריג וואָרט זאָל וועגען דעם דאָזיגען ענין נישט ארויסגעזאָגט ווערען. און די הייליגע אַליין זאָלען אונז גאָר קיין זאַך נישט האָבען צו דערציילען! וואָלטען דאָס געווען די נביאים, וואָס האָבען, ווי מען זאָגט אונז, אמאָל נביאות געזאָגט איבער אַט־די געשעהענישען, וואָלטען זיי געמוזט האָבען צו דערציילען אַ ז אַ שיעור זאַכען. זיי וואָלטען אונז געקאָנט אַלץ אויסזאָגען, און מיר וואָלטען אזוי ארום געהאַט נייע פּראָפעצייאונגען, מיט באַמערקונ־גען און קאָמענטאַרען אויף די ערשטע, יעדענפאַלס אביסעל בע־סערע, ווי די, וואָס מיר האָבען איצט. וואָלטען דאָס געווען משה, אהרן, יהושע, שמואל און דוד, וואָלט אין גאַנץ ירושלים נישט פאַרבליבען קיין איינציגער נישט־באַקערטער איד. וואָלט דאָס גע־ווען יוחנן המטבל און די הייליגע פון יענער צייט, וואָלט יעדער איינער זיי געקענט, און זיי וואָלטען מיט זייער פּרעדיגען און רום פאַרטונקעלט אַלע איבעריגע אַפּאָסטאָלען. אָבער אַנשטאָט דעם, האָט מען די דאָזיגע הייליגע געלאָזט פּלוצלינג אויפגיין, ווי יונה'ס בלאַט איז אויפגעגאַנגען, איבער דער נאַכט, נאָר כדי צו פאַרוועל־קען אין פריהמאָרגען.

די מעשה פון ישוע'ס לעבעדיג־ווערען פאָלגט באַלד נאָך דער מעשה פון דער קרייציגונג, און אויך דאָ ווידערשפּרעכען די שרייבער, ווער זיי זאָלען נישט זיין, איינע די אַנדערע אויף אַזוי

פיל, אז עס איז קלאר, אז קיינער פון זיי איז דערביי אליין נישט געווען.

אין דעם בוך פון מתיא ווערט דערציילט, אז ווען מען האט ישוע'ן אריינגעלייגט אין קבר, האבען די אידען פארלאנגט פון פילאטוס'ן, אז ער זאל אוועקשטעלען ביים קבר א וואך, כדי צו פארהיטען, אז ישוע'ס תלמידים זאלען נישט ארויסגנב'ענען זיין קערפער; עס ווערט דארט אויך דערציילט, אז פילאטוס האט נאכגעגעבן זייער פארלאנג און זיי האבען פארזיגעלט דעם שטיין, וואס האט צוגעדעקט די עפענונג פון קבר, און אוועקגעשטעלט א וואך. אבער די אנדערע ביכער דערציילען גארנישט ניט וועגען דער דאזיגער ווענדונג צו פילאטוס'ן, ניט וועגען פארזיגלען דעם שטיין און ניט וועגען דער וואך. לויט דעם, ווי זיי גיבען איבער די דאזיגע מעשה, איז דארט גארנישט געווען קיין וואך. מתיא גיט צו אט־דעם טייל פון דער מעשה מיט דער וואך צו נאך א טייל, וואס איך וועל זיך דערויף שפעטער אפשטעלען. ווי אויף א זאך, וואס דעקט אויף די פאלשקייט פון די דאזיגע ביכער.

דאס בוך פון מתיא דערציילט ווייטער און זאגט (קאפ. 28, פסוק 1), אז נאך מוצאי שבת, ווען עס האט אנגעהויבען טאגען, קעגען דעם ערשטען טאג פון דער וואך, איז מרים המגדלית און די אנדערע מרים געקומען זעהן דעם קבר. מארקוס זאגט, אז דאס איז געווען ביים זון־אויפגאנג, און יוחנן זאגט, אז עס איז געווען פינסטער. לוקאס זאגט, אז עס זיינען געקומען צום קבר מרים המגדלית, יוחנה, מרים, די מוטער פון יעקב, און נאך אנדערע פרויען; און יוחנן זאגט, אז מרים המגדלית אליין איז געקומען. אט־אזוי שטימען זיי דאס אין זייער עדות־זאגען! עס זעהט פונדעסטוועגען אויס, אז זיי האבען מער פון אלץ געוואוסט וועגען מרים המגדלית; זי איז געווען א פרוי, וואס האט געהאט א ברייטע באקענטשאפט, און עס איז דעריבער נישט געווען קיין אויסערגעוויינטליכע זאך צו טרעפען זי אומעטום.

דאס בוך פון מתיא דערציילט ווייטער (פסוק 2): „און זעה, עס איז געשעהען א גרויסע ערדציטערניש, ווארים א מלאך

פון גאט איז אראפגעקומען פון הימעל, און ער איז געגאנגען און האט אוועקגעשארט דעם שטיין פון דער טיר, און האט זיך אויף אים געזעצט". אבער די אנדערע ביכער זאגען גארנישט ניט וועגען דער ערדציטערניש, ניט וועגען דעם מלאך, וואס האט אוועקגעקייקעלט דעם שטיין און זיך אויף אים געזעצט; לויט ווי זיי דערציילען, איז דארט קיין מלאך נישט געזעסען אויפ'ן שטיין. מארקוס זאגט, אז דער מלאך איז געזעסען אינעווייניג אין קבר, ביי דער רעכטער זייט. לוקאס זאגט, אז עס זיינען דארט געווען צוויי מלאכים און זיי זיינען ביידע געשטאנען; און יוחנן זאגט, אז זיי זיינען ביידע געזעסען, איינער — צוקאפענס און דער אנדערער — צופיסענס.

מ ת י א זאגט, אז דער מלאך, וואס איז געזעסען אויפ'ן שטיין, אויסער דעם קבר, האט געזאגט די צוויי מרים'ס, אז ישו איז אויפגעשטאנען, און זיי זיינען שנעל אוועקגעגאנגען פון דארטען. מארקוס זאגט, אז ווען די פרויען האבען מיט פארוואונדערונג דערזעהען, אז דער שטיין איז אוועקגענומען פון קבר, זיינען זיי אריין אינעווייניג און דער מלאך, וואס איז דארט געזעסען ביי דער רעכטער זייט, האט זיי דערציילט וועגען ישו'ס לעבעדיג־ווערען. לוקאס זאגט, אז דאס האבען די צוויי מלאכים, וואס זיינען דארט געשטאנען, דערציילט די פרויען וועגען ישו'ס לעבעדיג־ווערען; און יוחנ'ן זאגט, אז דאס האט ישו הנוצרי אליין דערציילט מרים המגדלית וועגען דעם, און אז זי איז נישט אריינגעגאנגען אינעווייניג אין קבר, נאר זי האט זיך אנגעבויגען און אריינגעקוקט.

ווען די שרייבער פון די דאזיגע ביכער וואלטען געגאנגען אין א געריכט־הויז צו באווייזען אן alibi (ווייל דאס, וואס זיי ווילען דא באווייזען, נעמליך, דאס נישט־ווערען פון א טויטען קערפער מיט דער הילף פון איבערנאטירליכע קרעפטען, טראגט דעם כאראקטער פון אן alibi) און וואלטען דאס געטון אויפ'ן זעלביגען ווידערשפרעכיגען אופן. ווי זיי טוען עס דא, וואלטען זיי געוועזען אין דער געפאר, אז מען זאל זיי אפשניידען די אויערען פאר פאלש־שווערען, און זיי וואלטען דאס מיט רעכט פארדינט. און דאך זיינען אט די ביכער ארויפגעצוואונגען געווארען אויף דער

וועלט, ווי געטליך־באגייסטערטע שריפטען און ווי דאס אומפאר־
ענדערליכע ווארט פון גאט.

דער שרייבער פון דעם בוך מ ת י א גיט צו דער פריהער־
דיגער מעשה צו נאך א טייל, וואס אין די אנדערע ביכער איז דאס
נישטא.

„און ווען זיי — זאגט ער — זיינען אוועקגעגאנגען (ד.ה.
נאכ'ן געשפרעך צווישען די פרויען און דעם מלאך, וואס איז גע־
זעסען אויפ'ן שטיין). אזוי זיינען עטליכע פון דער וואך (מיינענ־
דיג די וואך, וואס איז אוועקגעשטעלט געווארען ביי דעם קבר)
אריינגעקומען אין שטאט, און האבען דערציילט די ראשי כהנים
אלץ, וואס עס איז געשעהען. און זיי האבען זיך פארזאמעלט מיט
די לעצטע און האבען אן עצה געהאלטען, און האבען געגעבען פיל
געלט צו די זעלנער; און האבען געזאגט: איר זאלט זאגען, אז
זיינע תלמידים זיינען ביינאכט געקומען און האבען אים צוגע־
גנב'עט, בעת מ י ר ז י י נ ע ן ג ע ש ל א פ ע ן; און ווען
דער גובערנאטאר וועט דאס דערהערען, וועלען מיר איהם איבער־
רעדען און אייך אויסער געפאר שטעלען. און זיי האבען גענומען
דאס געלט, און האבען געטון, ווי מען האט זיי געלערנט; און די
דאזיגע זאך (ד.ה. אז ישוע'ס תלמידים האבען איהם צוגעגנב'עט)
ווערט געוויינטליך דערציילט צווישען די אידען ביז צום היינטי־
גען טאג".

דער אויסדרוק „ב י ז צ ו ם ה י י נ ט י ג ע ן ט א ג"
ווייזט, אז דאס בוך, וואס ווערט צוגערעכענט צו מתיא'ן, איז
נישט פון איהם געשריבען געווארען, נאר פאבריצירט א לאנגע צייט
נאכדעם, ווי דאס, וואס ווערט דארט דערציילט, איז כלומרשט
געשעהען. עס האט דאך נישט קיין זין צו רעדען אויף אזא אופן
וועגען זאכען, וואס קומען פאר אין אונזער אייגענער צייט. כדי
דער דאזיגער אויסדרוק זאל דא האבען א זין, מוזען מיר אננעמען,
אז צווישען איהם און דער געשעהעניש, אויף וועלכער ער טייט
אן, ליגט וועניגסטענס א צווישען־צייט פון עטליכע דורות.

עס איז אויך כדאי צו באמערקען די אומזיניגקייט פון דער

גאַנצער מעשה, ווייל זי ווייזט, אַז דער שרייבער פון דעם בוך מ ת י א איז געווען אַן אויסערגעוויינטליך שוואַכזיניגער און נאַרישער מענטש. ער דערציילט אַ מעשה, וואָס ווידערשפּרעכט זיך אַליין בנוגע צו איהר מעגליכקייט: אויב מען האָט אַפילו געקאָנט הייסען די וועכטער זאָגען, אַז דער קערפּער איז אַוועקגענומען געוואָרען, בעת זיי זיינען ג ע ש ל אָ פ ע ן, וואָס מחמת דעם האָבען זיי דאָס נישט געקאָנט פאַרהיטען, האָבען זיי אָבער, מחמת דעמזעלביגען שלאָף, אויך נישט געקאָנט וויסען, פון וועמען און ווי אַזוי דאָס איז אָפּגעטון געוואָרען; און דאָך הייסט מען זיי זאָגען, אַז דאָס האָבען געטון ישוע׳ס תלמידים. ווען אימיצער וואָלט אָנגעבאָטען זיין עדות־זאָגען וועגען עפּיס אַ זאַך, וואָס זאָל, לויט זיינע אייגענע ווערטער, האָבען געשעהען, בעת ער איז געשלאָפען, וואָלט אַזאַ מין עדות־זאָגען זיכער נישט געקאָנט אָנגענומען ווערען; אַזאַ עדות־זאָגען קאָן גילטען טאַקע נאָר פאַר דעם ט ע ס ט אַ מ ע נ ט, אָבער נישט פאַר קיין זאַך, וואו עס האַנדעלט זיך וועגען דעם אמת.

איך וועל איצט איבערגיין צו יענעם טייל פון די דאָזיגע ביכער, וואו עס דערציילט זיך וועגען ישוע׳ס כלומר׳שטיגען באַווייזען זיך פאַר מענשען נאָך זיין כלומר׳שטיגען לעבעדיג־ווערען.

דער שרייבער פון דעם בוך מ ת י א דערציילט, אַז דער מלאך, וואָס איז געזעסען אויפ׳ן שטיין ביי דער עפענונג פון קבר, האָט געזאָגט צו די צוויי מרים׳ס (קאַפּ. 28, פּסוק 7): „ז ע ה ט ע ר ג י י ט פ אַ ר א י י ך ק י י ן ג ל י ל; ד אָ ר ט װ ע ט א י ה ר א י ה ם ז ע ה ן; ז ע ה ט, א י ך ה אָ ב ע ס א י י ך ג ע ז אָ ג ט.“ און דערזעלביגער שרייבער לאָזט אין די אַנדערע צוויי פּסוקים (8, 9) ישוע׳ן אַליין רעדען וועגען דערזעלביגער זאַך צו די דאָזיגע פרויען באַלד נאָכדעם, ווי דער מלאך האָט זיי דאָס געזאָגט; די פרויען זיינען שנעל אַוועק איבערצוגעבען דאָס צו די תלמידים; און אין פּסוק 16 ווערט געזאָגט אַזוי. „און ד י ע ל ף ת ל מ י ד י ם ז י י נ ע ן א ו ו ע ק ק י י ן ג ל י ל, צום באַרג, וואָס ישוע האָט זיי געהייסען; און ווען זיי האָבען איהם דערזעהען, האָבען זיי זיך געבוקט פאַר איהם.“

אבער דער שרייבער פון דעם בוך י ו ח נ ן דערציילט אונז שוין גאַר אַן אנדער געשיכטע. עס ווערט אין דעם דאָזיגען בוך געזאָגט אַזוי (קאַפּ. 20, פסוק 19) : „א ו ן א י ן אַ ו ו ע נ ט פ ו ן ד ע מ ז ע ל ב י ג ע ן ט אַ ג, ו ו אַ ס א י ז ג ע ו ו ע ן ד ע ר ע ר ש ט ע ר ט אַ ג פ ו ן ד ע ר ו ו אָ ך (ד.ה. אין דעמזעלביגען טאָג, וואס ישוע זאָל האָבען אויפגעשטאַנען פון קבר). ו ו ע ן ד י ט י ר ע ן א י ן ד ע ם פ ל אַ ץ, ו ו אַ ו ד י ת ל מ י ד י ם ז י י נ ע ן ז י ך צ ו ז אַ מ ע נ ג ע ק ו ־ מ ע ן, א ו י ס מ ו ר א פ אַ ר ד י א י ד ע ן, ז י י נ ע ן ג ע ו ו ע ן פ אַ ר ש ל אָ ס ע ן, א י ז י ש ו ע ג ע ק ו מ ע ן א ו ן ז י ך ג ע ש ט ע ל ט צ ו ו י ש ע ן ז י י.“

לויט מ ת י א ׳ ן, זיינען די עלף תלמידים געגאַנגען קיין גליל צו באַגעגענען דאָרט ישוע׳ן, אויף דעם לעצטענס אייגענעם באַפעל, אין דערזעלביגער צייט, ווען זיי האָבען, לויט ווי עס ווערט דערציילט אין דעם בוך פון י ו ח נ ן, זיך פאַרזאַמעלט גאַר אין אַן אנדער פלאַץ, און ניט אויף ישוע׳ס באַפעל, נאָר אין געהיים, אויס מורא פאַר די אידען.

דער שרייבער פון דעם בוך ל ו ק אַ ס ווידערשפּרעכט מתיא׳ן נאָך פיל מער, ווי דאָס טוט יוחנן : ער זאָגט אויסדריקליך, אַז דער צוזאַמענטרעף איז פאָרגעקומען אין י ר ו ש ל י ם, אין אָוועגט פון דעמזעלביגען טאָג, וואָס ער (ישו הנוצרי) איז אויפגע־שטאַנען, און אַז די ע ל ף זיינען ד אָ ר ט געווען (זעה ל ו ־ ק אַ ס, קאַפּ. 24, פסוקים 13 און 33).

עס איז נישט מעגליך· סיידען מיר וועלען אנערקענען פאַר די אַזוי גערופענע תלמידים דאָס רעכט צו זאָגען ליגען, אַז דער שריי־בער פון די דאָזיגע ביכער זאָל קאָנען זיין איינער פון די עלף מענ־שען, וואָס ווערען אָנגערופען תלמידים ; ווייל אויב די עלף, ווי מ ת י א דערציילט, זיינען אוועק קיין גליל צו באַגעגענען אויף א באַרג ישוע׳ן, לויט זיין, ישוע׳ס, אייגענעם באַפעל, אין דערזעל־ביגען טאָג, ווען ער איז אויפגעשטאַנען פון קבר, האָבען לוקאַס און יוחנן באַדאַרפט זיין צוויי פון די דאָזיגע עלף ; און דאָך זאָגט דער שרייבער פון דעם בוך ל ו ק אַ ס אויסדריקליך, און דער

שרייבער פון יוחנן טייט דערויף אן, אז דער צוזאמענטרעף איז פארגעקומען דעמזעלביגען טאג, אין א הויז, אין ירושלים; און פון דער אנדער זייט, אויב די עלף תלמידים האבען, לויט לוקאס און יוחנן, זיך פארזאמעלט אין א הויז, אין ירושלים, האט דאך מתיא באדארפט זיין איינער פון זיי, און דאך זאגט מתיא, אז דער צוזאמענטרעף איז פארגעקומען אויף א בארג, אין גליל; דאס אלץ ווייזט קלאר, אז די ביכער לייקענען מיט די פרטים, וואס זיי דערציילען, אפ איינע די אנדערע.

דער שרייבער פון דעם בוך מארקוס זאגט גארנישט וועגען דעם צוזאמענטרעף אין גליל; ער זאגט אבער (קאפ. 16, פסוק 12), אז ישוע האט, נאך זיין לעבעדיג-ווערען, זיך באוויזען אין אן אנדער געשטאלט צו צוויי פון די תלמידים, ווען זיי זיינען ארויסגעקומען אין פרייען פעלד; זיי האבען עס דערציילט די איבעריגע, וועלכע האבען אין דעם נישט געגלויבט.

לוקאס דערציילט אויך א מעשה, אין וועלכער ער האלט ישוע'ן באשעפטיגט דעם גאנצען טאג פון זיין בלומר'שטיגען לעבעדיג-ווערען, ביז'ן אווענט, וואס דאס מאכט אינגאנצען צונישט די מעשה מיט'ן גיין צום בארג, אין גליל. ער זאגט ווייטער, אז צוויי פון זיי (ער זאגט נישט, וועלכע צוויי)*) זיינען אין דעמזעלביגען טאג געגאנגען צו א דארף, וואס הייסט עמאוס, אויף א שטח פון זעכציג אקער פעלד פון ירושלים, און ישוע איז פארשטעלטערהייט געגאנגען צוזאמען מיט זיי און האט מיט זיי פארבראכט ביז'ן אווענט; ער האט אינאיינעם מיט זיי געגעסען אווענט-ברויט און איז פון זיי פארשוואונדען; אין דעמזעלביגען אווענט האט ער זיך ווידעראמאל באוויזען אויף דער פארזאמלונג פון די עלף אין ירושלים.

*) אין דער שטעל, וואס טאמאס פעין ציטירט דא, ווערט געזאגט, אז איינער פון אט-די צוויי האט געהייסען קלעאפאס (לוקאס, קאפ. 24, פסוק 18); פון אן אנדער פלאץ פון דערזעלביגער שטעל איז אויך צו זעהן, אז די צוויי מענשען האבען נישט געהערט צו די עלף תלמידים. (זעה לוקאס, קאפ. 24, פסוק 33). — איבערז.

אויף אזא ווידערשפּרעכיגען אופן ווערט דאס דערציילט ווע־גען דער דאזיגער בלומר'שטיגער ווידער־ערשיינונג פון ישו הנוצרי; דער איינציגער פּונקט, אין וועלכען די שרייבער קומען זיך צוזא־מען, איז די באהאלטענקייט פון דער דאזיגער ווידער־ערשיינונג; צי דאס איז פארגעקומען אין א הייל פון א בארג, אין גליל, אדער אין א פארשלאסען הויז, אין ירושלים, איז דאס אלץ געווען א בא־האלטענע זאך. צו וואס זאלען מיר, אלזוי, צושרייבען די דאזיגע באהאלטענקייט? באטש דאס שטימט לחלוטין נישט מיט דעם ציל, וואס די שרייבער פון די דאזיגע ביכער פּרעטענדירען צו וועלען דערגרייכען, און דאס איז, צו איבערציינגען די וועלט, אז ישוע איז אויפגעשטאנען תחית המתים. האבען זיי אבער, פון דער אנדער זייט, נישט געקאנט באהויפּטען, אז ישוע'ס ווידער־ערשיינונג איז פארגעקומען עפענטליך, ווייל דאס וואלט זיי ארויסגעשטעלט אין זייער אמת'ען ליכט, און זיי זיינען דעריבער געצוואונגען גע־ווען צו מאכען דערפון א פּריוואטע זאך.

וואס איז שייך דער דערציילונג וועגען דעם, אז ישוע איז גע־זעהען געווארען פון איבער פינף הונדערט מענשען מיט אמאל, זאגט עס דאך נאר אפּאסטעל פּולוס אליין, אבער נישט די פינף הונדערט מענשען. און דעריבער איז דאס נישט מער, ווי דאס עדות־זאגען פון איין מענשען, און נאך פון אזא מענשען, וואס האט, לויט דער דערזעלביגער דערציילונג, אליין נישט געגלויבט אין דעם, בעת דאס האט בלומרשט פּאסירט. דאס דאזיגע עדות־זאגען, אויב אנגענומען, אז דאס איז פּולוס דער פארפאסער פון דעם 15־טען קא־פּיטעל פון „קארינטער", אין וועלכען עס געפינט זיך אט־די דער־ציילונג, איז ווי דאס עדות־זאגען פון א מענשען, וואס קומט אין א געריכט־הויז צו שווערען, אז דאס, וואס ער האט דערויף פריהער געשוואוירען, איז פאלש. א מענש האט טאקע א רעכט צו בייטען אלע מאל זיין מיינונג, אבער די דאזיגע פרייהייט באציהט זיך נישט אויף פּאקטישע ענינים.

איך גיי איצט איבער צו דער לעצטער טעגע, צו ישוע'ס ארויפגיין אויפ'ן הימעל. דא קאן שוין קיין רייד נישט זיין ווע־גען דער מורא פאר אידען, אדער פאר וואסער־עס־איז אנדער זאך;

ווען דאס וואלט געווען אן אמת, וואלט עס באדארפט פארזיגלען דאס גאנצע און דינען פאר א פעסטען באווייז, אז די צוקונפטיגע מיסיאן פון די תלמידים איז א רעאלע זאך. ווערטער, צי דאס זיי־נען געווען דעקלאראציעס אדער צוזאגען, וואס זיינען ארויסגע־זאגט געווארען אין דער שטיל, אין א הייל פון א בארג, אין גליל, אדער אין א פארשלאסען הויז, אין ירושלים, ווען אפילו אנגענו־מען, אז זיי זיינען באמת ארויסגעזאגט געווארען, האבען נישט גע־קאנט זיין באווייזען פאר דער עפענטליכקייט; עס איז דעריבער נויטיג געווען, אז די דאזיגע לעצטע סצענע זאל אויסשליסען יעדע מעגליכקייט פון אפלייקענונג אדער חלוקי־דעות און זאל, ווי איך האב דאס שוין געזאגט אין דעם ערשטען טייל פון „דער צייט פון פארשטאנד", זיין אזוי עפענטליך און אפענבאר, ווי די זון אין מיטען טאג; זי האט יעדענפאלס באדארפט זיין אזוי עפענטליך, ווי די קרייציגונג, לויט עס ווערט וועגען איהר דערציילט. אבער מיר וועלען איבערגיין צום פונקט.

דער שרייבער פון דעם בוך מ ת י א זאגט אפילו קיין ווארט נישט וועגען דער דאזיגער סצענע; און דאס אייגענע אויך דאס בוך י ו ח נ ן. עס לאזט זיך גארנישט גלויבען, אז די דאזיגע שרייבער, וואס באהאנדלען אזוי דעטאלירט אנדערע ענינים, זא־לען דאס פארשווייגען, ווען עס וואלט נאר געווען אן אמת. דער שרייבער פון דעם בוך מ א ר ק ו ס פטר'ט דאס אפ אויף א נאכלעסיגען אופן, מיט איין שטריך פון דער פען, גלייך ווי ער וואלט שוין געווען מיד פון ליגען־זאגען און זיך געשעמט מיט דער דאזיגער געשיכטע. דאס אייגענע טוט אויך דער שרייבער פון דעם בוך ל ו ק א ס. און אפילו אט־די צוויי שרייבער שטימען אויך נישט צווישען זיך בנוגע דעם פלאץ, וואו דער דאזיגער לעצטער אפשייד זאל האבען פארגעקומען.

אין בוך מ א ר ק ו ס ווערט געזאגט, אז ישוע האט זיך באוויזען צו די עלף תלמידים, ווען זיי זיינען געזעסען ביים טיש, מיינענדיג דערמיט די פארזאמלונג פון די עלף אין ירושלים; עס ווערט דארט ווייטער איבערגעגעבען דער געשפרעך, וואס זאל הא־בען ביי דער דאזיגער פארזאמלונג פארגעקומען, און גלייך נאך

דעם ווערט געזאגט (ווי א שול־אינגעל וואלט פארענדיגט א לאנג־ווייליגע געשיכטע) אזוי: „און נאכדעם, ווי דער האר האט צו זיי גערעדט, איז ער ארויפגענומען געווארען אויפ׳ן הימעל, און האט זיך געזעצט צו דער רעכטער האנט פון גאט“. אבער דער שרייבער פון לוקאס זאגט, אז ישוע׳ס ארויפגיין אויפ׳ן הימעל איז געשעהען אין בית־עניה; אז ער (ישוע) האט זיי ארויסגעפירט ביז בית־עניה, און ער האט זיך פון זיי אפגעשיידט און איז ארויפגעטראגען געווארען אויפ׳ן הימעל“. דאס אייגענע ווערט אויך דערציילט וועגען מהמד׳ן; און וואס אנבאלאנגט משה׳ן, זאגט דער אפאסטעל יהודה (פסוק 9), „אז דער מלאך מיכאל האט זיך געקריגט מיט׳ן שטן איבער משה׳ס קערפער“. ווען מיר גלויבען אין אזוינע מעשיות, טיילען מיר דערמיט נישט צו קיין פיל כבוד דעם נאמען פון דעם אלמעכטיגען.

מיר האבען דא באטראכט די פיר ביכער, וואס ווערען צוגעשריבען צו מתיא, מארקוס, לוקאס און יוחנן; און ווען מיר וועלען נעמען אין אכט, אז פון דער קרייציגונג ביז דער אזוי־גערופענער „ארויפשטייגונג“ (אויפ׳ן הימעל) האט געדויערט בלויז עטליכע טעג, ווארשיינליך נישט מער פון דריי אדער פיר טעג, און אז אלץ האט פאסירט כמעט אויף איין ארט, אין ירושלים, איז גאר אוממעגליך, דאכט זיך, צו געפינען נאך א מעשה, וואס זאל האבען אין זיך אזוי פיל ווילדע אומזיניגקייטען, אזוי פיל ווידערשפרוכען און פאלשקייטען, ווי עס איז צו געפינען אין די דאזיגע ביכער. זיי זיינען פיל מער און פון אן ערגערען סארט, ווי איך האב זיך גאר אליין געריכט צו געפינען, בעת איך האב זיך גענומען צו דער דאזיגער פארשונג, און אודאי נאך פיל מער, ווי איך האב זיך דאס פארגעשטעלט, ווען איך האב געשריבען דעם ערשטען טייל פון „דער צייט פון פארשטאנד“. איך האב דעמאלט נישט געהאט ביי זיך קיין ביבעל און אויך נישט געקאנט זי באקומען. מיין לאגע, און אפילו מיין עקזיסטענץ, איז מיט יעדען טאג געווארען אלץ אומזיכערער. און אזוי ווי איך האב געוואלט איבערלאזען נאך זיך עפּיס איבער דעם דאזיגען ענין, ביז איך נעצוואונגען געווען צו טון

די דאָזיגע ארביים שנעל און קורץ. די ציטאַטען, וואָס איך האָב דעמאָלט געבראַכט, זיינען געווען נאָר פון זכרון, זיי זיינען אָבער געווען ריכטיג, און די מיינונגען, וואָס איך האָב אַרויסגעזאָגט, זיי־נען געווען דער רעזולטאַט פון מיין זיכערער און פעסטער איבער־צייגונג, אַז די ביבעל איז אַ שווינדעל, וואָס איז אַרויפגעצוואונגען געוואָרען אויף דער וועלט, אַז דאָס פאַלען פון דעם מענשען, און די מעשה וועגען ישו הנוצרי, ווי וועגען גאָט'ס זון, און וועגען זיין טויט, וואָס האָט באַדאַרפט שטילען גאָט'ס צאָרען, און וועגען דער־לייזונג דורך אַט־דעם מאָדנעם מיטעל, — אַז דאָס זיינען אַלץ פאַנטאַסטישע זאַכען, וואָס זיינען אומווירדיג פאַר דער חכמה און מאַכט פון דעם אַלמעכטיגען; אַז די איינציגע אמת'ע רעליגיע איז דער ד ע א י ז ם. אונטער וועלכען איך האָב דאַן פאַרשטאַנען, און פאַרשטיי אויך איצט, דעם גלויבען אין איין גאָט און דאָס נאָכ־טון זיין מאָראַלישען כאַראַקטער, אָדער דאָס פּראַקטיצירען גוטע מדות; און נאָר אויף דעם אליין (ווי ווייט דאָס האָט נאָר צו טון מיט רעליגיע) האָב איך געלייגט אַלע מיינע האָפענונגען אויף גליק נאָכ'ן לעבען.

כאָטש עס איז איצט, נאָך אַזאַ לאַנגער צייט, אוממעגליך פעסטצושטעלען, ווער עס זיינען געווען די שרייבער פון די דאָזיגע פיר ביכער (וואָס דאָס אַליין איז שוין גענוג צו צווייפלען אין זייער עכטקייט, — און דאָרט, וואו מיר צווייפלען, גלויבען מיר דאָך נישט), איז עס אָבער גאָרנישט שווער פעסטצושטעלען נעגאַטיוו, אַז זיי זיינען נישט אָנגעשריבען געוואָרען פון די פּערזאָנען, צו וועלכע זיי ווערען צוגערעכענט. די ווידערשפּרוכען פון אַט די ביכער ווייזען אויף צוויי זאַכען:

ערשטענס, אַז די שרייבער אַליין האָבען נישט געקאָנט זיין עדות פון דעם, וואָס זיי דערציילען, ווייל אַנדערש וואָלטען זיי דאָס דערציילט אָן די ווידערשפּרוכען, און ממילא זיינען די ביכער נישט אָנגעשריבען געוואָרען פון די אַזוי־גערופענע אַפּאָסטאָלען, וואָס האָבען כלומרשט אַלץ אַליין צוגעזעהן.

צווייטענס, אַז די שרייבער, ווער זיי זאָלען נישט זיין, האָבען

זיך נישט צוזאַמענגערעדט, נאָר יעדערער פון זיי האָט געהאַנדעלט גאַנץ באַזונדער פון די איבעריגע.

וואָס אַנבאַלאַנגט דער געטליכער אינספּיראַציע, לאָזט זיך דאָס לחלוטין נישט גלויבען, ווייל אינספּיראַציע און ווידערשפּרעכיגקייט לאָזען זיך פּונקט אַזוי נישט פאַראייניגען, ווי אמת און פאַלשקייט.

אויב פיר מענשען זעהען מיט זייערע אייגענע אויגען צו אַ געווייסע סצענע, וועלען זיי, נישט צוזאַמענרעדענדיג זיך גאָר וועגען דעם, שטימען צווישען זיך בנוגע דער צייט און פּלאַץ, ווען און וואו די סצענע איז געשעהען. אַזוי ווי יעדער איינער באַזונדער איז באַקענט מיט'ן ענין, איז גאָרנישט נויטיג, אַז זיי זאָלען זיך דאַרפען צוזאַמענרעדען; איינער וועט נישט זאָגען, אַז דאָס איז פאַרגעקומען אויף אַ באַרג, אין פעלד, און דער אַנדערער — אין אַ הויז, אין שטאָט; איינער וועט נישט זאָגען, אַז דאָס איז פאַרגעקומען ביים זון־אויפגאַנג, און דער אַנדערער — אַז עס איז דעמאָלט געווען פינסטער. אין וועלכען פּלאַץ און אין וועלכער צייט דאָס זאָל נישט געווען פאַרקומען, ווייסען זיי דאָס אַלע גלייך.

און פון דער אַנדער זייט, אויב פיר מענשען רעדען זיך צוזאַמען וועגען עפּיס אַ געשיכטע, וועלען זיי מאַכען אַזוי, אַז די באַזונדערע טיילען פון דער געשיכטע זאָלען שטימען צווישען זיך. אַזאַ מין צוזאַמענרעדען זיך קומט אויס נויטיג, ווען עס פעלען פאַקטען, בעת די באַקענטשאַפט מיט די פאַקטען מאַכט דאָס צוזאַמענרעדען זיך פאַר אַן איבעריגער זאַך. דיזעלביגע ווידערשפּרוכען, וואָס באַווייזען, אַז די שרייבער האָבען זיך נישט צוזאַמענגערעדט, ווייזען אויך, אַז זיי זיינען נישט באַקענט געווען מיט די פאַקטען (אָדער בעסער געזאָגט, מיט דעם, וואָס זיי גיבען אַרויס פאַר פאַקטען), און דעקען אויף די פאַלשקייט פון זייערע דערציילונגען. די דאָזיגע ביכער זיינען, אַלזוי, נישט געשריבען געוואָרען פון די אַזוי־גערופענע אַפּאָסטאָלען און די פאַרפאַסער זייערע האָבען זיך אויך נישט צוזאַמענגערעדט. ווי אַזוי זשע זיינען זיי פאָרט אָנגעשריבען געוואָרען?

איך געהער נישט צו די מענשען, וואָס ווילען גלויבען, אַז די דאָזיגע ביכער באַשטייען צום גרעסטען טייל פון בכיונ'דיגע ליגענס,

ווי די כלומר'שטיגע נביאות־זאגעריי פון דעם אלטען טעסטאמענט (ווייל זיין א נביא הייסט דאך, אייגענטליך, זיין א פראפעסיאנע־לער ליגנער). אין כמעט אלע אזוינע פאלען איז נישט שווער צו געפינען, ווי אזוי פון א פשוט'ער השערה ווערט מיט דער הילף פון מענשליכער לייכטגלויביגקייט א ליגען, וואס ווערט שפעטער ארויס־געגעבען פאר א פאקט; און ווען אזא זאך לאזט זיך נאר דער־קלערען אויף אט־אזא מילדען אופן, דארפען מיר נישט זוכען קיין שטרענגערע דערקלערונג.

די מעשה מיט ישו הנוצרי, וואס האט זיך באוויזען נאך זיין טויט, איז די מעשה פון אן ערשיינונג, וואס די שרעקעדיגע פאנ־טאזיע קאן אלע מאל באשאפען און אין וואס דער מענש קאן אין זיין לייכטגלויביגקייט אלע מאל גלויבען. אזוינע מעשיות זיינען דערציילט געווארען וועגען דער דערמארדונג פון יוליוס צעזאר נישט זעהר לאנג פאר דער קריסטליכער צייטרעכענונג; און בכלל ווערען זיי געשאפען אין פאלען פון א געוואלט־טויט אדער הינריכטונג פון אומשולדיגע מענשען. דאס געפיל פון מיטלייד מישט זיך דא אריין און גיט צו צו דער מעשה אלץ מער און מער איינצעלהייטען, ביז וואנען זי ווערט ביסלעכווייז א ז י כ ע ר ע ר א מ ת. ווערט נאר געמאכט אן אנהויב אין א מעשה מיט עפיס א גייסט, פילט שוין די לייכטגלויביגקייט אויס די געשיכטע פון זיין לעבען און געפינט א גרונט פאר זיין באווייזען זיך צו מענשען. איינער דערציילט די מעשה אויף איין שטייגער, אן אנדערער — אויף אן אנדער שטייגער, ביז וואנען עס ווערען געשאפען אזוי פיל מעשיות וועגען דעם גייסט און זיין אייגענטימער, ווי די, וואס ווערען דערציילט וועגען ישו הנוצרי אין די ערשטע פיר ביכער פון דעם נייעם טעסטאמענט.

די מעשה וועגען ישוע'ס באווייזען זיך ווערט דערציילט מיט יענעם מאדנעם געמיש פון דעם נאטירליכען און אוממעגליכען, וואס שיידט אפ א לעגענדארישע מעשה פון א פאקט. ער ווערט פארגעשטעלט, ווי ער קומט פלוצלינג אריין און גייט ארויס, בעת די טירען פון הויז זיינען געווען צוגעשלאסען, ווי ער פארשווינדט פון אויג און באווייזט זיך ווידער; און ווייטער איז ער הונגעריג,

זעצט זיך צום טיש און עסט אוועגטברויט. אבער אזוי ווי די מענשען, וואס דערציילען מעשיות פון אט דעם סארט, באווארענען זיך נישט קעגען אלע מעגליכע פאלען, זעהען מיר דאס אייגענע אויך דא: מען דערציילט אונז, אז ווען ישוע איז לעבעדיג געווארען, האט ער איבערגעלאזט זיינע תכריכים אין קבר; מען פארגעסט אבער צו באזארגען איהם מיט אנדערע קליידער, אין וועלכע ער זאל זיך שפעטער באוויזען, אדער צו דערציילען אונז, וואס ער האט מיט זיי געטון, ווען ער איז ארויף אויפ'ן הימעל — צי האט ער זיי אראפגעווארפען פון זיך, אדער ער איז ארויף אויפ'ן הימעל מיט די קליידער. אין דעם פאל מיט אלישע'ן זיינען די דערציילער געווען גענוג פארזיכטיג צו לאזען איהם אראפווארפען פון זיך זיין מאנטעל, כאטש זיי דערציילען אונז נישט, ווי אזוי עס האט געטראפען, דאס דער מאנטעל איז נישט פארברענט געווארען אין דעם פייערדיגען רייטוואגען. אבער אזוי ווי די פאנטאזיע פארריכט אלע פעלערען פון אט־דעם סארט, קאנען מיר אננעמען, אז דער מאנטעל איז געמאכט געווארען פון סאלאמאנדער־וואל.

די, וואס זיינען נישט פיל באקענט מיט דער קירכען־געשיכטע, קאנען מיינען, אז דער אזוי־גערופענער נייער טעסטאמענט עקזיסטירט זינט ישו הנוצרי'ס צייטען, ווי זיי מיינען, אז די ביכער, וואס ווערען צוגערעכענט צו משה'ן, עקזיסטירען זינט משה'ס צייטען. אבער היסטאריש איז די לאגע גאר אן אנדערע. אזא בוך, ווי דער נייער טעסטאמענט, איז גארנישט געווען בנמצא ביז ערשט מיט א דריי הונדערט יאר נאך דער צייט, ווען ישוע זאל האבען געלעבט.

אין וואסער צייט די ביכער, וואס ווערען צוגערעכענט צו מתיא, מארקוס, לוקאס און יוחנן, האבען אנגעהויבען זיך באוויזען, איז אינגאנצען נישט באוואוסט. עס איז נישטא די מינדסטע אנווייזונג, ווער עס זיינען געווען די מענשען, וואס האבען זיי געשריבען, און אין וואסער צייט זיי זיינען געשריבען געווארען; און זיי האבען פונקט אזוי געקאנט טראגען די נעמען פון וואסערעס־איז אנדערע אפאסטאלען, ווי די, וואס זיי טראגען איצט. קיין שום עקזיסטירענדיגע קריסטליכע קירך האט נישט אין איהר רשות

די אָריגינאַלען פון די דאָזיגע ביכער, פּונקט ווי די אידען האָבען נישט די צוויי שטיינערנע לוחות, וואָס גאָט אַליין זאָל האָבען אויס־געקריצט אויף זיי די צען געבאָט און זיי איבערגעגעבען צו משה׳ן אויפ׳ן באַרג סיני. און ווען זיי וואָלטען אַפילו געווען, וואָלטען מיר אויך נישט געהאַט קיין שום מעגליכקייט צו באַווייזען אין ביידע פאַלען די עכטקייט פון דער האַנטשריפט. אין דער צייט, ווען אַט־די ביכער זיינען אָנגעשריבען געוואָרען, האָט מען נאָך נישט געוואוסט פון דרוקעריי און יעדע פאַרפאַסונג האָט ממילא נישט געקאַנט ערשיינען אַנדערש, ווי נאָר אין געשריבענע קאָפּיעס, וואָס יעדער מענש האָט זיי געקאָנט אַליין מאַכען אָדער איבער־אַנדערשען, ווי ער האָט נאָר געוואָלט, און זיי אָנרופען אָריגי־נאַלען*).

קאָנען מיר דען גאָר צולאָזען, אַז דער אַלמעכטיגער זאָל אין זיין חכמה אַנטפּלעקען זיין ווילען פאַר׳ן מענשען דורך אַזוינע אומזיכערע מיטלען, אָדער אַז מיר זאָלען אונזער גלויבען שטיצען אויף אַזוינע אומזיכערע זאַכען? מיר קאָנען נישט מאַכען, אָדער איבעראַנדערשען, אָדער אַפילו נאָר נאָכמאַכען אַ גרעזעל, וואָס ער האָט באַשאַפען, און דאָך קאָנען מיר שאַפען אָדער איבעראַנדערשען

*) עס איז קוים פאַראַן צוויי יאָר, זינט דער ערשטער טייל פון „דער צייט פון פאַרשטאַנד" איז פאַרעפענטליכט געוואָרען, און שוין גע־פינט זיך דאָרט אַן אויסדרוק, וואָס געהער נישט צו מיר. דער דאָזיגער אויסדרוק איז: „דאָס בוך פון לוקאַס איז אָנגע־נומען געוואָרען דורך אַ מאַיאָריטעט פון בלויז איין שטים." עס קאָן זיין, אַז עס איז אמת, אָבער איך האָב דאָס נישט געזאָגט. אימיצער, וואָס איז אודאי געווען באַקענט מיטן ענין, האָט צוגעשטעלט די דאָזיגע ווערטער אין אַ באַמערקונג אויף איינער פון די אויפלאַגען, וואָס זיינען געדרוקט געווען אין ענגלאַנד, אָדער אין אַמעריקע; און די דרוקער האָבען זיי אַריינגעשטעלט אין מיין טעקסט און אַזוי אַרום געמאַכט מיך פאַר׳ן פאַרפאַסער פון אָט־דעם זאַץ. אויב דאָס האָט פּאַסירט אין משך פון אַזאַ קורצער צייט, נישט געקוקט אויף דער דרוקעריי, וואָס דערלאָזט נישט צו ענדערען איינציגע קאָ־פּיעס, איז וואָס האָט דען נישט געקאָנט פּאַסירען אין אַ פיל לענגערער צייט, ווען פון קיין דרוקעריי האָט מען נאָך נישט געוואוסט און ווען יעדער מענש, וואָס האָט נאָר געקאָנט שרייבען, האָט געקאָנט מאַכען פאַר זיך אַ געשריבענע קאָפּיע און זאָגען, אַז דאָס איז דער אָריגינאַל פון מתיא, מאַרקוס, לוקאַס, אָדער יוחנן?

די ו ו ע ר ט ע ר פ ו ן ג א ט אזוי לייכט, ווי די ווערטער פון מענשען.

ארום דריי הונדערט און פופציג יאר נאך דער צייט, ווען ישו הנוצרי זאל האבען געלעבט, האבען עטליכע שריפטען פון אט דעם סארט זיך געפונען אין די הענט פון פארשיידענע מענשען; און ווען די קירך האט זיך אנגעהויבען פארמירען אין א היעראר־כיע, אדער קירכען־רעגירונג מיט א וועלטליכער מאכט, האט זי גענומען זיי זאמלען אין א מין קאדעקס, ווי מיר זעהען זיי איצט אונטער'ן נאמען נ י י ע ר ט ע ס ט א מ ע נ ט. עס איז באשלאסען געווארען דורך אפשטימונג, ווי איך האב דאס שוין געזאגט אין דעם ערשטען טייל פון דער „צייט פון פארשטאנד", וואסערע שריפטען פון דער זאמלונג זאלען זיין דאס ו ו א ר ט פ ו ן ג א ט" און וואסערע נישט. די אידישע רבנים האבען דאס אייגענע פאר דעם געטון מיט די ביכער פון דעם אלטען טעס־טאמענט.

אזוי ווי דאס ענדציל פון דער קירך, ווי פון אלע נאציאנאלע קירכען־אינסטיטוציעס, איז מאכט און איינקונפט, און איהר מיטעל — טערראר, קען מען זיך שוין משער זיין, אז פון די געזאמעלטע שריפטען האבען די, וואס זיינען צום מייסטען פול געווען מיט וואונדערליכע געשיכטעס, געהאט די בעסטע געלעגענהייט אנגע־נומען צו ווערען. און וואס איז שייך דער עכטקייט פון די ביכער, האבען מיר נישט דערויף קיין בעסערען באווייז, ווי נאר דאס, וואס זיי זיינען אנגענומען געווארען ד ו ר ך א פ ש ט י מ ו נ ג.

אין דעם ויכוח צווישען די פערזאנען, וואס האבען גע־הייסען אויגוסטין און פאוסט, זאגט דער לעצטער אזוי: „די ביכער, וואס ווערען אנגערופען די עוואנגעליעס, זיינען פארפאסט גע־ווארען פון עפּיס טונקעלע פערזאנען לאנג נאך די צייטען פון די אפאסטאלען; אזוי ווי די פארפאסער האבען מורא געהאט, אז די וועלט וועט נישט גלויבען אין זייערע דערציילונגען וועגען זאכען, וואס זיי האבען זיי נישט געקאנט וויסען, האבען זיי דאס פאר־עפענטליכט אונטער די נעמען פון די אפאסטאלען; די עוואנגע־ליעס זיינען אזוי פול מיט נארישקייטען און ווידערשפרעכיגע

מעשיות, אז עס איז אין זיי נישטאָ נישט קיין אייגהייטליכקייט און נישט קיין צוזאַמענהאַנג".

און אין אַן אַנדער פּלאַץ, ווענדענדיג זיך צו די פּאַרטיידיגער פון די דאָזיגע ביכער, ווי דאָס וואָרט פון גאָט, זאָגט ער אַזוי: „אַט־אַזוי האָבען אייערע פאָרגייער אריינגעשטעלט אין די שריפּ־טען פון אונזער האַר פיל זאַכען, וואָס כאָטש זיי טראָגען זיין נאָמען, שטימען זיי אָבער נישט מיט זיין לערע. דאָס איז גאָרנישט קיין חידוש, ווייל די דאָזיגע זאַכען, ווי מיר האָבען דאָס פיל מאָל באַוויזען, זיינען נישט אָנגעשריבען געוואָרען ניט פון איהם און ניט פון זיינע אַפּאָסטאָלען. נאָר זיינען צום גרעסטען טייל געבויט אויף מעשיות, אויף נישט קלאָרע באַריכטען און צוזאַמענגעשטעלט פון עפּיס האַלבע אידען, וואָס שטימען אָבער זעהר ווענינ צווישען זיך; און דאָך האָבען זיי דאָס פאַרעפּענטליכט אונטער די נעמען פון די אַפּאָסטאָלען פון אונזער האַר און אַזוי אַרום זיי צוגעשריבען זייערע אייגענע טעותים און ליגענס*).

דער לעזער וועט זעהן פון די דאָזיגע אויסצוגען, אַז די ביכער פון דעם נייעם טעסטאַמענט זיינען באַטראַכט געוואָרען פאַר מעשיות, פאַלשקייטען און ליגענס אין דער צייט, ווען זיי זיינען דורך אָפּשטימונג אָנגענומען געוואָרען, ווי דאָס וואָרט פון גאָט**). אָבער

*) איך האָב די דאָזיגע צוויי אויסצוגען אַרויסגענומען פון בולאַנזשע'ס לעבען פון פּולוס, וואָס איז געשריבען אין פראַנצויזיש. בולאַנזשע האָט זיי ציטירט פון די שריפטען פון אויגוסטין קעגען פאַוסט'ן.

**) בולאַנזשע האָט אין זיין ווערק „דאָס לעבען פון פּולוס" געזאַמעלט פון די קירכען־געשיכטעס און די שריפטען פון די אַזוי־גערופענע פאָטערס מאַטעריאַלען, וואָס ווייזען די מיינונגען, וועלכע האָבען געהערשט צווישען די פאַרשיידענע קריסטליכע סעקטען אין דער צייט, ווען דער נייער טעסטאַמענט, ווי מיר זעהען אים איצט, איז דורך אָפּשטימונג אָנגענומען געוואָרען פאַר גאָט'ס וואָרט. די פאָלגענדיגע אויסצוגען זיינען גענומען פון דעם צווייטען קאַפּיטעל פון בולאַנזשע'ס ווערק.

„די מאַרקיאָניסטען (אַ קריסטליכע סעקטע) האָבען באַהויפּטעט, אַז די עוואַנגעליעס זיינען פול מיט פאַלשקייטען. די מאַניכייער, אַ גרויסע סעקטע אין אָנהויב פון קריסטענטום, האָבען צוריקגעוויזען, אַלס פאַלש, דעם גאַנצען נייעם טעס־

די אינטערעסען פון דער קירך האָבען מיט דער הילף פון שייטער־הויפענס באַקעמפט די אָפּאָזיציע און אונטערדריקט יעדען פאַרזוך פון פאָרשונג. מופתים האָבען געפאָלגט נאָך מופתים, אויב מיר װעלען זיי נאָר גלויבען, און מען האָט געלערנט מענשען צו זאָגען, אַז זיי גלויבען, צי דאָס איז אמת, אָדער נישט.

(מיר װעלען באַמערקען בדרך אגב, אַז די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אַוועקגענומען פון דער קירך די קראַפט צו באַווייזען וואונדער; זינט דער רעוואָלוציע האָט זי קיין איין וואונדער נישט געקאָנט באַווייזען מיט דער הילף פון אַלע איהרע הייליגע; און אַזוי ווי זי האָט זיך קיינמאָל נישט געפונען אין קיין ערגערער לאַגע, ווי איצט, קאָנען מיר גאַנץ באַשטימט באַשליסען, אַז אַלע איהרע פריהערדיגע וואונדער זיינען געווען נאָר קונצשטיק און ליגענס).

ווען מיר וועלען נעמען אין אַכט, אַז צווישען דער צייט, ווען ישוע זאָל האָבען געלעבט, און דער צייט, ווען דער נייער טעסטאַמענט איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען אין א בוך, ליגט א פעריאָד פון איבער דריי הונדערט יאָהר, וועלען מיר, אַפילו אָן דער הילף פון היסטאָרישע באַווייזען, קאָנען זעהן, ווי ווייט אומ־

טאַמענט און געוויזען אַנדערע, גאַנץ פאַרשיידענע שריפטען, וואָס זיי האָבען אָנגעגעבען, אַלס עכטע שריפטען. די קערינטינער, אַזוי ווי די מאַרקיאָניסטען, האָבען נישט אָנגענומען די אַפּאָסטעל־געשיכטע. די ענ־קראַטיסטען און די סעווערינאָנער האָבען נישט אָנגענומען גיט די אַפּאָסטעל־געשיכטע און ניט די בריוו פון פולוס. קריזאָסטאָם האָט אין א קירכען־רעדע איבער דער אַפּאָסטעל־געשיכטע געזאָגט, אַז אין זיין צייט (אַרום דעם יאָר 400) האָבען פיל מענשען גאָרנישט געוואוסט ניט וועגען דעם פאַרפאַסער און ניט וועגען דעם בוך. דער הייליגער אירענוס, וואָס האָט געלעבט פאַר יענער צייט, זאָגט, אַז די וואַלענטינער, ווי אויך איניגע אַנדערע קריסטליכע סעקטען, האָבען געהאַלטען, אַז די הייליגע שריפטען זיינען פול מיט חסרונות, טעותים און ווידערשפּרוכען. די עביאָניטען (אביונים), אָדער די אָנגעהעריגע פון דער סעקטע נצרת, וואָס זיינען געווען די ערש־טע קריסטען, האָבען צוריקגעוויזען אַלע בריוו פון אַפּאָסטעל פולוס און אים באַטראַכט פאַר א שווינדלער. זיי דערציילען, צווישען אַנדערע זאַ־כען, אַז ער איז לכתחילה געווען א געצענדינער, און איז אָנגעקומען קיין ירושלים, וואו ער האָט געלעבט א געוויסע צייט; ער האָט געהאַט בדעה חתונה צו האָבען פאַר דער טאָכטער פון דעם כהן גדול און האָט זיך דעריבער געלאָזט מל זיין; אַזוי ווי ער האָט זי נישט געקאָנט באַקומען, האָט ער זיך צעקריגט מיט די אידען און געשריבען קעגען ברית מילה, קעגען האַלטען שבת און קעגען אַלע אידישע דינים.

זיבער מיר זיינען בנוגע דער עכטקייט פון דעם דאָזיגען בוך. די עכטקייט פון האמער'ס בוך, אויף וויפיל עס האנדעלט זיך וועגען דער פערזענליכקייט פון זיין פארפאסער, איז שוין פיל בעסער פעסטגעשטעלט, איידער די עכטקייט פון דעם נ י י ע ם ט ע ס־ ט א מ ע נ ט. כאטש האמער איז מיט א טויזענט יאהר עלטער. אזא בוך, ווי האמער'ס, האט געקאָנט אָנשרייבען נאָר אן אויסער־געוויינליך גוטער פּאָעט, און דעריבער האבען ווייניג מענשען גע־קאָנט אזא זאך אונטערנעמען; און א מענש, וואס איז פעהיג דאָס צו טוהן, וואלט זיך נישט אָפּגעזאָגט פון זיין רום, כדי אוועקצוגעבען אים צו אן אנדערען. פונקט אזוי האבען ווייניג מענשען געקאָנט פארפאַ־סען אזא ווערק, ווי אייקליד'ס ע ל ע מ ע נ ט ע ן, ווייל נאָר אן אויסערגעוויינליך־גוטער מאטעמאטיקער האט געקאָנט זיין דער פארפאסער פון דעם דאָזיגען ווערק.

וואס אנבאלאנגט אבער די ביכער פון דעם נ י י ע ם ט ע ס־ ט א מ ע נ ט, דערהויפּט אזוינע טיילען, ווי די, וואס דערציילען אונז וועגען ישוע'ס לעבעדיג־ווערען און וועגען זיין ארויפשטייגען אויפ'ן הימעל, וואלט יעדער מענש, וואס קאן נאָר דערציילען א מעשה פון א געשפענסט, געקאָנט פארפאסען אזוינע ביכער. די מעשה פון דעם ט ע ס ט א מ ע נ ט ווערט דערציילט אויסער־געוויינליך־שלעכט. און די מעגליכקייט פון פעלשונג איז דאָ דע־ריבער אומגעהויער גרעסער, ווי אין דעם פאל פון האמער'ן אדער אייקליד'ן.

צווישען די אלע פּריסטער אדער גייסטליכע פון היינטיגער צייט געפינט זיך נישט קיינער, וואס זאָל נישט קאָנען צוזאמענ־שטעלען א דרשה אדער איבערזעצען א שטיקעל לאטיין, דערהויפּט נאָר ווען עס איז שוין פריהער איבערזעצט געוואָרען א טויזענט מאָל; איז אבער פאראן צווישען זיי אפילו איינער, וואס קאן שריי־בען פערזען, ווי האמער, אדער וויסענשאפטליכע אפהאנדלונגען, ווי אייקליד? דאָס וויסען פון די גייסטליכע, מיט זעהר ווייניג אויסנאמען, איז שטארק באשרענקט, אבער דאָך מער ווי גענוג צו קאָנען, ווען זיי וואָלטען נאָר געלעבט אין יענער צייט, אנשרייבען אלע ביכער פון דעם נייעם טעסטאמענט.

פונקט ווי די געלעגענהייט פאַר פעלשונגען איז דאַ געווען גרע־סער, אַזוי איז אויך גרעסער געווען דער רייץ. אַ מענש האָט גאָר־נישט געקאָנט געווינען פון שרייבען אונטער האָמער'ס אָדער אייק־ליד'ס נאָמען; ווען ער וואָלט געקאָנט שרייבען גלייך מיט זיי, וואָלט זיך איהם בעסער געלוינט צו שרייבען אונטער זיין אייגענעם נאָמען; און אויב ערגער פון זיי, וואָלט ער נישט געקאָנט האָבען קיין שום ערפאָלג. אין ערשטען פאַל וואָלט זיין שטאָלץ איהם נישט דער־לאָזט צו טון אַזאַ זאַך, און אין צווייטען פאַל וואָלט עס פאַר איהם געווען אַן אוממעגליכקייט. וואָס אַנבאַלאַנגט אָבער אַזוינע ביכער, ווי די פון דעם נ י י ע ם ט ע ס ט א מ ע נ ט, האָט זיך דאָ דורכאויס געלוינט צו פעלשען. די בעסטע געשיכטע, וואָס אַ מענשענ'ס פאַנטאַזיע האָט געקאָנט אויסטראַכטען אַרום צוויי אָדער דריי הונדערט יאָהר נאָך יענער צייט, וואָלט באַין אופן נישט אָנגע־נומען געוואָרען פאַר אַן אָריגינעלער געשיכטע אונטער'ן נאָמען פון דעם אמת'ען שרייבער; די איינציגע מעגליכקייט פון ערפאָלג איז געלעגען אין פעלשונג, ווייל די קירך האָט פאַרלאַנגט אַ תירוץ פאַר איהר נייער לערע, און אמת און טאַלאַנט האָבען דאָ ווייניג וואָס געקאָנט אויפטון.

אָבער אַזוי ווי עס איז נישט קיין אויסערגעוועהנליכע זאַך (ווי איך האָב דאָס שוין פריהער באַמערקט) צו דערציילען מעשיות וועגען מענשען, וואָס וואַנדלען אַרום נאָך זייער טויט, און וועגען גייסטער און געשפענסטער פון מענשען, וואָס זיינען אומגעקומען דורך אַ געוואַלטזאַמען אָדער אויסערגעוועהנליכען טויט; און אַזוי ווי די מענשען פון יענער צייט פלעגען גלויבען אין אַזוינע זאַכען און אין מלאכים, ווי אויך אין רוחות, וואָס קומען אַריין אין אַ מענשען און טרייסלען איהם, ווי אין קדחת, און ווערען דערנאָך אַרויסגעטריבען פון איהם, ווי דורך אַ ברעך־מיטעל? (מרים המגדלית, דערציילט אונז דאָס בוך פון מאַרקוס, האָט אויפגעהאַל־טען אין זיך זיבען שדים) — איז גאַנץ נאַטירליך, אַז אַזאַ מעשה זאָל פאַרשפרייט ווערען וועגען דער פּערזאָן, וואָס הייסט ישו הנוצרי, און ווערען שפּעטער דער יסוד פון די פיר ביכער, וואָס ווערען צוגעשריבען צו מתיא, מאַרקוס, לוקאַס און יוחנן. יעדער

שרייבער האט דערציילט די מעשה אזוי, אדער אומגעפער אזוי, ווי ער האט זי געהערט, און האט צוגעבען צו זיין בוך דעם נאמען פון דעם הייליגען אדער אפאסטעל, וואס די טראדיציע האט געמאכט פאר אן עדות פון אלע געשעהענישען. נאר אויף אזא אופן קאן מען דערקלערען די ווידערשפרוכען פון די דאזיגע ביכער; און אויב די דאזיגע ערקלערונג איז נישט קרוב לאמת, זיינען די ביכער נישט מער, ווי פשוטע שווינדלען, ליגענס און פעלשונגען, וואס קאנען אפילו נישט האבען דעם אויסרייד פון לייכט־גלויביגקייט.

עס לאזט זיך לייכט מערקען, אז די דאזיגע ביכער זיינען אנגעשריבען געווארען פון האלבע אידען, ווי דאס ווערט אנגעטייט אין דער אויבענגעבראכטער ציטאטע. דאס אפטע בארופען זיך פון די פארפאסער אויף דעם הויפט־מערדער און פארפירער, משה'ן, און אויף די אזוי־גערופענע נביאים שטעלען פעסט דעם דאזיגען פונקט; און פון דער צווייטער זייט האט די קירך נאך מיטגעהאלפען אין דעם שווינדעל, מאכענדיג די ביבעל און דעם טעסטאמענט צו שטימען איינס מיט'ן אנדערען. צווישען דעם אידישען און דעם נישט־אידישען קריסט איז די אזוי־גערופענע נבואה און די זאך, וואס אויף איהר איז די נבואה געזאגט געווארען, דער צייכען און די זאך, וואס איז באצייכענט געווארען, גאנץ פלייסיג איבערגעמישט און צוגעפאסט געווארען איינס צום צווייטען, ווי אלטע שלעסער און נאכגעמאכטע שליסלען. פון דער נארישער מעשה וועגען חוה'ן און דער שלאנג, וואס איז אגב גאנץ נאטירליך בנוגע דער פיינטשאפט, וואס עקזיסטירט צווישען מענשען און שלענג (די שלאנג בייסט אלע מאל ארום די ט ר י ט, ווייל זי קאן נישט דערגרייכען העכער, און דער מענש שלאגט אלעמאל דער שלאנג איבער'ן ק א פ, ווייל דאס איז דאס ווירקזאמסטע מיטעל נישט צו דערלאזען איהר צו בייסען*). פון דער דאזיגער נארישער מעשה איז געמאכט געווארען א נבואה, א צייכען און א צוזאג; און דער פארפירערישער ליגען, וואס ישעיהו האט געזאגט אחז'ן („א י ו נ ג פ ר ו י וועט טראגעדיג ווערען און געווינען א

*) „ער וועט דיר צעטרעטען דעם קאפ און דו וועסט אים שטעכען די ט ר י ט — בראשית, ג, 15.

זון"). ווי א צייכען, אז ער, אחז, וועט זיגען, בעת אין דער אמת'ן האט ער גאר געליטען א נידערלאגע (ווי איך האב שוין דער־רויף אנגעוויזען אין די באמערקונגען איבער'ן בוך פון ישעיה), איז איבערגעדרייט געווארען אזוי, אז ער זאל באצייכענען א נבואה אויף ווייטע צייטען.

פון יונה'ן און דעם וואלפיש איז אויך געמאכט געווארען א צייכען. יונה איז ישוע און דער וואלפיש איז דער קבר; ווייל עס ווערט געזאגט (און מען האט נאר געלאזט ישוע'ן אליין זאגען דאס), מתיא, קאפ. 12, פסוק 40: „ווייל אזוי ווי יונה איז געווען אין די גערערים פון דעם פיש דריי טעג און דריי נעכט, אזוי וועט דער בן־אדם זיין אין הארץ פון דער ערד דריי טעג און דריי נעכט". אבער,ליידער, טרעפט עס, אז ישוע זאל, לויט זייערע אייגענע דערציילונגען, זיין אין קבר נאר איין טאג און צוויי נעכט, ארום 36 שעה, אנשטאט 72, ד. ה. די נאכט פון פרייטאג, שבת און די נאכט פון שבת, ווייל עס ווערט דערציילט, אז ער איז אויפגעשטאנען זונטאג ביים זונ־אויפגאנג, אדער נאך פריהער. אבער אזוי ווי דאס איז נישט ער־גער פון דער מעשה מיט דער שלאנג, אדער דער יונגפרוי און איהר זון, וועט עס שוין ווי עס־איז דורכגיין אין דער גאנ־צער מאסע פון ארטאדאקסישע זאכען.

די בריוו פון פולוס. — די בריוו, וואס ווערען צוגערעכענט צו אפאסטעל פולוס, פערצען אין צאל, פילען כמעט אויס דעם איבעריגען טייל פון דעם נייעם טעסטאמענט צי זיי זיינען טאקע געשריבען געווארען פון דעם מענשען, צו וועמען זיי ווערען צוגערעכענט, איז נישט שטארק וויכטיג, ווייל דער שריי־בער, ווער ער זאל נישט זיין, פלייסט זיך צו באווייזען זיין לערע דורך ארגומענטען. ער פרעטענדירט נישט צו זיין אליין אן עדות פון דעם, וואס עס ווערט דערציילט וועגען ישוע'ס לעבעדיג־ווערען און וועגען זיין ארויפשטייגען אויפ'ן הימעל, און ער דער־

קלערט, אז ער האט אליין אין דעם פריהער נישט געגלויבט.

די מעשה פון דעם, ווי ער איז אויף זיין נסיעה קיין דמשק געטראפען געווארען פון א בליץ, איז גארנישט חוץ לדרך הטבע; ער איז ארויס מיט'ן לעבען, און דאס איז מער, ווי עס האט אין אזא פאל פאסירט מיט פיל אנדערע מענשען; און אז ער זאל פארלירען זיין ראיה אויף דריי טעג און נישט קאנען די גאנצע צייט גארנישט עסען אדער טרינקען, איז אין דעם פאל אויך א גאנץ געוויינליכע זאך. זיינע חברים, וואס זיינען געווען מיט איהם, זיינען, ווייזט אויס, לייכטער אפגעקומען, ווייל זיי זיינען געווען גענוג געזונט צו קאנען איהם פירען ווייטער, אויפ'ן וועג קיין דמשק; זיי האבען אויך נישט פרעטענדירט צו האבען געזעהען עפיס א זעהונג.

אין דעם כאראקטער פון דער פערזאן מיט'ן נאמען פולוס, לויט דעם, וואס עס ווערט וועגען איהם דערציילט, איז פאראן א היבש ביסעל גרויזאמקייט און פאנאטיזם; ער האט גערודפ'ט מענשען מיט'ן זעלביגען ברען, וואס ער האט שפעטער געפרעדיגט; דער בליץ האט אריינגעבראכט אן ענדערונג בלויז אין זיינע געדאנקען, אבער נישט אין זיין כאראקטער; און סיי אלס איד, און סיי אלס קריסט איז ער אלץ פארבליבען דערזעלביגער פאנאטיקער. אזעלכע מענשען זיינען קיינמאל נישט קיין גוטע רעקאמענדאציע פאר דער מאראליטעט פון די לערעס, וואס זיי פרעדיגען. זיי זיינען שטענדיג עקסטרעם, סיי אין זייערע מעשים און סיי אין זייער גלויבען.

די לערע, וואס ער נעמט זיך אונטער צו באווייזען מיט ארגומענטען, איז דאס לעבעדיג־ווערען פון דעמזעלביגען קערפער, און ער ברייננגט זי, ווי א באוויז פון אומשטערבליכקייט. אבער מענשען אונטערשיידען זיך אזוי פיל אין זייער ארט דענקען און אין די אויספירען, וואס זיי מאכען פון איין־און־דיזעלביגע הנחות, אז אט־די לערע וועגען דער ווידער־אויפלעבונג פון דעמזעלביגען קערפער זעהט מיר גאר אויס צו זיין נישט קיין באוויז פון אומשטערבליכקייט, נאר, פארקערט, א באוויז קעגען איהר; ווייל אויב איך בין איינמאל געשטארבען אין אט־דעם קערפער און לעב

ווידער אויף אין דעמזעלביגען קערפער, אין וועלכען איך האב גע־לעבט, איז דאך דאס א קלארער באווייז, אז איך וועל ווידעראמאל שטארבען. דאס דאזיגע לעבעדיג־ווערען פארזיכערט מיך נישט קעגען דער ווידערהוילונג פון טויט, פונקט ווי אן אנפאל פון קדחת, ווען אפילו פארגאנגען, פארזיכערט מיך נישט קעגען א צווייטען אנפאל. כדי צו גלויבען אין אומשטערבליכקייט, מוז איך, אלזוי, האבען א מער דערהויבענע השגה, ווי די, וואס עס איז פאראן אין דער שווערער לערע פון תחית המתים.

אויסער דעם וואלט איך, ווען דאס זאל זיך נאר ווענדען אן מיר, אליין געוואלט האבען א בעסערען קערפער און א באקוועמערע פארם, ווי די איצטיגע. יעדעם לעבעדיג באשעפעניש טרעפט אינז, מענשען, מיט עפּיס איבער. די באפליגעלטע אינזעקטען, שוין נישט רעדענדיג וועגען טויבען און אדלערס, קאנען אין עט־ליכע מינוט דורכגיין א גרעסערען שטח און פיל לייכטער, ווי א מענש קאן דאס טון אין א שעה. דאס פלינקע באוועגען זיך פון דעם קלענסטען פישעל איז, פראפארציאנעל צו זיין גרייס, אן אז ערך פיינער און שנעלער פון אונזערע באוועגונגען. אפילו דער אומבאוועגליכער שליאמאק קאן זיך אויפהויבען פון דער טיפעניש פון א גרוב, וואו א מענש וואלט זומגעקומען, און א שפין קאן זיך שפילעוודיג אראפלאזען אהין. דעם מענשענ'ס כחות זיינען אזוי באשרענקט און זיין שווערער קערפער איז אזוי ווייניג צוגע־פאסט צו שטארקען געגנוס, אז מיר קאנען גארנישט פארלאנגען, אז פולוס'עס מיינונג זאל זיין אמת'דיג. זי איז צו קליין פאר דער גרויסקייט פון דעם בילד און צו נידעריג פאר דער דערהויבענקייט פון דעם ענין.

דאס באוואוסטזיין פון עקזיסטענץ איז די איינציגע פארשטעלונג, וואס מיר קאנען האבען וועגען אן אנדער לעבען, און דאס נישט־אויפהערען פון דעם דאזיגען באוואוסטזיין איז אומשטערבליכקייט. דאס באוואוסטזיין פון עק־זיסטענץ, אדער דאס וויסען, אז מיר עקזיסטירען, מוז נישט, אפילו אין דעם דאזיגען לעבען, זיך דוקא באשרענקען מיט דערזעלביגער פארם, אדער דעמזעלביגער מאטעריע.

גישט אַלע מאָל האָבען אונזערע קערפּערס דיזעלביגע פאָרם און פיינמאָל באַשטייען זיי נישט פון דער זעלביגער מאַטעריע, וואָס מיט צוואַנציג אָדער דרייסיג יאָהר צוריק; און דאָך האָבען מיר דעם באַוואוסטזיין, אַז מיר זיינען דיזעלביגע פּערזאָנען. אפילו הענט און פיס, וואָס פון זיי באַשטייט כמעט א העלפט פון דעם מענשליכען אָרגאַניזם, זיינען נישט נויטיג פאַר'ן באַוואוסטזיין פון עקזיסטענץ. זיי קאָנען פאַרלאָרען גיין אָדער אוועקגענומען ווערען, און דאָס פולע באַוואוסטזיין פון עקזיסטענץ זאָל דאָך פאַר־בלייבען; און וואָלטען זיי פאַרביטען געוואָרען אויף פליגלען אָדער אַנדערע מיני ענד־גלידער, וואָלט דאָס אויך נישט איבערגעאַנ־דערשט אונזער באַוואוסטזיין פון עקזיסטענץ. קורץ, מיר ווייסען אליין נישט, וואָסער קליין טיילכעל פון אונזער וועזען עס שאַפט אין אונז אָט־דעם באַוואוסטזיין פון עקזיסטענץ, און ווי געוואַל־טיג־איידעל דאָס דאָזיגע טיילכעל איז.

ווער קאָן זאָגען, דורך וועלכען איבערגעווייגליך־דעליקאַטען פּראָצעס עס ווערט געשאַפען אין אונזער מח א געדאַנק? און דאָך קאָן דער דאָזיגער געדאַנק, ווען געשאַפען, ווי איך שאַף איצט דעם געדאַנק, וואָס איך שרייב דאָ אָן, ווערען אומשטערבליך; און דאָס איז די איינציגע מענשליכע שאַפונג, וואָס פאַרמאָגט אזא מעג־ליכקייט.

סטאַטוען פון בראָנז אָדער מירמעלשטיין וועלען פאַרניכטעט ווערען; און סטאַטועז וואָס ווערען רעפּראָדוצירט, זיינען נישט די־זעלביגע סטאַטועז און פאַרמאָגען נישט דיזעלביגע קינסטלערישע פולקאָמענקייט, וואָס די אָריגינאַלען, פּונקט ווי א קאָפּיע פון א בילד איז נישט דאָסזעלביגע, וואָס דאָס אָריגינעלע בילד. אָבער דרוקט אָפּ א געדאַנק און דרוקט איהם איבער טויזענט מאָל און דורך וואָסערע מאַטעריאַלען איהר ווילט נאָר אליין — שניצט איהם אויס אויף האָלץ, קריצט איהם אויס אויף שטיין — דער געדאַנק וועט אייביג פאַרבלייבען דערזעלביגער. ער איז מסוגל צו אן אומ־פאַרענדערליכער עקזיסטענץ, וואָס די מאַטעריע האָט דערויף קיין שום שליטה נישט, און איז אין תוך גאַנץ פאַרשיידען פון אַלע איבעריגע זאַכען, וואָס מיר קאָנען נאָר באַנעמען. אויב, אַלזוי, די

געשאפענע זאך איז מסוגל צו זיין אומשטערבליך, קאנען מיר דאך דערפון דרינגען, אז די קראפט, וואס האט די זאך געשאפען, און דאס איז טאקע דאסזעלביגע, וואס באוואוסטזיין פון עקזיסטענץ, קאן אויך זיין אומשטערבליך, גאנץ אפגעזעהען פון דער מאטעריע, מיט וועלכער זי איז לכתחילה געווען פארבונדען, פונקט ווי די אומשטערבליכקייט פון דעם געדאנק איז נישט אפהענגיג פון דרוק אדער שריפט, אין וועלכע ער איז צוערשט ערשינען. עס איז נישט שווערער צו גלויבען אין דער ערשטער השגה, ווי אין דער צווייטער, און מיר קאנען זעהן, אז איינע פון זיי איז אמת'דיג.

אז דאס באוואוסטזיין פון עקזיסטענץ איז נישט אפהענגיג פון איין־און־דערזעלביגער פארם אדער מאטעריע, ווערט אנטפלעקט פאר אונזערע חושים אין די ווערק פון דער באפאשונג, ווי ווייט נאר אונזערע חושים זיינען אימשטאנד דאס אויפצונעמען. א זעהר גרויסער טייל פון דער באלעבטער נאטור פרעדיגט פאר אונז, פיל בעסער, ווי דאס טוט פולוס, דעם גלויבען אין א לעבען נאכ'ן טויט. דאס קליינע לעבען פון חיה'לעך איז ענליך צו אן ערד און א הימעל — א די־וועלט און א יענע־וועלט — און אנטהאלט, אויב מען קאן זיך אזוי אויסדריקען, אומשטערבליכקייט אין מיניאטור.

די שענסטע טיילען פון דער באשאפונג, וואס שטעלען זיך פאר פאר אונזער אויג, זיינען די באפליגעלטע אינזעקטען. נישט אזוי זיינען זיי אבער גלייך פון אנהויב. זיי באקומען די דאזיגע פארם און אומפארגלייכליכען פראכט דורך שטופענווייזע ענדערונגען. דאס לאנגזאמע און קריכענדיגע מאטיל־ווערימעל ווערט אין עטליכע טעג ארום פארשטארט און קומט אריין אין א טויט־ענליכען צושטאנד; און אין דעם צווייטען גלגול ערשיינט עס שוין אין דעם גאנצען פראכט פון לעבען, א גלענצענדיגער שמעטערלינג. עס פארבלייבט נישט אין איהם קיין סימן פון דעם פריהערדיגען באשעפעניש; אלץ איז אין איהם אנדערש; אלע זיינע קרעפטען זיינען נייע, און דאס לעבען איז פאר איהם א גאנץ נייע זאך. מיר קאנען זיך נישט פארשטעלען, אז דאס באוואוסטזיין פון עקזיסטענץ זאל אין אט־דעם צושטאנד פון דעם באשעפעניש נישט זיין דאסזעלביגע, וואס פריהער; ווארום, אלזוי, זאל איך גלויבען, אז

עס איז נויטיג דאָס ווידער־אויפלעבען פון דעמזועלביגען קערפּער, כדי איך זאָל קאָנען ווייטער, נאָך אָט־דעם לעבען, האָבען דעם באַוואוסטזיין פון עקזיסטענץ?

אין דעם ערשטען טייל פון „דער צייט פון פאַרשטאַנד" האָב איך אָנגערופען די באַשאַפונג דאָס איינציג־אמת'ע אוןווירקליכע וואָרט פון גאָט; און אָט־דער ביישפּיל, אָדער טעקסט, אין דעם בוך פון דער באַשאַפונג ווייזט אונז נישט נאָר, אז דאָס קאָן אזוי זיין, נאָר אז עס איז טאַקע אזוי און נישט אנדערש; עס ווייזט אונז אויך, אז דער גלויבען אין א צוקונפטיגען לעבען איז א ראַציאָנאַלער גלויבען, וואָס איז באַגרינדעט אויף פאַקטישע זאַכען, וואָס מיר אליין זעהען זיי אין דער באַשאַפונג. עס איז דאָך נישט שווערער צו גלויבען, אז מיר וועלען, נאָך אָט־דעם לעבען, עקזיסטירען אין א בעסערען צושטאַנד און אין א בעסערער פאָרם, ווי איצט, איידער צו גלויבען, אז פון א ווערימעל זאָל ווערען א שמעטערלינג, וואָס זאָל פאַרבייטען דאָס מיסטבערגעל אויף דער פרייער לופט, ווען מיר וואָלטען דאָס לעצטע נישט צוגעזעהען מיט אונזערע אייגענע אויגען.

וואָס אנבאַלאַנגט דעם צווייפעלהאַפטיגען זשאַרגאָן אין דעם 15־טען קאַפּיטעל פון ק א ר י נ ט ע ר א, וואָס ווערט צוגעשריבען צו פּולוס'ן און איז א טייל פון א הספד נאָך אייניגע קריסטליכע סעקטאַנטען, האָט ער פּונקט אזוי וועניג זין, ווי דאָס קלינגען פון א קלויסטער־גלאָק ביי א לויה; ער דערקלערט גאָרנישט פאַר'ן שכל און שילדערט גאָרנישט פאַר דער פאַרשטעלונג, נאָר לאָזט איבער פאַר'ן לעזער אליין אויסצוטייטשען עס, ווי עס לאָזט זיך נאָר. „נישט יעדעס פלייש (זאָגט ער) איז דאָס זעלביגע פלייש, נאָר איינס איז דאָס פלייש פון מענשען, אַן אנדערס — פון בהמות, און אַן אנדערס — פון פיש, און אַן אנדערס — פון עופות". און וואָס ווייטער? דאָס אייגענע וואָלט דאָך אויך א קוכער געקאָנט זאָגען. „עס זיינען אויך פאַראַן (זאָגט ער ווייטער) הימעלשע קערפּערס, אָבער די הימעלשע האָבען אַן אנדער הערליכקייט, און די ערדישע — אַן אנדער הערליכקייט". און וואָס ווייטער? און וואָס איז צווישען זיי דער אונטערשייד? ווענען דעם זאָגט ער אונז

גאַרנישט. „עס איז (זאָגט ער) אַן אַנדער הערליכקייט צו דער זון, און אַן אַנדער הערליכקייט צו דער לבנה, און אַן אַנדער הערליכקייט צו די שטערן.“ און ווייטער זאָגט ער אונז גאַרנישט. אחוץ דעם, וואָס ער גיט צו, אַז א י י ן ש ט ע ר ן א ו נ ט ע ר ש י י ד ט ז י ך פ ו ן א ן אַ נ ד ע ר ע ן א י ן ה ע ר ל י כ ק י י ט. אַנשטאַט אין דיסטאַנץ; ער וואָלט פונקט אַזוי געקאָנט אונז זאָגן, אַז די לבנה שיינט נישט אַזוי העל, ווי די זון.

דאָס אַלץ איז נישט בעסער פון דעם זשאַרגאָן פון אַ וואָרזאָגער, וואָס קלייבט צונויף אומפאַרשטענדיגע ווערטער, כדי מיט זיי צו צעטומלען די לייכטגלויביגע מענשען, וואָס קומען אויסהערען זיין וואָרזאָגעריי. פריסטער און וואָרזאָגער געהערען צו דעמזעלביגען פאַך.

אַמאָל מאַכט פולוס דעם אָנשטעל פון אַ נאַטוראַליסט און זוכט צו באַווייזען די טעאָריע פון תחית המתים דורך די געזעצען פון דעם פלאַנצען־לעבען. „דו נאַר (זאָגט ער), וואָס דו פאַרזייסט, ווערט נישט לעבעדיג, סיידען עס שטאַרבט“. אויף דעם וואָלט מען איהם געקאָנט ענטפערען אין זיין אייגענעם לשון און זאָגען: דו נאַר, פולוס, וואָס דו פאַרזייסט, וואַקסט נישט אויף, סיידען עס שטאַרבט נ י ש ט; ווייל די קערנער, וואָס שטאַרבען אָפּ אין דעם באָדען, קאָנען קיינמאָל נישט אויפגיין; נאָר פון די לעבעדיגע קערנער קומט אַרויס די תבואה.“ אָבער די דאָזיגע מעטאַפאָר קאָן סיי ווי נישט דינען פאַר קיין פאַרגלייך. אין דעם פאַל מיט די קערנער ווערט דאָס לעבען פון די קערנער איבערגעגעבען צו דער תבואה, עס איז אָבער נישט קיין פאַל פון ווידער־אויפלעבונג.

דער איבערגאַנג פון אַ לעבעדיגען וועזען פון איין צושטאַנד צו אַן אַנדערען, ווי פון אַ וואָרם צו אַ שמעטערלינג, פּאַסט זיך דאָ גוט; אָבער דער ביישפּיל מיט די קערנער ווייזט נאָר, אַז פולוס אַליין איז געווען דאָס, וואָס ער זאָגט וועגען אַנדערע — אַ נ אַ ר.

צי די פּערצען בריוו, וואָס ווערען צוגערעכענט צו פולוס'ן, זיינען טאַקע אָנגעשריבען געוואָרען פון איהם, אָדער נישט, איז

פאַר אונז נישט וויכטיג צו וויסען; זיי באַשטייען אָדער פון אַר־
גומענטען, אָדער פון דאָגמען; און אַזוי ווי די אַרגומענטען זיינען
פעלערהאַפטיג און דער דאָגמאַטישער טייל איז געבויט בלויז אויף
איינבילדונגען, איז נישט וויכטיג צו וויסען, ווער עס האָט זיי
געשריבען. דאָס אייגענע קאָן אויך געזאָגט ווערען וועגען דעם
איבעריגען טייל פון דעם ט ע ס ט א מ ע נ ט.

די קירך, וואָס רופט זיך אליין די קריסטליכע קירך, איז באַ־
גרינדעט נישט אויף אַט די בריוו, נאָר אויף די פיר ביכער, די
אַזוי־גערופענע עוואַנגעליעס, וואָס ווערען צוגערעכענט צו מתיא,
מארקוס, לוקאַס און יוחנן, און אויף דער כלומר'שטיגער נבואה. די
בריוו זיינען געבויט אויף די לעצטע און מוזען האָבען דעמזעלביגען
מזל; ווייל אויב די מעשה מיט ישו הנוצרי איז פאַבעלהאַפטיג,
מוזען צוזאַמען מיט איהר אויך פאַלען די אַלע חקירות, וואָס זיי־
נען געבויט אויף איהר, ווי אויף אַן אַנגענומענעם אמת.

מיר ווייסען פון דער געשיכטע, אַז איינער פון די הויפּט־
פירער פון דער קירך, אַטאַנאַזיוס, האָט געלעבט אין דער צייט,
ווען דער נייער טעסטאַמענט איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען*);
מיר ווייסען אויך פון דעם אומזיניגען זשאַרגאָן, וואָס ער האָט
אונז איבערגעלאָזט אונטער'ן נאָמען „עיקרים פון גלויבען", וואָס עס
האָבען פאַרגעשטעלט מיט זיך די צוזאַמענשטעלער פון דעם נייעם
טעסטאַמענט; און פון דערזעלביגער געשיכטע ווייסען מיר נאָך,
אַז מען האָט אין יענער צייט זיך אָפּגעזאָגט צו גלויבען אין דער
עכטקייט פון די ביכער, פון וועלכע עס באַשטייט דער נייער טעס־
טאַמענט.

אויף דער אָפּשטימונג פון אַט־אַזוינע מענשען, ווי אַטאַנאַזיוס,
איז דאָס דער נייער טעסטאַמענט באַשטימט געוואָרען צו זיין דאָס
וואָרט פון גאָט. מיר קאָנען זיך גאָרנישט פאָרשטעלען קיין זונ־
דערבאַרערע זאַך, ווי דאָס באַשטימען דאָס וואָרט פון גאָט דורך
אָפּשטימונג. די, וואָס גלויבען אין אַזאַ מין אויטאָריטעט, שטע־
לען אוועק א מענשען אויפ'ן אָרט פון גאָט און האָבען נישט קיין

*) אַטאַנאַזיוס איז, לויט דער קירכען־כראָנאָלאָגיע, געשטאָרבען אין
יאָר 371.

שום גרונט פאר צוקונפטיג גליק. גלויביגקייט איז נישט קיין פארברעכען; זי ווערט אבער פארברעכעריש, ווען זי שטעלט זיך קעגען איבערצייגונגען. זי דערשטיקט אין וואָרצעל יעדע אנ־שטרענגונג, וואס דאס באוואוסטזיין מאכט צו געפינען דעם אמת.

איך שליס דא מיין אפהאנדלונג איבער דעם אלטען און נייעם טעסטאמענט. די ראיות, וואס איך האב דא געבראכט צו באווייזען זייער פאלשקייט, זיינען גענומען געווארען פון די ביכער גופא: זיי ווירקען, ווי א צוויי־שארפיגע שווערד, אויף ביידע זייטען. אויב די באווייזען וועלען אפּגעלייקענט ווערען, וועט צוזאמען מיט דעם אויך אפגעלייקענט ווערען די עכטקייט פון די דאזיגע שריפטען, ווייל די באווייזען זיינען דאך פון דארט גענומען געווא־רען; און אויב די באווייזען וועלען אנגענומען ווערען, וועט ממילא אויך אפגעלייקענט ווערען די עכטקייט פון די ביכער. די ווידער־שפרעכיגע אוממעגליכקייטען, וואס געפינען זיך אין דעם אלטען און נייעם טעסטאמענט, שטעלען די דאזיגע ביכער אין דער לאגע פון א מענשען, וואס שווערט פאר און קעגען א געוויסער זאך. ביידע מאל שווערען וויזען זיין שולד אין פאלשער שבועה און צעשטערען אלצאיינס זיין רעפוטאציע.

ווען די ביבעל און דער נייער טעסטאמענט שפעטער פא־לען, וועט די שולד נישט זיין מיינע. איך האב מעהר נישט געטון, ווי נאר ארויסגענומען פון אט־דעם גאנצען געמיש די באווייזען, וואס זיינען דארט פאראן, און איינגעארדענט זיי אזוי, אז מען זאל זיי קאנען קלאר זעהן און לייכט פארשטיין; און איצט, ווען איך בין פארטיג געווארען מיט מיין אויפגאבע, לאז איך איבער דעם לעזער צו אורטיילען פאר זיך, ווי איך האב דאס אליין געטון.

שלום.

אין דעם ערשטען טייל פון דער „צייט פון פאַרשטאַנד“ האָב איך גערעדט װעגען די דרייערליי שווינדלען: מיסטעריע, וואונדער און נבואה; און אזוי ווי איך האָב אין די ענטפערס אויף דעם דאָזיגען ווערק נישט געפונען קיין זאַך, וואָס זאָל אויף וויפיל־עס־איז באַרירען דאָס, וואָס איך האָב דאָרט אַרויסגעזאָגט איבער די דאָזיגע ענינים, וועל איך נישט באַלעטיגען אָט־דעם צווייטען טייל מיט צוזאַצען, וואָס זיינען נישט נויטיג.

איך האָב אין דעמזעלביגען פלאַץ אויך גערעדט וועגען דער אזוי־גערופענער אנטפלעקונג און געוויזען, ווי שלעכט דאָס דאָזיגע וואָרט פּאַסט זיך צו די ביכער פון דעם אַלטען און נייעם טעסטאַמענט; ווייל עס איז זיכער, אַז בנוגע אַ זאַך, וואָס אַ מענש האָט געזעהען מיט זיינע אייגענע אויגען, אָדער אַליין זיך אין דעם באַטייליגט, קאָן גאָר קיין רייד נישט זיין וועגען אנטפלעקונג. דאָרט, וואו אַ מענש האָט עפּיס געטון אָדער געזעהען, איז נישט נויטיג קיין אנטפלעקונג צו זאָגען איהם, אַז ער האָט דאָס געטון אָדער געזעהען, ווייל ער ווייס דאָס שוין אַליין, און אויך נישט — צו געבען איהם אַ מעגליכקייט וועגען דעם צו דערציילען אָדער שרייבען. אנצואווענדען דאָס וואָרט אנטפלעקונג פאַר אזוינע פאַלען איז אָדער אומוויסענקייט, אָדער אַ שווינדעל; און דאָך איז די ביבעל און דער טעסטאַמענט קלאַסיפיצירט אונטער דעם דאָזיגען פאַלשען נאָמען אנטפלעקונג.

דאָס וואָרט אנטפלעקונג, אויף וויפיל עס באַטייט אנטפלעקונג צווישען גאָט און דעם מענשען, קאָן אַנגעווענדעט ווערען נאָר פאַר דער אנטפלעקונג פון גאָט'ס ווילען צום מענ־

שען; און כאטש מען מוז צוגעבען, אז דער אלמעכטיגער קאן מאכען אזא מיטטיילונג צום מענשען, ווייל פאר דער מאכט פון דעם אלמעכטיגען איז אלץ מעגליך, איז אבער די זאך, וואס איז אזוי ארום אנטפלעקט געווארען (אויב נאר דאס איז וועןעס־איז געשעהען, וואס איז אגב אוממעגליך צו באווייזען), אן אנטפלעקונג *נאר צו דעם מענשען, צו וועמען זי איז געמאכט געווארען*. זיין דערציילען וועגען דעם צו אן אנדער מענשען איז שוין ניט קיין אנטפלעקונג; און ווער עס גלויבט אין דער דאזיגער דערציילונג, גלויבט אין דעם מענשען, פון וועמען זי קומט; און דער לעצטער האט געקאנט אפגענארט ווערען, אדער ער האט געקאנט פון דעם חלום'ען, אדער ער האט געקאנט זיין א שווינדלער און זאגען א ליגען. עס איז גאר נישטא קיין מעגליכער קריטעריום צו אורטיילען וועגען דעם אמת פון דעם, וואס ער דערציילט, ווייל אפילו די מאראלישקייט פון זיינע רייד קאן דא אויך נישט דינען פאר א באוויי. אין אלע אזוינע פאלען וואלט דער פאסיגער ענטפער געווען אזא: „ווען דאס וועט אנטפלעקט ווערען פאר מיר, וועל איך גלויבען, אז עס איז אן אנטפלעקונג; אזוי ווי דאס איז אבער פאר מיר נישט געווען קיין אנטפלעקונג, קאן מען דאס אויף מיר נישט ארויפצווינגען; אחוץ דעם איז נישט פאסיג, אז איך זאל אננעמען דאס ווארט פון א מענשען פאר דאס ווארט פון גאט און אוועקשטעלען דעם מענשען אויפ'ן ארט פון גאט". אין אזא זין האב איך גערעדט וועגען אנטפלעקונג אין דעם ערשטען טייל פון „דער צייט פון פארשטאנד"; אננעמענדיג אנטפלעקונג, ווי א מעגליכע זאך, ווייל פאר'ן אלמעכטיגען, ווי געזאגט, איז אלץ מעגליך, האב איך אבער צוריקגעוויזען דאס ארויפצווינגען אזא מין אנטפלעקונג פון איין מענשען אויפ'ן צווייטען און אויפגעוויזען דעם שלעכטען געברויך, וואס ווערט געמאכט פון אזא כלומרשטיגער אנטפלעקונג.

און כאטש איך גיב צו די מעגליכקייט פון אנטפלעקונג, גלויב איך אבער דורכאוים נישט, אז דער אלמעכטיגער זאל אמאל האבען עפיס מיטגעטיילט צו א מענשען מיט דער הילף פון וואסער־עס־איז שפראך, אדער זעהונג, אדער וואסערע־עס־איז אנדערע מיטלען.

וואס מיר קאנען אויפנעמען מיט אונזערע חושים; אויב דער אל־מעכטיגער אנטפלעקט זיך צו מענשען, איז עס נאר דורך די ווערק פון דער באשאפונג, וואס זיינען אפען פאר אלעמען גלייך, און אין דעם געפיל פון עקעל, וואס מיר פילען צו שלעכטע האנדלונגען, און אין אונזער נייגונג צו טון גוטס.

די סאמע אפשטויסיגע פאחדארבענקייט, די שווידערליכטע גרויזאמקייט און די גרעסטע אומגליקען, וואס די מענשהייט האט געהאט אויסצושטיין, האבען זיך גענומען פון אט־דער אזוי־גערופע־נער געטליכער אנטפלעקונג. דער דאזיגער גלויבען איז א פאר־שוועכונג פון גאט׳ס נאמען, און זיין שעדליכקייט פאר דער מאראל, פאר דעם שלום און גליק פון מענשען איז פיל גרעסער ווי פון יעדען אנדער מין גלויבען, וואס האט אמאל געהערשט צווישען מענשען. ווען מיר וואלטען ארויסגעלאזט איבער דער וועלט א טויזענט טייוואלים צו פרעדיגען עפענטליך די טייוועלישע לערע, אויב דאס וואלט נאר מעגליך געווען, וואלט עס אפשר בעסער געווען, ווי צוצולאזען איינעם פון אזוינע פארפירער און מאנסטערס, ווי משה, יהושע, שמואל און די ביבלישע נביאים, צו קומען מיט דעם בלומרשטיגען ווארט פון גאט אין מויל און צו קריגען אונזער אנער־קענונג.

פון וואנען שטאמען די אלע שרעקליכע אויסשלאכטונגען פון גאנצע פעלקער, וואס די ביבעל איז מיט דעם פול, און די אלע בלוטיגע רדיפות און נגישות, און די אלע רעליגיעזע מלחמות, וואס האבען זינט יענער צייט געבראכט א חורבן אויף אייראפע און פארפלייצט זי מיט בלוט, — פון וואנען שטאמט דאס אלץ, אויב נישט פון אט־דער גאטלאזער זאך, וואס הייסט געטליכע אנטפלע־קונג, און פון דעם מאנסטרועזען גלויבען, אז גאט האט גערעדט צו א מענשען? די ליגענס פון דער ביבעל האבען געבראכט די ערשטע אומגליקען, און די ליגענס פון דעם טעסטאמענט האבען געבראכט די צווייטע.

אייניגע קריסטען פרעטענדירען, אז דאס קריסטענטום האט זיך נישט באפעסטיגט דורך דער שווערד. אבער פון וועלכער צייט רעדען זיי דאס? עס איז געווען אוממעגליך, אז צוועלף מענשען

זאלען קאנען אנהויבען מיט דער שווערד; זיי האבען דערויף נישט געהאט קיין מאכט; אבער אזוי גיך ווי די נאכפאלגער פון קריס־טענטום האבען זיך דערפילט גענוג מעכטיג צו באנוצען די שווערד, ווי אויך דעם מארטער־טלופ און דעם שייטער־הויפען, האבען זיי דאס נישט פארפעלט צו טון. און דאס איינענע איז אויך געווען מיט מהמד'ן. מיט'ן זעלביגען אימפעט, וואס פעטרוס האט אפגע־שניטען דעם אויער פון דעם כהנ'ס קנעכט (אויב די דאזיגע מעשה איז נאר אמת), וואלט ער איהם אויך אפגעשניטען דעם קאפ, ווי אויך דעם קאפ פון דעם באלעבאס, ווען ער וואלט דאס נאר גע־קאנט טון. אויסער דעם האט דאס קריסטענטום לכתחילה זיך גע־שטיצט אויף דער ביבעל, און די לעצטע האט זיך דאך דורכאויס באפעסטיגט דורך דער שווערד, און דאס נאך אויפ'ן ערגסטען אופן: די שווערד איז נישט באנוצט געווארען בלויז אויף אנצושרעקען, נאר טאקע, ווי אן אויסראטונגס־מיטעל. די אידען האבען קיינעם נישט באקערט צו זייער גלויבען; זיי האבען אלעמען אויסגעשאכ־טען. דער אלטער טעסטאמענט איז דער פאטער פון דעם נייעם, און ביידע ווערען זיי אנגערופען דאס ו ו א ר ט פ ו ן ג א ט. די קריסטען לייענען ביידע ביכער; די גייסטליכע פרעדיגען פון ביי־דע ביכער; און דאס אזוי־גערופענע קריסטענטום איז אויפגעשטעלט געווארען פון ביידע. עס איז, אלזוי, נישט אמת, ווען מען זאגט, אז דאס קריסטענטום האט זיך נישט באפעסטיגט דורך דער שווערד.

די איינציגע סעקטע, וואס האט קיינעם נישט פארפאלגט, איז די סעקטע פון די קוויקערס; און די איינציגע דערקלערונג, וואס מען קאן דערויף געבען, איז, אז זיי זיינען גיכער דעאיסטען, ווי קריסטען. זיי גלויבען נישט פיל אין ישו הנוצרי, און זיי האלטען די „הייליגע שריפט" פאר א טויטען בוכשטאב. ווען זיי וואלטען אט־די שריפט געהאלטען פאר אן ערגערער זאך, וואלטען זיי געווען נעהענטער צים אמת.

אויף יעדען איינעם, וואס פילט יראת הכבוד צום באשעפער און וויל פארקלענערען די צאל גישט־נויטיגע אומגליקען, ווי אויך באזייטיגען די אורזאך, וואס האט געבראכט אזוי פיל צרות אויף

דער מענשהייט, ליגט א חוב צו באַקעמפּען די אַלע אידעען פון געטליכער אנטפּלעקונג, ווי א געפערליכע אפיקורסות און א גאָטלאָזען שווינדעל. וואָס אזוינס האָבען מיר דען זיך געלערנט פון דער רעליגיע פון געטליכער אנטפּלעקונג? קיין זאַך, וואָס איז ניצליך פאר'ן מענשען, און אלץ, וואָס איז אַן אומכבוד פאר זיין באַשעפער. וואָס לערנט אונז די ביבעל? רויבעריי, גרויזאַמקייט און מאָרד. וואָס לערנט אונז דער טעסטאַמענט? צו גלויבען, אַז דער אלמעכטיגער האָט פארפירט א מיידעל, וואָס האָט געהאַלטען ביי חתונה האָבען, און אָט־דער אַקט פון אויסגעלאַסענקייט ווערט אָנגערופען אמונה.

וואָס אַנבאַלאַנגט די פראַגמענטען פון מאָראַל, וואָס זיינען נישט־רעגעלמעסיג און שיטער צעוואָרפען איבער די דאָזיגע ביכער, זיינען זיי נישט קיין טייל פון דער אזוי גערופענער רעליגיע פון אנטפּלעקונג. זיי זיינען די נאַטירליכע באַפעלען פון דעם געוויסען און דער באַנד, וואָס האַלט צוזאַמען די געזעלשאַפט און וואָס אָן איהם קאָן די געזעלשאַפט נישט עקזיסטירען. אָבער דאָס קאָן מען געפינען כמעט אין יעדער רעליגיע און אין יעדער געזעלשאַפט. דער טעסטאַמענט לערנט אונז נישט קיין שום נייע זאַך איבער אָט־דעם ענין, און דאָרט, וואו ער וויל זיין העכער איבער אַלע אַנדערע מאָראַל־לערעס, ווערט ער פּשוט און לעכערליך. די לערע פון נישט צאָלען א רעה פאר א רעה איז פיל בעסער אויסגעדריקט אין מ ש ל י, ווי אין דעם טעסטאַמענט. עס ווערט דאָרט געזאָגט אזוי (משלי, קאַפּ. 25, פּסוק 21): „ו ו ע ן ד י י ן פ י י נ ט א י ז ה ו נ ג ע ר י ג, ג י ב א י ה ם ב ר ו י ט צ ו ע ס ע ן; א ו ן ו ו ע ן ע ר א י ז ד אָ ר ש ט י ג, ג י ב א י ה ם ו ו א ס ע ר צ ו ט ר י נ ק ע ן“*); ווי עס ווערט

*) אין דער אַזוי־גערופענער באַרג־פּרעדיגט אין דעם בוך פון מתיא, וואו צווישען אנדערע גוטע זאַכען ווערט אריינגעפירט א היבש ביסעל בלומרשטיגע מאָראַליטעט, ווערט אויסדריקליך געזאָגט, אַז די לערע פון אויסדויער, אָדער פון נישט צאָלען מדה כנגד מדה, איז נישט געווען קיין אידישע לערע; אָבער אזוי ווי די דאָזיגע לערע געפינט זיך אין מ ש ל י, האָט זי, לויט אָט־דער באַהויפּטונג, געמוזט גענומען ווערען פון נישט־אידען, פון וועמען ישוע האָט דאָס געלערנט. יענע מענשען, וואָס די אידישע און קריסטליכע געצענדינער האָבען זוי אָנגערופען הייד־

אָבער אין דעם „טעסטאַמענט" געזאָגט: ווען אַ מענש וועט דיך שלאָגען אויף דער רעכטער באַק, שטעל איהם אויך אָן די אנדערע באַק", הייסט דאָס מאַכען אַ תל פון דער ווירדיגקייט פון אויסדויער און לאָזען דעם מענשען זינקען צו דער מדרגה פון אַ הונט.

די ליבע צו שונאים איז נאָך אַ דאָגמע פון כלומרשטיגער מאָראַליטעט, וואָס האָט נאָך דערצו קיין שום זין נישט. דער מאָראַלישער חוב פון יעדען מענשען איז נישט צו נעמען נקמה פאַר אַ באַליידיגונג; דאָס איז אויך גוט אין פּאָליטישען זין, ווייל דאָס אָפּרעכענען זיך פאַר אַ באַליידיגונג וועט גאָר קיין סוף נישט האָבען, ווען יעדער איינער וועט זיך אָפּרעכענען מיט'ן צווייטען און דאָס אָנרופען גערעכטיגקייט; אָבער ליבען פּראָפּאָרציאָנעל צו דער באַליידיגונג, אויב דאָס וואָלט נאָר געקאָנט געטון ווערען, וואָלט געהייסען געבען אַ באַלוינונג פאַר אַ פאַרברעכען. אויסער דעם איז דאָס וואָרט שונאים צופיל נישט־קלאָר און אַלגעמיין, אַז מען זאָל דאָס באַנוצען אין אַ מאָראַלישען פּרינציפּ, וואָס דאַרף אַלע מאָל זיין אַזוי קלאָר און באַשטימט, ווי אַ שפּריכוואָרט. אויב אַ מענש פילט פיינשאַפט צום צווייטען דורך טעות און פאָראורטייל, ווי אין דעם פאַל פון רעליגיעזע מיינונגען און אַמאָל אויך פון פּאָליטיק, איז דאָס נישט דערזעלביגער מין פיינטשאַפט, וואָס איינער טראָגט אין זיין האַרץ אויפ'ן צווייטען מיט אַ פאַרברעכערישער כונה; און עס ליגט אויף אונז אַ חוב, און עס איז אויך נויטיג פאַר אונזער אייגענער

נער, האָבען געהאַט בעסערע און קלאָרערע באַגריפען פון יושר און מאָראַל, ווי די, וואָס מען קאָן געפינען אין דעם אַלטען טעסטאַמענט, אויף וויפיל זיי זיינען נאָר אידישע באַגריפען, אָדער אין דעם נייעם. סאָלאָנ'ס ענטפער אויף דער פראַגע: „וואָס איז די בעסטע רעגירונג פאַר אַ פאָלק?" — איז, ווי אַ גרונדזאַץ פון פּאָליטישער מאָראַל, נאָך פון קיינעם, זינט זיין צייט, נישט איבערגעטראָפען געוואָרען. „אַזאַ רעגירונג, — האָט ער געענטפערט, — וואו דאָס קלענסטע אומרעכט, וואָס ווערט באַגאַנגען קעגען דעם קלענסטען מענשען, ווערט באַטראַכט, ווי אַ באַליידיגונג קעגען דער גאַנצער קאָנסטיטוציע." סאָלאָן האָט געלעבט מיט 500 יאָר פאַר קריסטוס'ן.

זיכערקייט, אז מיר זאלען טון דאס בעסטע, וואס מיר קאנען, צו פארמיידען די מעגליכע רעזולטאטען פון פיינטשאפט. אבער אפילו פיינטשאפט, וואס קומט דורך א טעות, קאן נישט דינען פאר'ן צווייטען צד פאר א מאטיוו פון ליבע; און צו ליבען נאך אונזער אייגענעם ווילען און אן יעדען מאטיוו איז א מאראלישע און פיזישע אוממעגליכקייט.

עס איז א פארלעצונג פון דער מאראל, ווען מען שרייבט איהר צו פליכטען, וואס מען קאן זיי גארנישט דורכפירען, און וואס וואלטען געוועזען מסוגל צו שאפען שלעכטס, אדער, ווי געזאגט פריהער, געוועזען א באלוינונג פאר פארברעכען, ווען מען וואלט זיי אפילו געקאנט דורכפירען. דער כלל פון **טון יענעם אזוי ווי מיר וואלטען געוואלט, אז מען זאל אונז טון**, שליסט נישט איין אין זיך אט־די מאדנע לערע פון ליבע צו שונאים, ווייל קיין מענש ערוואַרט נישט, אז מען זאל איהם ליבען פאר זיין פארברעכען אדער פיינטשאפט.

די, וואס פרעדיגען די לערע פון ליבע צו שונאים, זיינען בכלל די גרעסטע פארפאלגער. און דאס איז גאנץ נאטירליך, ווייל די לערע אליין איז היפאקריטיש און עס איז בדרך הטבע, אז א היפאקריט זאל האנדלען להיפוך צו דעם, וואס ער פרעדיגט.

איך, פון מיין זייט, אנערקען נישט די דאזיגע לערע און באטראכט זי פאר א פאלשער אדער פאבעלהאפטיגער מאראל; און דאך איז נישטא דער מענש, וואס זאל קאנען זאגען, אז איך האב אים, אדער ווער־עס־איז אנדערש פארפאלגט סיי בעת דער אמעריקאנער און סיי בעת דער פראנצויזישער רעוואלוציע, אדער אז איך האב אין וואסער־עס־איז פאל געענטפערט מיט א רעה פאר א רעה. עס איז פונדעסטוועגען נישט דעם מענשען'ס פליכט צו באצאלען פאר א רעה מיט א טובה; און אויב אזא זאך ווערט געטון, איז עס א פרייוויליגער אקט, אבער נישט קיין פליכט. עס איז אויך אן אומזין צו דענקען, אז אזא לערע קאן זיין א טייל פון דער רעליגיע פון אנטפלעקונג. ווען מיר באנעמען זיך מילד איינער מיט'ן אנדערען, טוען מיר דערמיט נאך דעם באשעפער, ווייל ער איז מילד צו אונז אלעמען; אבער לויט אט־דער לערע קומט גאר

אויס, אז ער ליבט דעם מענשען נישט אזוי פאר זיין גוטסקייט, ווי פאר זיין שלעכט־זיין.

אויב מיר וועלען נעמען אין אכט די טבע פון אונזער דא־זיין, וועלען מיר מוזען איינזעהן, אז עס איז פאר אונז גארנישט נויטיג א.א זאך, ווי *רעליגיע פון אנטפלעקונג*. וואס אזוינס דארפען מיר דען וויסען? אנטפלעקט דען פאר אונז נישט דער אוניווערז, די באשאפונג, וואס מיר זעהען, די עקזיסטענץ פון אן אלמעכטיגער קראפט, וואס באהערשט און פירט דאס גאנצע? און איז דען דאס, וואס די באשאפונג דעקט אויף פאר אונזערע חושים, נישט קיין שטארקערער באוויז, איידער יעדע זאך, וואס מיר קאנען לייענען אין א בוך, וואס יעדער פארפירער קאן עס פארפאסען און אנרופען עס דאסווארט פון גאט? און וואס אנבאלאנגט דער מאראליטעט, געפינט זי זיך אין דעם געוויסען פון יעדען מענשען.

די עקזיסטענץ פון אן אלמעכטיגער קראפט ווערט פאר אונז גאנץ גענוג דעמאנסטרירט, כאטש מיר קאנען נישט אויפפאסען די טבע און די פארם פון איר עקזיסטענץ און עס איז אויך אוממעגליך, אז מיר זאלען עס אמאל קאנען טון. מיר קאנען נישט פארשטיין, ווי אזוי מיר זיינען געקומען אויף דער וועלט, און דאך ווייסען מיר, ווי א פאקט, אז מיר זיינען דא. מיר מוזען אויך וויסען, אז די קראפט, וואס האט אונז ארויסגערופען צום לעבען, קאן, אויב זי זאל נאר וועלען, צו יעדער צייט אונז ארויסרופען אפצוגעבען דין וחשבון פאר דעם, ווי אזוי מיר האבען דא געלעבט; און אזוי ווי מיר ווייסען פאראויס, אז די דאזיגע אלמעכטיגע קראפט קאן פאדערען פון אונז דין וחשבון, איז עס דעריבער גאנץ שכל'דיג פון אונזער זייט צו גלויבען, אז דאס וועט אזוי זיין, נישט זוכענדיג קיין שום אנדער מאטיוו פאר אזא מין גלויבען. די ווארשיינליכקייט אדער אפילו די מעגליכקייט פון אזא זאך איז אלץ, וואס מיר דארפען וויסען; ווייל ווען מיר וואלטען דאס געוואוסט אויף זיכער, וואלטען מיר בלויז געווען שקלאפען פון שרעק; אונזער גלויבען און אונזערע בעסטע מעשים וואלטען דאן קיין שום ווערט נישט געהאט.

דער דעאיזם לערנט אונז, אלזוי, אלץ, וואס עס איז פאר אונז נויטיג אדער פאסיג צו וויסען. די באשאפונג איז די ביבעל פון דעם דעאיסט. ער לייענט אין איר, אין דער האנטשריפט פון דעם באשעפער אליין, וועגען דער זיכערקייט פון זיין עקזיסטענץ און דער אומפארענדערליכקייט פון זיין מאכט, און אלע אנדערע ביבעלס און טעסטאמענטען זיינען פאר אים נישט מער, ווי פעלשונגען.

די השערה, אז מיר וועלען מעגליך גערופען ווערען אפצוגעבען דין וחשבון נאכ'ן לעבען, וועט יעדען דענקענדיגען מענשען באאיינפלוסען צו גלויבען; ווייל דאס זיין אדער נישט־זיין פון אט־דעם פאקט ווענדט זיך נישט אן אונזער גלויבען אדער נישט־גלויבען. אזוי ווי דאס איז דער צושטאנד, וואס מיר געפינען זיך אין אים און וואס איז גאנץ פאסיג, אז מיר זאלען זיך אין אים געפינען, ווי מענשען, וואס זיינען פריי צו האנדלען, וועט נאר דער נאר אליין לעבען אזוי, ווי עס וואלט קיין גאט נישט געווען, אבער נישט דער פילאזאף און אפילו נישט דער פשוט'ער בר־דעת.

אבער דער גלויבען אין גאט ווערט אזוי אפגעשוואכט דערפון, וואס מען מישט אים צונויף מיט דער מאדנער פאבעל פון דער קריסטליכער אמונה, מיט די ווילדע אוואנטורען, וואס ווערען דערציילט אין דער ביבעל, און מיט דעם נישט־קלארען און אומאנשטענדיגען אומזין פון דעם טעסטאמענט, אז דעם מענשען'ס שכל ווערט דא איינגאנצען צעטומעלט. באטראכטענדיג די דאזיגע אלע זאכען אין זייער אנגעהורבעטער מאסע, מישט דער מענש צונויף דאס אמת'דיגע מיט'ן פאבעלהאפטיגען; און אזוי ווי ער קאן נישט גלויבען אין אלץ, דערפילט ער א נייגונג אלצדינג אפצולייקענען. אבער דער גלויבען אין גאט איז א גאנץ באזונדערע זאך און דארף נישט צונויפגעמישט ווערען מיט עפיס אנדערש. דער באגריף פון דער געטליכער דרייאייניגקייט האט אפגעשוואכט דעם גלויבען אין איין גאט. *א כפל* פון געטער ווירקט דא, ווי *א חילוק* פון גלויבען; און יעדע זאך ווערט דאך, ווי באוואוסט, אפגעשוואכט, ווען זי ווערט צעטיילט.

דורך אזוינע מיטלען ווערט די רעליגיע א זאך פון פארם,

אַנשטאַט פאַקטען, פון באַגריפען, אַנשטאַט פּרינציפּען. די מאָראַליטעט ווערט אַרויסגעשטויסען, כדי צו מאַכען פּלאַץ פאַר אַן אייגנגערעדטער זאַך, וואָס ווערט אַנגערופען גלויבען, און דער דאָזיגער גלויבען שטאַמט פון אַן אַקט פון אויסגעלאַסענקייט, וואָס מען רעכענט אים צו צום אַלמעכטיגען אַליין; אַנשטאַט דעם גלויבען אין גאָט ווערט געפּרעדיגט דער גלויבען אין אַ מענשען; אַ הינריכטונג איז אַן אָביעקט פון דאַנקבאַרקייט; די פּרעדיגער שמירען זיך אַליין אויס מיט'ן בלוט, ווי אַ מחנה מערדער, און מאַכען דעם אַנשטעל, אַז זיי באַוואונדערען דעם גלאַנץ, וואָס דאָס גיט זיי צו; זיי האַלטען נודנע דרשות איבער דער באַטייטונג פון דער הינריכטונג; זינגען ליבּ־געזאַנגען צו יעזוס'ן פאַר דעם, וואָס ער איז הינגעריכט געוואָרען, און פאַרדאַמען די אידען, וואָס האָבען דאָס געטון. ווען אַ מענש הערט אויס אַט־דעם גאַנצען אומזין, מישט ער צוזאַמען דעם גאָט פון דער באַשאַפונג מיט דעם איינגעבילדעטען גאָט פון די קריסטען, און לעבט אַזוי, גלייך ווי עס וואָלט גאָר קיין גאָט נישט געווען.

פון אַלע רעליגיעזע סיסטעמען, וואָס זיינען אַמאָל געשאַפען געוואָרען, איז גאָר נישטאָ נאָך איינע, וואָס זאָל זיין אַזוי גאָטלעסטערענדיג, אַזוי אוממאָראַליש, אַזוי אַפּשטויסיג פאַר'ן מענשליכען שכל און אַזוי ווידערשפּרעכיג אין זיך גופא, ווי די רעליגיע, וואָס ווערט אַנגערופען קריסטענטום. צו אַבסורד צו גלויבען אין איר, צו אוממעגליך צו זיין איבערצייגענדיג און צו נישט־אויסגעהאַלטען צו קאָנען זי אָנווענדען במעשה, פאַרטעמפּט זי דאָס האַרץ, אָדער שאַפט אַטעאיסטען און פאַנאַטיקער. ווי אַ ווערקצייג פון מאַכט, דינט זי די אינטערעסען פון דעספּאָטיזם; און ווי אַ מיטעל פון רייכקייט, דינט זי דעם געלט־גייץ פון די פּריסטער; אָבער אויף וויפיל דאָס איז נוגע דעם מענשליכען וואוילזיין בכלל, פירט זי צו גאָרנישט סיי אויף דער־וועלט און סיי אויף יענער־וועלט.

די איינציגע רעליגיע, וואָס איז נישט אויסגעטראַכט געוואָרען און טראָגט אין זיך אַלע סמנים פון געטליכער אַפּשטאַמונג, איז דער ריינער דעאיזם. זי האָט געמוזט זיין די ערשטע און וועט מן הסתם אויך זיין די לעצטע רעליגיע פון דעם מענשען. אָבער

די דאזיגע רעליגיע דינט נישט די אינטערעסען פון דעספאטישע רעגירונגען. די לעצטע קאנען אנדערש נישט אויסנוצען די רעליגיע, ווי א ווערקצייג פון זייער מאכט, סיידען זיי זאלען זי צוזאמענמישען מיט מענשליכע ערפינדונגען און מאכען זייער אייגענע מאכט פאר א טייל פון דער רעליגיע. זי קאן אויך אנדערש נישט דינען דעם געלט־גייץ פון די פריסטער, סיידען די לעצטע פאראייניגען זיך און זייערע פונקציעס מיט איר און ווערען, אזוי ווי די רעגירונג, א טייל פון דער סיסטעם. נאר אויף אזא אופן ווערט געשאפען די פאראייניגונג צווישען דער קירך און דעם שטאט, די פאראייניגונג צווישען דער כלומרשט־הומאניטארער קירך און דעם דעספאטישען שטאט, וואס וואלט אנדערש נישט מעגליך געווען.

ווען דער מענש וואלט אזוי שטארק און אזוי טיף דורכגענומען געווארען פון דעם גלויבען אין גאט, ווי דאס פאדערט פון אים זיין נאטור, וואלט זיין מאראליש לעבען געפירט געווארען דורכ'ן כח פון אט־דעם גלויבען און ער וואלט מיט יראת הכבוד געשטאנען פאר גאט און פאר זיין אייגענעם געוויסען. כדי צו לאזען אט־דעם גלויבען זיך פריי אנטוויקלען, מוז מען אים איבערלאזען צו זיך אליין. און דאס איז דעאיזם. ווען אבער איין טייל פון גאט ווערט, לויט דער קריסטליכער סכעמע פון דרייאייניגקייט, פארגעשטעלט דורך א שטארבענדיגען מענשען און אן אנדער טייל, וואס ווערט אנגערופען דער הייליגער גייסט, — דורך א פליהענדיגער טויב*), איז גאר אוממעגליך, אז דער גלויבען זאל זיך האלטען אויף אזוינע ווילדע איינבילדונגען.

*) דאס בוך, וואס ווערט אנגערופען דאס בוך פון מתיא, זאגט (קאפ. 3, פסוק 16), אז דער הייליגער גייסט האט זיך ארונטערגעלאזט אין דער געשטאלט פון א טויב. עס וואלט מיט'ן זעלביגען רעכט געקאנט געזאגט ווערען, אז דער גייסט האט אנגענומען די פארם פון א גאנז; ביידע באשעפענישען זיינען גלייך אומשעדליך, און דאס ערשטע איז פונקט אזא נארישער ליגען, ווי דאס צווייטע. אין דער אפאסטעלגעשיכטע (קאפ. 2, פסוקים 3, 2) ווערט געזאגט, אז דער רוח הקודש האט זיך אראפגעלאזט אין דעם גערויש פון א שטארקען ווינט און אין דער פארם פון צעשפאלטענע צונגען; אפשר זיינען

די כונה פון דער קריסטליכער קירך, ווי פון אלע אנדערע אויסגעטראכטע רעליגיעזע סיסטעמען, איז צו האלטען דעם מענ־שען אין אומוויסענקייט בנוגע צום באשעפער, אזוי ווי דער שטאט זעהט צו האלטען דעם מענשען אין אומוויסענקייט בנוגע צו זיינע רעכט. דאס ערשטע איז פונקט אזוי פאלש, ווי דאס צווייטע, אוןביידע סיסטעמען זיינען אויסגערעכענט פאר די אינטערעסען פון קעגענזייטיגער הילף צווישען דער קירך און דעם שטאט.

די טעאלאגיע, ווי זי ווערט שטודירט אין די קריסט־ליכע קירכען, האלט זיך אויף גארנישט; זי האט נישט קיין שום פרינציפען; זי שטיצט זיך נישט אויף קיין שום אויטאריטעט; זי האט נישט קיין שום גרונט־כללים; זי קאן גארנישט אויפווייזען; און זי דערלאזט נישט צו מאכען קיין שום אויספיר. קיין שום זאך קען נישט שטודירט ווערען, ווי א וויסענשאפט, ווען מיר ווייסען נישט די פרינציפען, אויף וועלכע זי ווערט באגרינדעט; און אזוי ווי די קריסטליכע טעאלאגיע איז פריי פון פרינציפען, האט זי דע־ריבער קיין שום ממשות נישט.

אנשטאט צו שטודירען טעאלאגיע, ווי דאס ווערט איצט גע־טוה, פון דער ביבעל און דעם טעסטאמענט, וואס איבער זייער זין גייט אן אן אייביגער ויכוח און זייער עכטקייט ווערט אפגעלייקענט, איז דען נישט בעסער, אז מיר זאלען זיך נעמען שטודירען די בי־בעל פון דער באשאפונג. די פרינציפען, וואס מיר אנטדעקען דא, זיינען אייביג און פון א געטליכען מקור; זיי זיינען דער יסוד פון דעם גאנצען וויסען, וואס מיר פארמאגען, און מוזען דעריבער אויך זיין דער יסוד פון דער טעאלאגיע.

מיר קאנען דערקענען גאט נאר דורך זיינע ווערק. מיר קאנען נישט האבען קיין השגה פון וועלכען־עס־איז אטריבוט פון גאט, אויב מיר וועלען נישט נאכפאלגען עפּיס א פרינציפּ, וואס פירט צו דעם. מיר האבען בלויז א שוואכען באגריף פון זיין קראפט, אויב מיר האבען נישט די מיטלען צו שאפען זיך וואסער־עס־איז

דאס גאר געוועזן צעשפאלטענע פיס. אזוינע נארישקייטען פאסען זיך נאר פאר מעשיות וועגען כשוף־מאכער און מכשפות.

פארשטעלונג פון איר אומענדליכקייט. מיר קאנען נישט האבען קיין שום השגה פון זיין חכמה, סיידען מיר וועלען וויסען די ארדע־נונג און דעם שטייגער פון איר ווירקונג. די פרינציפען פון דער וויסענשאפט פירען צו את־דעם וויסען; ווייל דער באשעפער פון דעם מענשען איז אויך דער באשעפער פון דער וויסענשאפט; און נאר מיט דער הילף פון דער וויסענשאפט קאן דער מענש זעהן גאט פנים אל פנים.

וואלט דער מענש אוועקגעשטעלט געווארען אין א פאזיציע, פון וואנען ער וואלט, באשאנקען מיט דער נויטיגער זעה־קראפט, געקאנט מיט איין בליק ארומנעמען דעם געביי פון דעם אוניווערז, באמערקען די באוועגונגען פון די פילע פלאנעטען, די אורזאך פון זייער פארשיידענעם אויסזעהן, די פינקטליכע ארדענונג, אין וועל־כער עס קומען פאר זייערע אומדרייאונגען, אפילו ביז צו דער ווייטסטער קאמעט, זייערע קעגענזייטיגע פארבינדונגען און פאר־העלטענישען און צו וויסען די סיסטעם פון געזעצען, וואס דער בא־שעפער האט איינגעשטעלט, כדי צו פירען און רעגולירען דאס גאנצע, וואלט ער דאן פיל מער, ווי יעדע קירכען־טעאלאגיע קאן אים דאס לערנען, פארשטאנען די קראפט, די חכמה, די אומענד־ליכקייט און פרייגעביגקייט פון דעם באשעפער; ער וואלט דע־מאלט געזעהען, אז דעם מענשען'ס גאנצער וויסען און אלע מעכא־נישע קונסטען, דורך וועלכע ער מאכט זיך באקוועמער דאס לעבען אויף דער ערד, שטאמען אלע פון את־דעם קוואל; דערהויבען דורך דעם בילד, וואס האט זיך געעפענט פאר זיינע אויגען, און איבער־צייגט פון דער קלארקייט פון דעם, וואס ער האט געזעהען, וואלט זיין הארץ געווארען רייכער מיט דאנקבארקייט, פונקט ווי זיין שכל וואלט באררייכערט געווארען מיט וויסען. ער וואלט געווארען א פולקאמענערער מענש, און זיינע רעליגיעזע געפילען וואלטען גע־וואונען אין דעמזעלביגען גראד. יעדע באשעפטיגונג זיינע, וואס וואלט נאר געהאט עפיס א שייכות מיט די פרינציפען פון דער בא־שאפונג, ווי דאס קומט, א שטייגער, פאר מיט אגריקולטור, מיט יעדער וויסענשאפט און יעדער מעכאנישער ארבייט, וואלט אים געלערנט פיל מער וועגען גאט און וועגען דער דאנקבארקייט, וואס

ער דאַרף פּילען צו אים, ווי וואָסער־עס־איז טעאָלאָגישע קריסטליכע דרשה, וואָס ער הערט איצט. גרויסע זאַכען אינספּירירען גרויסע געדאַנקען; גרויסע פּרייגעביגקייט רופֿט אַרויס געפּילען פֿון גרויסער דאַנקבאַרקייט; אָבער די אומווירדיגע מעשיות און לעגענדעס פֿון דער ביבעל און דעם טעסטאַמענט קאָנען נאָר אַרויסרופֿען פֿאַראַכטונג צו זיך.

באַטש דער מענש איז נישט אימשטאַנד, יעדענפֿאַלס נישט אויף ד ע ר ־ ו ו ע ל ט, צו דערגרייכען די סצענע, וואָס איך האָב באַשריבען, קאָן ער זי אָבער דעמאָנסטרירען, ווייל ער איז באַקענט מיט די פּרינציפּען, אויף וועלכע דער אוניווערז איז גע־בויט*). מיר ווייסען, אַז די גרעסטע ווערק קאָנען פֿאַרגעשטעלט ווערען אין אַ מאָדעל און אַז דער אוניווערז קאָן פֿאַרגעשטעלט ווע־

*) די ביבעל־פֿאַרפֿאַסער האָבען זיך אונטערגענומען צו געבען אונז אין דעם ערשטען קאַפּיטעל פֿון ב ר א ש י ת אַ בילד פֿון דער וועלט־באַשאַפֿונג; זיי האָבען דערמיט קיין זאַך נישט באַוויזען, אויסער זייער אומוויסענקייט. זיי לאָזען דאָרט זיין דריי טעג און דריי נעכט, אָוועג־טען און פֿרימאָרגענס, איידער עס איז נאָך געווען אַ זון, בעת יעדער איי־נער ווייס, אַז דאָס זיין אָדער נישט־זיין פֿון דער זון איז די אורזאַך פֿון טאָג און נאַכט, און דאָס, וואָס ווערט אָנגערופֿען זון־אויפֿגאַנג און זון־פֿאַרגאַנג, איז די אורזאַך פֿון פֿרימאָרגען און אָוונט. אויסער דעם איז דאָס אַ אינגעלשע און קלעגליכע השגה צו לאָזען דעם אַלמעכטיגען זאָ־גען: „זאָל זיין ליכט!“ אַט־אַזאַ באַפֿעלענדיגע פֿאָרם פֿון אויסדרוק נוצט אויך אַ קונצענמאַכער, ווען ער ווענדט זיך צו זיינע טעצלעך און באַלען, און העכסט־וואַרשיינליך איז עס טאַקע פֿון דאַנען גענומען געוואָרען, ווייל משה האָט, ווי יעדער קונצענמאַכער, אויך געהאַט אַ צויבער־שטע־קעלע. לאָגינוס זאָגט, אַז דאָס איז אַ דערהויבענער אויסדרוק; אָבער אין אַזאַ פֿאַל מוז מען אויך אָנערקענען דעם קונצענמאַכער פֿאַר אַ דער־הויבענעם פֿאַרשוין, ווייל די ווערטער, וואָס ער באַנוצט, ווייזענדיג זיינע קונצען, זיינען פֿון דעמזעלביגען סאָרט סיי גראַמאַטיש און סיי אין זייער אויסדרוק. ווען אייניגע שרייבער און קריטיקער רעדען וועגען דעם דערהויבענעם, זעהען זיי נישט, ווי נאָהענט עס גרענעצט מיט דעם לע־כערליכען: דאָס דערהויבענע פֿון די קריטיקער איז ווי אַ ווינטמיל אין אַ נעפּיל, וואָס די פֿאַנטאַזיע קאָן פֿון דעם מאַכען אַ פֿליהענדיגען באַרג, אָדער אַ מלאך, אָדער אַ שאַרע ווילדע געננז.

רען אויף דעמזעלביגען אופן. דיזעלביגע פרינציפען. וואס ווערען אנגעווענדט ביים מעסטען א צאל אדער אן אקער ערד, גילטען אויך ביים מעסטען א מיליאנענפאך־גרעסערען שטח. א קרייז פון איין צאל אין דיאמעטער האט דיזעלביגע געאמעטרישע אייגענשאפטען, וואס א קרייז ארום דעם גאנצען אוניווערז. דיזעלביגע אייגענשאפטען פון א דריי־עק, וואס ווייזט אויף א שטיקעל פאפיר דעם גאנג פון א שיף, גילטען אויך פאר'ן אקעאן; און ווען אט־די אייגענשאפטען פון א דריי־עק ווערען אנגעווענדט ווערען פאר דעם, וואס מיר רופען הימעל־קערפער, ווערען זיי באשטימען צו דער פינקטליכקייט פון א מינוט די צייט פון אן עקליפס, כאטש אט־די הימעל־קערפער זיינען אויף מיליאנען מייל ווייט פון אונז. דאס דאזיגע וויסען איז פון א געטליכען מקור, און דער מענש האט דאס געלערנט פון דער ביבעל פון דער באשאפונג און נישט פון דער נארישער ביבעל פון דער קירך, וואס לערנט דעם מענשען קיין זאך נישט.

די גאנצע וויסענשאפט און די אלע מאשינען, וואס מיט זייער הילף איז דעם מענשענ'ס עקזיסטענץ אויף דער ערד געווארען לייכטער און באקוועמער און וואס אן זיי וואלט דער מענש סיי אין זיין אויסזעהן און סיי אין זיין ארט לעבען זיך קוים אונטערשיידט פון א געוויינליכער חיה, קומען פון דער גרויסער מאשין און דעם געביי פון דעם אוניווערז. אונזערע פארצייטיגע פארגייער האבען דורות־לאנג שטודירט, נישט ווערענדיג גאר מיד, די באוועגונגען און די אומדרייאונגען פון די הימעל־קערפער און אזוי ארום געבראכט וויסען אויף דער ערד. ניט משה און ניט די נביאים, ניט ישוע הנוצרי און ניט זיינע אפאסטאלען האבען דאס געטון. דער אלמעכטיגער איז דער גרויסער מעכאניקער פון דער באשאפונג; דער אלערערשטער פילאזאף און לערער פון אלע וויסענשאפטען. לאמיר, אלזוי, זיך אויסלערנען צו ערען אונזער לערער און נישט פארגעסען די ארבייט פון אונזערע פארגייער.

ווען מיר וואלטען ביים היינטיגען טאג נישט געהאט קיין שום ידיעות אין מאשינעריע און ווען עס וואלט מעגליך געווען צו לאזען א מענשען ארומנעמען מיט זיין בליק, ווי איך האב דאס פריהער

באשריבען, דעם געבויי און די מאשינעריע פון דעם אוניווערז, וואלט דער מענש באלד פארשטאנען אויפצושטעלען לכל הפחות אייניגע פון די מעכאנישע ווערק, וואס מיר האבען איצט, און זיין ווי־סען, וואס ער וואלט אזוי ארום באקומען, וואלט דורך דער פראק־טיק זיך פארגרעסערט אלץ מער און מער. ווען מען וואלט, פון דער אנדער זייט, געקאנט פארשטעלען פאר'ן מענשען א מאדעל פון דעם אוניווערז, ווי דער, וואס ווערט אנגערופען א ר ע ר י, און זי געלאזט אין באוועגונג, וואלט דער מענש געקומען צו דיזעלביגע רעזולטאטען. חוץ דעם, וואס דאס זאך וועט אים געבען וויסען, וואס איז ניצליך פאר אים, ווי פאר א מענשען און א מיטגליד פון דער געזעלשאפט, און וועט אויך זיין פאר אים א פארוויילונג, וועט עס אים אויך פיל מער קאנען באאיינפלוסען מיט יראת הכבוד און דאנקבארקייט צו דעם באשעפער, מיט גלויבען אין אים, ווי די נא־רישע טעקסטען פון דער ביבעל און דעם טעסטאמענט, וואס קאנען געבען מאטעריאל בלויז פאר נארישע דרשות, מעג דער פרעדיגער זיין ווי פעהיג און געשיקט. אויב דער מענש מוז פרעדיגען, זאל ער זיך באנוצען מיט טעקסטען, וואס זיינען אמת'דיג, אין פרעדי־גען אזויגס, וואס קאן מאכען דעם צוהערער בעסער און איידעלער.

די ביבעל פון דער באשאפונג איז אומאויסשעפליך אין טעקס־טען. יעדער טייל פון דער וויסענשאפט, צי דאס האט א שייכות מיט דער געאמעטריע פון דעם אוניווערז, מיט די סיסטעמען פון דער וועלט פון חיות אדער פלאנצען, אדער מיט די אייגענשאפטען פון דער נישט־באלעבטער מאטעריע, איז א טעקסט פון פילאזאפיע און תפלה, פון דאנקבארקייט און מענשליכער פארפולקאמענונג. מען וועט אפשר באמערקען, אז אויב עס וועט פארקומען אזא רעוואלו־ציע אין דער רעליגיע, וועט יעדער פרעדיגער דארפען זיין א פי־לאזאף. ג א נ ץ ז י כ ע ר. און יעדעס געבעט־הויז וועט דע־מאלט זיין א שולע פון וויסען.

אזוי פיל ווילדע און גאטלעסטערענדיגע באגריפען וועגען דעם אלמעכטיגען האבען געקאנט געשאפען ווערען נאר דאן, ווען דער מענש איז אוועק פון די אומפארענדערליכע געזעצען פון דער ווי־סענשאפט, האט זיך אפגעזאגט צו באנוצען זיך מיט זיין קלארען

פארשטאנד און אויסגעטראכט א זאך, וואס ער האט א נאמען גע־
געבען געטליכע אנטפלעקונג. די אידען האבען
געמאכט דעם אלמעכטיגען פאר'ן מערדער פון דעם מענשליכען מין,
כדי צו מאכען דערמיט פלאץ פאר זייער רעליגיע. די קריסטען
האבען אים געמאכט פאר א זעלבסטמערדער און א גרינדער פון א
נייער רעליגיע, וואס זאל ארויסשטויסען די אידישע רעליגיע און
פארנעמען איר פלאץ. אבער כדי צו געפינען אן אויסרייד און א
מעגליכקייט פאר אזוינע זאכען, האבען זיי געמוזט אננעמען, אז
זיין מאכט אדער זיין חכמה איז נישט פולקאם, אדער זיין ווילען
איז פארענדערליך. דער פילאזאף וויים, אז די געזעצען פון דעם
באשעפער האבען זיך קיינמאל נישט געענדערט בנוגע די פרינצי־
פען פון דער וויסענשאפט, אדער די אייגענשאפטען פון מאטעריע.
און אויב די זאך איז אזוי, ווארום זאלען מיר אננעמען, אז די דא־
זיגע געזעצען האבען זיך געענדערט בנוגע צום מענשען?

נאך איין באמערקונג און מיין אויפגאבע איז צו ענד. איך
האב ביז איצט געוויזען מיט ראיות, אז די ביבעל און דער טעס־
טאמענט זיינען געפעלשטע ביכער; און זאל דער, וואס קען, אפ־
לייקענען די באווייזען, וואס איך האב געבראכט. איך לאז איבער
דעם לעזער צו פארטראכטען זיך אליין איבער די אידעען, וואס איך
האב סוגערירט ביים שלום פון דעם דאזיגען ווערק, ווייל איך בין
זיכער, אז ווען מיינונגען זיינען פריי, סיי אין פאליטישע און סיי
אין רעליגיעזע ענינים, וועט דער אמת סוף כל סוף מוזען זיגען.

סוף.

פארלאג מאקס יאנקאוויטש

179 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.

	בראָש.	געבונדען
טאָמאָס פּעין :		
די צייט פון פארשטאנד — — — — — — — —		$2.00
מ. ארציבאשעוו :		
סאנין — — — — — — — — — — —		1.50
מיליאנען — — — — — — — — — —		1.00
פרויען — — — — — — — — — — —		.80
אייפערזוכט — — — — — — — — — —	.35	.70
דער לעצטער שטריך (אין 2 בענדער) — —		3.50
אָסקאָר ווײַלד :		
דאס בילד פון דאריאן גרעי — — — — — —		1.50
איסכילאס :		
דער געשמידטער פראָמעטעאוס — — — — —	.20	
מ. אדערשלעגער :		
וועלטלאד (ערצעהלונגען און בילדער) — —	.40	
לעאָניד אַנדרעיעוו :		
דער רויטער געלעכטער — — — — — — —		.70
פ. דאָסטאָיעווסקי :		
אָרעמע מענשען — — — — — — — — —		1.00
ערנידעריגטע און באליידיגטע (אין 2 בענדער)		3.00
פארברעכען און שטראף (אין 2 בענדער) —		3.50
אידיאָט (אין 3 בענדער, 1,000 זייטען) — —		6.00

	בראָש.	געבונדען
וויקטאָר הוגאָ:		
דער מענש וואָס לאַכט (אין 2 בענדער)		3.00
אויגוסט סטרינדבערג:		
דער רויטער צימער		1.40
געזאַמעלטע דראַמען (אין 2 בענדער)		2.75
ליטעראַרישער דעקלאַמאַטאָר און פאָרלעזער	.30	.70
מאַרק אָרענשטיין:		
מיין ווייב׳ס משוגעת	.20	
ה. זודערמאַן:		
יאָהאַנעס פייער	.25	
ל. קאָברין:		
יאַנקעל בוילע	.25	
פר. א. פאָרעל:		
די געשלעכטס פראַגע, קאָמפּליט אין 2 בענדער		4.00
סיני ליכט:		
הומאָריסטישע שריפטען		1.00
סט. פּשיבישעווסקי:		
דעם טייפעל׳ס קינדער		1.20
פונ׳ם אָפּגרונט	.20	
וויניטשענקאָ:		
זיי עהרליך צו זיך זעלבסט		2.50
וואָלטער בראַון:		
יעדע פרוי ווי זי זוכט ליעבע	.30	
עממא גאָלדמאַן:		
הייראַט און פרייע ליעבע	.15	